ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

דער

## שפאלער זיידע

אידיש

**127**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"א לפ"ק

## דער

# שפאָלער זיידע

דאָס איז אַ בעשרייבונג פון די גרויסע וואונדערליכע מופתים וואָס האָט בעוויזען פאַר הונדערט יאָהר צוריק דער גרויסער בערימטער הייליגער צדיק ר' ליב שפאָלער זצ"ל. וואָס מען האָט עם גערופען דער שפאָלער זיידע דא איז אוי בעשריבען געווי זיין וואונדערליכע לעבענס=בעשרייבונג:

דאָס ספר איז אַן איבערזעצונג פון דעם לשון קודש, בעריהמטען ספר

# תפארת מהרא"ל

וועלכעס האָט ערשט מחבר געוועזן דער טאָרלער רבי הגאון המפורסם וכו' מוה"ר יודל ראזענבערג שליט"א פון לאָדז. מחבר הספרים ידות נדרים. שערי זהר תורה. אליהו הנביא. רפאל המלאך. וואָס זיין יחוס שטאַמט אַרויס פון ר' יהודה החסיד זצ"ל. און מיט דעם רשות פון בעל מחבר איז דאָס ספר איבערגעזעצט געוואָרען אויף זשאַרגאָן.

# הקדמה

(איבערגעזעצט פון לשון קודש'ן)

דאָס איצטיגע דור מעג זיך פרייען, וואָס האָט זוכה געווען, אַז אין די היינטיגע צייט זאָל ערשיינען אויף די וועלט דאָס ספר, וועלכעס ברענגט דאָס לעבענס=בעשרייבונג מיט וואונדערליכע מופתים פון דעם גרויסען צדיק, דער שפּאָלער זיידע, וואָס די גאַנצע וועלט האָט מיט עס גערוישט פֿאַר הונדערט יאָהר צוריק. דער נאָמען „שפּאָלער זיידע" איז געווען ביי יעדען אַזוי בעוויסט און אַזוי בעליבט, אַז אפילו קליינע קינדער האָבען געפלעגט שטענדיג ריידען פון עס, און נישט נאָר ביי אידען, נאָר אפילו ביי אַנדערע פעלקער איז אויך געווען דער נאָמען פון שפּאָלער זיידען זעהר חשוב, בעוויייל ער האָט געפלעגט גוים אויך העלפען אויף אַלערליי קראַנקהייטען, משום דרכי שלום, זיי האָבען אויך עס אָנגערופען „דזיאַדעק" און „דיאַדקאָ", אַזוי ווי די אידען האָבען עס גערופען „זיידע". דעסט גלייכען האָבען זיי פֿאַר עס געציטערט צו טוהן אידען שלעכטץ, אויב אַ איד האָט געהאַט עפּעס אַ סכסוך מיט אַ פריץ, האָט דער פריץ גיזעהן צו פערגלייכען זיך מיט'ן איד אויפ'ן גוטען אופן, אַבער ער זאָל עס נישט פאַרמסר'ן פאַר'ן „דזיאַדעק", די מורא פאַר דעם צדיק איז געווען אַזוי שטאַרק אַז אין זיינע צייטען איז נישט פֿאָרגעקומען קיין עלילת דם אויף אידען. ער האָט שטענדיג דעם אויסריף גיפלעגט עפענטליך זאָגען, כדי אַז די גאַנצע וועלט זאָל דאָס וויסען. „פֿאַר קיין עלילת דם ביי מיין ווייסע באָרד, איז נישט דאָ וואָס מורא צו האָבען וואָרען ביי מיר וועט עס צו געהן גאָר פשוט אָהן סלעדסטוועס, איך וועל אויפשטעלען דעם דערהרג'עטען ביי די אוירען, און וועל עס הייסען אויסשרייען ווער עס האָט עס געהרג'עט, זאָן דערנאָהך וועל איך עס הייסען צוריק לעהגען זיך אין דער ערד אַריין". אַזוי האָט זיך דער צדיק געפלעגט אַלע מאָהל אַרוים=צו=ריפען, טייל מאָהל האָט ער נאָך געפלעגט צו צוזאָגען מיט אַ שמייכעל די ווערטער. „איך וועל מיך שוין היינט נישט בענוצען מיט קיין גולם, אַזוי ווי מען האָט זיך אַמאָל בעניצט". די בעדייטונג פון די ווערטער איז אַזוי ווי די גאַנצע וועלט האָט געוויסט אַז דער צדיק ר' ליב שפּאָלער איז דער זעלבער צדיק, וואָס מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק אין יענעם גלגול איז געווען ר' ליב פּראַגער וואָס מען האָט עס גערופען מהר"ל מפראג, און כדי מלחמה צוהאַלטען קעגען דעם פינצטער'ן עלילת דם האָט ער בעשאַפען אַ גולם, אַזוי ווי עס איז בעשריבען גענוי אין דעם בערימטען ספר נפלאות מהר"ל. די גאַנצע וועלט האָט געגלויבט אַז דער אויסריף פון שפּאָלער זיידען איז אמת. וואָרען לויט זיינע גרויסע וואונדערליכע מופתים וואָס ער האָט בעוויזען, האָט יעדער געקאָנט פערשטעהן, אַז מחיה מתים צו זיין אַ מת

אויף

אַ שעה צײַט, איז נישט בײַ דעם צדיק פון די שווערע זאַכען, וואָרען החוץ בײַ דעם בעל שם טוב, האָט מען נישט צו גיזעהן אַזעלכע גרויסע וואונדערליכע מופתים בײַ קיין שום צדיק, ווי בײַ דעם שפּאָלער זיידען. און צום סוף איז במשך פון די הונדערט יאָהר, וואָס זענען שוין פערבײַ געלאָפען נאָהך זיין פטירה, כמעט שוין אינגאַנצען פאַרגעסען געוואָרען דאָס גדלות פון דעם הייליגען צדיק. אַלזאָ האָב איך אָנגעהויבען חוקר ודורש זיין און זאַמלען מאַטריאַל, עס זאָל אַלץ ווערען בעשריבען און אַ ספר, כדי דער נאָמען פון דעם הייליגען צדיק זאָל קיינמאָהל נישט פאַרגעסען ווערען, פיעל זאַכען האָב איך מלקט גיווען פון אַלטע ספרים, פיל זאַכען האָב איך איבער גענומען בעל פה פון גרויסע תלמידי חכמים. און איבער הויפּט האָב איך אַרײַנגענומען אין דעם ספר פון די כתבים, וואָס האָט בעשריבען דער משמש פון שפּאָלער זיידען ר' איזיק סקווירער, וועלכע איך האָב בעקומען, פון זיינע צוויי אוהר אוהר אייניקלעך, ר' אַייזיקל אורשאַטאָוו, און ר' חאַצקעלע קעלמאַנאָוויטש, וואָס האָבען זיערע לעצטע יאָהרען געוואָהנט אין וואַרשאָ, אויך האָב איך בעקומען אַביסעל שטאָף פון דעם שפּאָלער רב, הגאון ר' אהרן מרדכי קראמער שליט"א און פון דעם פלינסקער רב, הגאון ר' צבי יחזקאל מיכלזאהן שליט"א און פון הגאון ר' אברהם סג"ל איטינגא פון "דוקלא=גאַליציאַן" וועלכער איז אַ' אייניקעל פון דעם גרויסען גאון ר' שלמה קליגער ז"ל דאָס זענען די ערליכסטע און ריכטיגסטע קוועלער, פון וואָס דאָס ספר איז צוזאַממען געשטעלט געוואָרען.

די הקדמה ביז אַהער האָבען מיר איבערגעזעצט פון דער הקדמה וואָס האָט אָנגעשריבען אין לשון קודש דער טאַרלער רבי הרב הגאון המפורסם ר' יודעל ראזענבערג שליט"א, וואָס וואָהנט היינט אין לאָדז, דער מחבר פון פיל ספרים, און ער איז אויך דער בעל מחבר פון דעם ספר אויף לשון הקודש מיט דעם נאָמען תפארת מהרא"ל. ליידער אָבער מוזען מיר מודיע זיין דעם אמת, אַז עס איז נאָך געבליבען פיל זאַכען, וואָס דער בעל מחבר האָט אונז נישט ערלויבט איבער צו זעצען אויף זשאַרגאָן, צוליב זיינע געוויסע פערבאָרגענע טעמים, דאָך פערהאָפען מיר אויף געווים, אַז דער לעזער וועט אַזוי אויך גאַנץ גענוג אַנזעטען זיך מיט פיעל פערגעניגען פון דעם ספר, און יעדער לעזער וועט געווים זעהן מודיע צו זיין פון דעם בעריהמטען ספר אַלע זיינע חברים. יעדער זאָל עס קויפען, כדי אַז דער נאָמען פון דעם הייליגען צדיק מיט זיינע גרויסע וואונדערליכע מופתים, און מיט זיין גרויס צדקות און פיעל נוטץ, וואָס ער האָט געפלעגט טוהן אַממייננסטענס און די אָרימע אידישע בעפעלקערונג זאָל קיינמאָל נישט פאַרגעסען ווערען, און זיין זכות זאָל מגין זיין עלינו ועל כל ישראל אמן.

## (ב)

### דאָ שטעהט בעשריבען ווי דער שפּאַלער זיידע איז געבאָרען געוואָרען, ווי אַזוי ער איז גרויס געוואָרען און איז זעהר מפורסם געוואָרען דורך זיינע גרויסע מופתים.

נעבען די שטאָדט „אומאַן" אין רוסלאַנד קיעווער גובערני׳ ווייט פון אומאַן" בערך אַ מייל וועגס, געפונט זיך אַ גרויס דאָרף, וועלכעס האט געהערט צום גראַף „פּאָטאָצקי" וואָס האָט געוואָהנט אין אומאַן אין דעם גרויסען סאָפּיעווקער פּאַלאַץ. אין יענעם דאָרף האָט געוואָהנט דעם גראַף פּאָטאָצקעס אַ אידישער פּאַסעסאַר, וועלכער איז גיוועען אַ שעהנער עושר. דער נאָמען זיינער איז געוועען ר׳ ברוך גרונדי. ער איז געקומען קיין רוסלאַנד פון „ביהמען" און איז פון דאָרט ענטלאָפען אין דער צייט, וואָס אידען האָבען דאָרט געהאַט גרויסע רדיפות מיט פיעל צרות. דער פּאַסעסאַר ר׳ ברוך, האָטש ער איז נישט גיוועען קיין תלמוד חכם, נאָר גאָר אַ פשוט׳ר בעל הבית, פונדעסטוועגען האָט ער זיך געפיהרט אַזוי פרום אין יודעשקייט ווי אַ גדויסער צדיק. זיין ווייב האָט געהייסען „רחל". זי איז אויך גיוועען אַ גרויסע צדקת. פיעל צדקה און גמילת חסד האָבען זיי געטוהן. אַמאיינסטענס האָבען זיי זיך פערלעגט אין דעם דאָרף מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת אורחים, צו ליעב וועלכען זיי האָבען פאָרברייטיגט אַ בעזונדער הויז מיט איינצעלנע שטיבלעך. אין יעדען שטיבעל איז געשטאַנען צוויי בעטען מיט בעטציינג, און אַ טיש מיט בענקלעך. זייער מנהג איז גיוועען צו ערלויבען די אורחים זאָלען זיך דאָרט אויפהאַלטען אַ גאַנצע וואָך. אַלע טאָג האָבען זיי בעקומען צוויי מאָהל עסען. און שבת האָבען אַלע אורחים גיגעסען צוזאַממען ביי איין טיש מיט דעם ר׳ ברוך׳ן. און אויב עס איז גיוועען ווייבער מיט די אורחים, האָבען זיי אַלע גיגעסען צוזאַמען אין באַזונדערע שטיב ביי איין טיש מיט ר׳ ברוך׳ס ווייב. אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ אורח מיט ווייב און קינדער האָט מען זיי אָנגיגעבען אַ באַזינדער שטיבעל. אָבער אַז דער אורח האָט מיט געהאַט אַ ווייב אָהן קינדער, האָט מען זיי נישט געוואָלט אָנגעבען אַבאַזינדער שטיבעל, בעוויייל ער האָט איבערניקלערט, טאָמער איז דאָס נישט קיין מאַן און ווייב. נאָר די ווייבער האָבען זיך געמוזט אויפהאַלטען אין אַ בעזונדערן גרויסען צימער, וועלכער האָט געהאַט אַריינגאַנג פון דער אַנדערע זייט הויז. אַזוי אַז עס האָט זיך גאָר נישט פעראייניגט מיט די איבעריגע קליינע צימערען. איידער די אורחים זענען פון דאָרט אַוועק האָבען זיי בעקומען נדבות. די מאַנסלייט האָט ר׳ ברוך געטיילט נדבות, און די אָרימע ווייבער האָט זיין ווייב רחל געטיילט נדבות. נאָך אַ מנהג האָט דער ר׳ ברוך געפלעגט האָבען, אַז אַזוי באַלד עס איז אָנגעקומען אַ אָרימער אורח וואָס פאָהרט אַרום מיט אַ געמיין פערד און וועגעלע, אַנצוקלויבען סמאַטעס מיט ביינער, און ווי געוועגליך האָבען זיי דאָך אַזעלכע פערדלעך וואָס קריכען קוים, און אויב עס האָט זיך גראַדע געפונען

צווישען

צווישען דעם פאסעסערס פערד, אזעלכעס וואס עס איז אבגעשטאנען און מען האט שוין נישט געקענט דערמיט ארבייטען שווערע ארבייט, האט ער דאס פערד אוועק געשענקט דעם ארימען סטאטשארש.

ווען דער הייליגער בעל=שם איז נאך געוועזען גאר א יונגער מאן. איז ער געוועזען א בעהאלטענער צדיק און האט געליטען גרוים דוחק אין דער פרנסה, ער האט זיך מפרנס געוועזען פון יגיע כפו מיט א פערד און וועגעלע, אויף וועלכען ער האט געפלעגט אריינפיהרען אין שטאדט אריין צו פערקויפען א מאהל זאמד און א מאהל ליים. זיין ווייב האט יא געוויסט וואס ער איז, האט זי אויך עם רחמנות געהאט, און חאטש זי איז געוועזען א גרויסען מאגס א טאכטער, פון דעסטוועגען האט זי עס נישט געלאזט אליין ארבייטען נאר זי איז מיטגעפאהרען און האט עם געהאלפהן גראבען דאס זאמד אדער דאס ליים און ארויפלעהגען אויפ'ן וועגעלע. צוליב די נידריגע און ארימע פרנסה פלעגען זיי אמאהל ארום צופאהרען פון איין שטאדט צו דער צווייטע און מיט דעם זיך צו באשעפטיגען. קיינער האט זיי נישט נאכגעקוקט, בעוודאי יעדער האט גירעכענט, אז זיי זענען פון דעם סארט ארימעלייט, וואס שלעפען זיך ארום שטענדיג אונטערוועגענס.

אמאהל האט זיך געמאכט אז דעם בעל שם'ס פערדעל איז זעהר אבגעשטאנען, און עס איז אוממעגליך געוועזען שוין צו פיהרען דער מיט א שווערע משא. עס האט שוין קוים געקאנט דעם לעהדיגען וואגען שלעפען. און קיין געלד אויף אנאנדער פערדעל צו קויפען האט ער נישט געהאט, דארך דעם איז דער בעל שם געוועזען אין א גרויס ענגשאפט. האט זיך געמאכט אז ער האט זיך צוזאמען געטראפען מיט אנדערע ארימעלייט, האט ער זיך פאר זיי שטארק בעקלאגט וועגען זיין ענגשאפט, האבען זיי עם גינעבען א עצה, ער זאל פאהרען אין דעם דארף אריין ווי דער פאסעסאר ר' ברוך וואהנט. דארט וועט ער בעקומען עטליכע רובל א נדבה, און עס קאן נאך זיין ער זאל גראדע טרעפען אז ביי דעם פאסעסאר געפינט זיך א פערד, וועלכעס טויג שוין נישט פאר איהם, וועט דער פאסעסער זיכער עם דאס שוואכע פערד אוועק שענקען, און ער וועט נאך קאנען פיהרען דער מיט ווי לאנג זאמד מיט ליים. דער בעל=שם האט זיי געפאלגט, און ער מיט'ן ווייב האבען אנגעהויבען פאהרען צו דעם פאסעסאר..

נאך א לאנגע און שווערע נסיעה איז דער בעל שם מיט זיין ווייב אנגעקומען אין יענעם דארף אריין, זיי האבען ערשטענס אבגערוהט זיך אביסעל אין דער הכנסת אורחים שטיב. מען האט זיי באלד דערלאנגט עסען און זיי האבען זיך דערקוויקט. ווען דער בעל שם האט זיך געזעהן מיט דעם ר' ברוך פאסעסער האט ער זיך באלד פאר עם בעקלאגט וועגען די צרה פון פערד. האט ר' ברוך באלד זיך אנגעפרעגט ביי זיינע קנעכט, צו עס געפינט זיך נישט עפעס א שוואך פערד, וועלכעס ווערט שוין נישט בעניצט צו דער ארבייט. האבען זיי געזאגט אז עס איז טאקי

דא

דאָ אַזוי פֿערד. האָט ר׳ ברוך נעהייסען אוועק נעמען דאָס פערד צו דעם אורח. דער בעל שם האָט זיך דערפרייט מיט דער מתנה. אָבער דאָך איז ער נישט אומשטאַנד גיווען באַלד אַהיים צו פאָהרען. בעווייל ער מיט׳ן ווייב זענען בײדע שטאַרק מיד געווען פון דעם ווייטען וועג וועלכען זיי זענען מעהר נעגאַנגען צו פוס ווי געפאָהרען. אַלזאָ איז ביי זיי געבליבען זיי זאָלען זיך דאָ אַביסעל אָפּרוהן עטליכע טאָג ביז נאָהך שבת. דער בעל שם האָט גיבעהטען ביי דעם פּאַסעסער ער זאָל אָבגעבען פאַר עס מיט זיין ווייב אַ באַזונדער שטיבעל ביז נאָהך שבת. אָבער ר׳ ברוך האָט עס גיענטפערט. מיין ליבער ר׳ איד האָט גישט פאַראיבעל. דאָס קאָן איך נישט טוהן. בעווייל איך פיהר זיך שוין לאַנג אַזוי, אַז עס קומט אַ אורח מיט אַ ווייב אָהן קינדער. גיב איך זיי נישט אָב קיין באַזונדער שטיבעל. נאָר דער אורח האַלט זיך אויף אין די שטיבלעך. און די פרוי אין דעם אָבגעזונדערטען גרויסען צימער. בעווייל איך קאָן דאָך נישט די אורחים וואָס זיי זענען דער בעל שם האָט עם גיענטפערט אַז עס איז טאַקי גאַנץ גלייך אַזוי. און ער איז דאָרט פערבליבען איבער שבת. מען האָט אין עם נאָר נישט דערקאָנט, בעווייל ער האָט זיך געפיהרט גאַנץ פשוט, אַזוי ווי אַלע אָרימע לייט.

דעם זעלבען שבת צו נאַכט׳ס האָט דער פּאַסעסער ר׳ ברוך נישט געקאָנט אַזוי גיך איינשלאָפען. בעווייל ער האָט זיך שבת בייטאָג גאַנץ גוט אויסגעשלאָפען, איז ער גילעגען אין בעט און האָט געהאַלטען אָפען די אויגען. האָט ער פלוצלונג דערזעהן אַז אין איין פענצטער פון די הכנסת אורחים שטיבלעך איז זעהר ליכטיג. ער האָט מתחילת גע-קלעהרט אפשר איז דאָס ליכטיגקייט פון די לבנה. ער האָט זיך אָבער באַלד איבערגערעכענט אַז די נאַכט קאָן נאָר די לבנה ניט שיינען. אַלזאָ האָט ער איבערגעקלערט אויב עס מאַכט זיך נישט דאָרט עפּעס קיין שרפה. האָט ער זיך געשווינד אָנגעטוהן און איז אַליין אַהינגעלאָפען זעהן. וואָס דאָרט טהוט זיך עפּעס. אַז ער איז אַהינגעקומען האָט ער גוט באַמערקט אין וועלכען שטיבעל עס איז אַזוי שטאַרק ליכטיג. איז ער צוגעגאַנגען צו די טיהר און האָט אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַרע, האָט ער גיזעהען אַז איינוועהניג ברימט עמעצער מיט זעהר אַ מורא׳דיג קול. עס איז אויף עם באַלד געפאַלען אַ גרויסע אימה. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט גוט אויסצוהערען און גוט צו צוקוקען. האָט ער גיזעהן אַז דער נייער אורח פון פערד און וועגעלע זיצט אויף די ערד די פוס פערלעגט. די העמד אויסגעשפרייט אין דער הויך. דאָס פנים האָט זעהר געשיינט. פון די אויגען האָבען זיך געגאָסען טרערען. דער אורח האָט דאַמאָלס אָנגירעכט חצות און האָט געברימט דעם פסוק „למה לנצח תשכחנו תעזבנו לאורך ימים”. נאָך האָט ר׳ ברוך דערזעהן אין דעם שטיבעל אַז עס שטעהט אין דער זייט אַ הויכער מענש מיט

אַ לאַנגע ווײַסע באָרד, געקליידעט אין גאַנצען אין ווײַסען. פון דעם מענש האָט אויך אַרויסגעשײַנט אַ גרויס ליכטיגקייט. אויף דעם פּאַסעסער ר׳ ברוך איז אָבער געפאַלען באַלד אַזאַ פּחד און אֵימה אַז ער איז אַנידערגעפאַלען אין חלשות נעבען די טיהר.

אַזוי ווי דער בעל שם האָט דערהערט אינוועהניג דאָס קול פון דעם פאַל, איז ער באַלד צוגעלאָפען צו דער טיהר עפענען. די טיהר האָט זיך אָבער נישט אַזוי גרינג געקאָנט עפענען. בעוויַל דער קערפּער פון פּאַסעסער האָט פערלעהגט די טיהר. דער בעל שם האָט זיך געשטאַרקט און האָט אַביסעל גיעפענט. אַזוי ווי ער האָט דערזעהען ווער דאָ ליגט האָט ער באַלד אָנגעהויבען אויפמונטערען עם, ביז ער האָט עם דערוועקט. האָט דער בעל שם אַרײַנגעפיהרט דעם פּאַסעסער צו זיך אין שטיבעל אַרײַן ער זאָל גוט קומען צו זיך. אַז דער פּאַסעסער האָט צוריק בעקומען זײַן פערשטאַנד מיט זײַנע קרעפטען, האָט ער ערשט אָנגעהויבען צופאַרשטעהן אַז דאָס איז נישט קיין פּראָסט אידעל. האָט ער ערשטענ׳ס אָנגעהויבען עם איבערצובעהטען, וואָס ער האָט עם חושד גיוועזען אַז אפשר איז די פּרוֹי נישט זײַן ווײַב. און איז געפאַלען דעם בעל שם צו די פיס און האָט אָנגעהויבען שטאַרק וויינען. דער בעל שם האָט עם אויפגעשטעלט און האָט אויף עם נוזר גיוועזען ער זאָל פאַר קיינעם גאָר נישט דערצעהלען וואָס ער האָט דאָ גיזעהן, ווי לאַנג ער וועט לעבען. דער נאָהך האָט דער בעל שם גיבענשט דעם ר׳ ברוך׳ן ער זאָל זוכה זײַן צו אַ זוהן וואָס וועט זײַן אַ גרויסער צדיק און וועט דערהאַלטען די וועלט. דערבײַ האָט דער בעל שם גיוואָרענט ר׳ ברוך׳ן, אַז זײַן ווײַב זאַל זיך בײַ דעם קינד נישט פיהרען אַזוי ווי ביז אַהער, וואָס זי האָט צוגענומען, זײַנערענם צו זײַ. נאָר דאָס קינד זאָל זי אַליין דערכאָוים זייגען. האָט ר׳ ברוך געזאָגט. מײַן ווײַב איז דאָך אָבער אַ שוואַכע און זי קאָן נישט בשום אופן אַליין זייגען. און אויסער דעם. האָט זי נאָך אַ שלאַפקייט, וואָס דאָקטוירעם זאָגען אַז זי וועט שוין קיין קינדער נישט קענען האָבען. האָט דער בעל שם געזאָגט. דאָס איז טאַקי אמת אַז על פּי דרך הטבע קאָן זי שוין נישט טראָגען ווערען. אָבער דאָ וועט דער אויבערשטער אַ נס טוהן אַז זי וועט יאָ טראָגען ווערען, פון איהר קראַנקהייט וועט זי געהיילט ווערען, און זי וועט נאָך האָבען כח אַליין דאָס קינד צו זייגען. האָט ר׳ ברוך געזאָגט, אמן, הלואי עס זאָל אַזוי מקוים ווערען.

אין אַ קליינע וואַלע אַרום האָט דער פּאַסעסער ר׳ ברוך זעהר איבערגיבעטען דעם בעל שם און האָט צו עם געזאָגט. איך וואָלט זעהר גערען געפרעגט אײַך עפּעס. האָט דער בעל שם צו עם געזאָגט, מעגסט פרעגען האָט ר׳ ברוך געפרעגט. איך וויל זעהר וויסען. ווער איז דאָס גיוועזען דער ליכטיגער מענש בײַ אײַך אין שטיבעל. האָט דער בעל שם צו עם געזאָגט. דאָס איז אַ נשמה פון זעהר אַ גרויסען צדיק. און בעוויַל די האָסט

די

די זכיה נעהאַט עֶס אַצינד צו זעהן מעג איך דיר מגלה סוד זיין, זאָלסט וויסען אַז דאָס איז די נשמה פון גרויסען צדיק רבי ליב פון פּראָג, וואָס מען האָט עֶס גערופען מהר"ל מפראג. זיין נשמה איז ווייניג אַראָבגעשיקט געוואָרען אויף דער וועלט אַרויסצוהעלפען אידען פון זייער נויט. און אַזוי ווי דיין יחוס שטאַמט אַרויס פון מהר"ל, האָסט דו זוכה גיוועזען, דאָרך דיינע מעשים טובים וואָס דו טוהסט גוטס מיט פיעל אָרימעלייט, אַז די היילינגע נשמה זאָל מגולגל ווערען אין דיין זרע. בעוויל יעדער נשמה ציהט מגולגל צו ווערען אין דער זעלבער משפחה. נעכער ווי אין אַ פרעמדע משפחה אַלזאָ זאָלסט דו דעם קינד אויך אַ נאָמען געבען „ליב" און איך בין דיר מבטיח אַז איך וועל זעהן דעם זוהן וואָס וועט דיר געבאָרען ווערען. און איך וועל עס בענטשען. דער פּאַסעסער ר' ברוך האָט פאַר גרויס שמחה אָנגעהויבען צו וויינען, בעוויל ער האָט נאָך ביז אַהער קיין זוהן נישט געהאַט.

נאָהך דעם האָט ר' ברוך ווייטער זעהר שטאַרק איבערגעבעטען דעם בעל שם און האָט צו עס געזאָגט. גיבט מיר רשות נאָך איין שאלה אייך איבער צופרעגען. זאָגט מיר אייער נאָמען און פון וואַנעט איהר זענט. און איך פערלאַנג זעהר פון אייך, איר זאלט שוין די שווערע און נידריגע פרנסה אַוועקוואַרפען. איך נעם מיך אונטער איך זאָל אייך אוים האַלטען מיט פרנסה בכבוד ווי לאַנג איך וועל לעבען. האָט דער בעל שם צו עס געזאָגט. דאָס פרעג מיך נישט, און דאָס קאָן איך דיר נישט צוליב טוהן. בעוויל עס איז נאָך נישט געקומען די צייט איך זאָל נתגלה ווערען אויף די וועלט. און ביז די ריכטיגע צייט וועט קומען, מיז איך אַזוי אָרום לעבען. און זאָלסט וויסען, אַז דאָס זעלבע וועט זיין מיט דיין זוהן. איידער ער וועט מפורסם ווערען אויף די וועלט, וועט ער לעבען בצער און בדוחק. אָבער דערנאָהך וועט ער שיינען אויף די וועלט אַזוי ווי די זון שיינט. מעהר זאָלסט דו מיך שוין קיין שום שאלות נישט פרעגען. און איך זאָג דיר אָהן, אַז אַזוי לאַנג ווי די וועסט לעבען זאָלסט דו פאַר קיינעם נישט דערצעהלען פון דעם אַלעם וואָס די האָסט דאָ גיזעהן, און פון וואָס איך האָב מיט דיר גירעדט. זאָלסט מיך גאָר נישט מכבד זיין מעהר פון אַנדערע אורחים אָרימעלייט, ווען איך וועל מאָרגען אַוועקפאָהרען. נאָהך דעם איז ר' ברוך אַהיים געגאַנגען שלאָפען צומאָרגענס איז דער בעל שם פון דאָרט אַוועק געפאָהרען מיט דעם נייען פערדעל, און קיין מענש האָט נישט געוויסט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען די נאַכט. נאָר וואָס ר' ברוך האָט זיך דאָס אַלס פערצייכענט ביי זיך אין ספר הזכרון.

---

(ג).

עס איז פערביינגעגאַנגען אַ קורצע צייט האָט די צדקת רחל דעם פּאַסעסערס

פּאַסעסערט ווייב נעדאַרפט צו נעהן טבילה. דאָס איז ניעווען חנוכה צייט זי פּלעגט ווענען דעם אַריינפאָהרען אין אַ שעהנע קאַרעטאַ מיט איהר׳ס אַ דינסט אין שטאָדט אומאַן. זי פּלעגט פערפאָהרען פאַר אַ בעקאַנטע אַכסניא מיט די קאַרעטאַ און ביינאַכט האָט זי מיטגענומען די דינסט פאַר אַ שומר אין זענען געגאַנגען צוזאַממען צו די טבילה. נאָהך די טבילה פלעגען זיי צוזאַממען צוריק צו נעהן אין דער אַכסניא אין פון דאָרט גלייך אַהיים פאָהרען. דאָס מאָהל איז אָבער די טבילה נישט פשוט צו געגאַנגען. דער שטן איז געוואָהר געוואָרען אַז די גרויסע הייליגע נשמה דאַרף דאָרך די טבילה געבאָרען ווערען, האָט ער זיך פערלעגט די זאַך צו שטעהרען, מיט דעם אַז די טבילה זאָל נישט צוגעהן אַזוי גלאַט כשר.

און אַזוי ווי די צדקת רחל איז אַרויסגעגאַנגען נאָהך די טבילה איז אויף איר אַראָבגעשפּרינגען אַ שוואַרצע קאַץ פון דאַך אַראָב. זי האָט זיך פון דעם זעהר איבערגעשראָקען, און איז צוריק נאָך אַ מאָהל זיך טובל זיין בעוויל זי האָט באַגעגענט אַ דבר טמא. חאָטש זי איז גיווען אַ שוואַכע און דאָס וואַסער איז גיווען נישט גוט געוואַרעמט. דאָך האָט זי נישט געקוקט. און האָט זיך דאָס צווייטע מאָהל טובל גיווען. ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען נאָהך דער צווייטער טבילה איז ווייטער פּלוצלונג פערביינעלאָפען פאַר איר אַ חזיר אַזוי נאָהנט אַז דאָס חזיר האָט זי אָנגעריהרט רחל איז ווייטער שטאַרק איבער געשראָקען געוואָרען, זי האָט זיך אַביסעל אָבגערוהט און איז ווייטער צוריק געגאַנגען זיך טובל זיין דאָס דריטע מאָהל, חאָטש עס איז ביי איר גיווען שיעור סכנת נפשות. ווען רחל איז אַרויסגעגאַנגען נאָהך דער דריטער טבילה, איז ווייטער איר אַקעגען געקומען אַ גרויסער שוואַרצער הונד. וועלכער האָט אויף איר אָנגעהויבען שטאַרק בילען. ע איז ווייטער אַזוי שטאַרק דערשראָקען גע־וואָרען אַז זיא איז שיעור נישט אַנידערגעפאַלען אויף דעם שניי אין חלשות, אָבער די דינסט וואָס איז מיט איר מיט געגאַנגען האָט זי דער־האַלטען זי זאָל נישט פאַלען, און האָט אָנגעהויבען אָבצורעדען איהר בעל־הבית׳טע, זיי זאָלען אַזוי אַהיים פאָהרען, אין זי זאָל שוין מעהר נישט היינט צוריק געהן זיך טובל זיין, נאָר זי זאָל מאָרגען בייטאָג פאָהרען זיך טובל זיין. וואָרען די דינסט האָט פערשטאַנען אַז אַזוי ווי איהר בעלהבית׳טע איז זעהר אַ שוואַכע, וועט זי זיך געווים פערקיהלען אויב זי וועט ווייטער צוריק געהן דאָס פירטע מאָהל זיך טובל זיין. אָבער די צדקת רחל האָט געזאָגט. אַז זי פערשטעהט אַז דאָס פריבט מען זי פון הימעל, בעוויל אַזעלכע אויסגעוועגליכע זאַכען האָט זיך נאָך איר קיינמאָל נישט געטראָפען, אַלזאָ מוז זי געהן דאָס פירטע מאָהל זיך טובל זיין, חאָטש זי שפּירט ביי זיך אַז דאָס איז פאַר איר אַ סכנה. זי האָט זיך געשטאַרקט מיט די לעצטע קרעפטען, און איז צוריק געגאַנגען זיך טובל זיין דאָס פירטע מאָהל

צוליעב די קעלט איז רחל שוין גיוועזן אַזוי שוואַך. אַז זי האָט שוין

שוין קיין כח נישט געהאַט אַראָב צו ציהען פון זיך די מלבושים. נאָר די דינסט האָט שוין געמוזט זיין איר בײַהילפיג אין דעם. אָבער אַצינד בײַ דעם פיערטען מאָהל זיך טובל זיין איז איר אַ נס געשעהן אין וואַסער. זי האָט געשפּירט אַז דאָס וואַסער פון דער מקוה איז פלוצלונג וואַרעם געוואָרען און אויסערדעם האָט זי דערשפיהרט פון דעם וואַסער זעהר אַ גוטען גערוך, חאָטש דאָס מקוה וואַסער האָט מען גיפלעגט שטענדיג שלעכט שפּיהרען, אַצינד איז דאָס פאַרקערט געוואָרען אויף גן עדן וואַסער. רחל האָט זעהר אַ הנאה געהאַט פון דעם וואַסער. און זי האָט געשפּיהרט אַז עס קומט איר צו כח מיט געזונד אין דעם וואַסער האָט זי זיך נאָר נישט געאײַלט אַרויסצוגעהן. די דינסט ווײַטער האָט שוין געמײנט אַז די בעל=הבית'טע האָט שוין קיין כח נישט אַרויסצוגעהן, האָט זי אַראָבגעשריגען צו איר. וואָס זי מאַכט. אָבער די בעל=הבית'טע האָט זי בערוהיגט זאָל זיך פאַר איר גאָר נישט שרעקען. נאָכדעם די טבילה האָט רחל געשפּיהרט בײַ זיך, אַז זי איז געהײַלט געוואָרען פון אַלע איהרע פעהלערען, און אַז זי האָט בעקומען נאָר פרישע קרעפטען. פון דעם נס האָט זי נאָר נישט דערצעהלט. בײַ דעם יעצטיגען אַרויסגעהן איז זי געפאַרען שוין אויף אַזאַ עצה. זי האָט געהײסען די דינסט זאָל דעפיור אַרויסגעהן. רחל האָט זיך אין איר פון הינטען אָנגעהאַלטען און איז איר נאָכגעגאַנגען מיט פערמאַכטע אויגען. כדי זי זאָל גאָר נישט זעהן אויב עס וועט עפּעס ווײַטער פאָרקומען אַ דבר טמא. אָבער אַצינד איז שוין קיין שום שלעכטס נישט פאָרגעקומען. און זיי זענען בײדע בשלום אַרײַנגעקומען אין זײַער אכסניא. ווי די קאַרעטע האָט אויף זיי געוואַרט. ווען רחל איז אַרײַנגעקומען אין דער אַכסניא. האָט מען פון איר געשפּיהרט דעם גוטען גערוך פון דעם וואַסער. דעם בעל אכסניא'ס ווײַב. מײנענדיג אַז דער גערוך איז פון אַ מין טײַערען זײף אָדער פון עפּעס אַ מין פּאַרפום, האָט זי געפרעגט רחל'ן אין וועלכע אַפּטײק מען בעקומט דאָס צו קויפען. רחל האָט איר ניענטפערט אַז דאָס בעקומט מען געוויס נישט אין די היגע אַפּטײַקען, נאָר דאָס האָט איר דער מאַן געברענגט אַ מתנה פון אויסלאַנד. דעם בעל אכסניא'ס ווײַב האָט איר זעהר מקנא געווען. און האָט צו איר געזאָגט מיט אַ שמײכעל ווי וואָהל איז דאָס צו זײַן אַ נגיד. נאָר די נגידים קאָנען בעקומען אַלץ וואָס זײַער הארץ גליסט. רחל האָט נישט לאַנג זיך געזוימט און איז באַלד מיט איהר דינסט אַהײם געפאָהרען.

ווען רחל איז אַהײם געקומען האָט מען אַלץ געשפּיהרט פון איר דעם גוטען גערוך פון דעם וואַסער. דער פּאַסעסער ר' ברוך האָט אויך אַזוי גערעכענט, אַז רחל האָט זיך געקויפט אין שטאָדט אַזאַ טײַערען פּאַרפום. עס האָט דאָס גאַנץ גוט פערדראָסען. דאָך האָט ער נישט געוואָלט איר באַלד דאָס פאָרוואַרפען. נאָר ער האָט געוואַרט אויף אַ פּאַסענדען מאָמענט דער צו. רחל האָט אָבער באַלד באַמערקט, אַז איהר מאַן איז עפּעס אויף איר צאָרענדיג. און זי האָט באַלד פערשטאַנען אַז נישט אַנדערש נאָר איהר מאַן איז זי חושד אַז זי האָט אויסגעגעבען פיעל געלד אויף דעם. האָט זי

מיט

מיט אַ שמייכעל אַריינגערופען איהר מאַן אין אַבעזונדער חדר און האָט עס געפרעגט. וואָס די מעשה איז וואָס ער נעהט עפּעס אַרום פערדראָססיג. האָט ער איר גיענטפערט. „נו פאַר וואָס זאָל מיך נישט אויף דיר פערדריסען? דו זעהסט אַלע טאָג גאַנץ געגוג, ווי עס דרייען זיך געבעך אַרום פיעל אַרימעלייט פון אונזערע ברידער וואָס האָבען נישט קיין העמד אויפ'ן לייב אָנצוטוהן און אויך נישט קיין שטיקעל ברויט צו עסען, און די פערגינסט דיר צו שפּאַנדירען געלד אויף פּאַרפום. און לויט ווי איך פערשטעהע איז דאָס נישט פון די וואָלוועלע זאַכען. נו אדרבא רעכען דיך גיט איבער צו דאַרף מען דאָס נויטיג? צו קאָנסט די דען מיך נישט אַז איך האָב נישט קיין הנאה פון אַזעלכי נאַרישקייטען? צו ווייסטו דען נישט אַליין אַז איך ליב דיך ערליך. נאָר צוליב דעם וואָס די האָסט אַ גוט און פרום האַרץ, אָבער נישט צוליב דעם וואָס די וועסט דיך שמירען מיט פאַרפום! נו אדרבא זאָג דו אַליין, צו וואָלט נישט גלייכער גיווען דאָס געלד איינצוטהיילען צווישען אונזערע אָרימע ברודער. מען זאָל זיי דאָס לעבען דערהאַלטען"

אַזוי ווי רחל האָט דערהערט די תוכחה פון איהר מאַן, האָט זי זעהר געלאַכט, און האָט צו עם געזאָגט. „הער נאָר אוים מיין מאַן! אפשר וועסט דו מיר ערלויבען צו פרעגען דיך די זעלבע שאלה וואָס בלעם'ס עהזעל האָט גיפרעגט בלעם'ן—ההסכן הסכנתי לעשות לך כה?— דאָס איז טייטש, צו בין איך דען געוואָהנט געווען דיר אַזעלכעס צו מאַכען? אַלזאָ האָסט דו אַליין געדאַרפט פאַרשטעהן אַז דאָ מוז עפּעס זיין אַ סוד". האָט ר' ברון איר גיענטפערט. דאָס זאָגסט דו טאַקי אמת אַז דו ביזט קיינמאָל נישט געוואָהנט גיווען צו אַזעלכע נאַרישקייטען. אַלזאָ בין איך טאַקי זעהר נייגעריג צו וויסען דעם סוד, וואָס דאָ איז עפּעס פאָרגעקומען. דאַן האָט רחל פאַר איהר מאַן אַלס דערצעהלט, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען ביי די טבילה. האָט ר' ברוך איר גיענטפערט מיט אַ שמייכעל. „נו אַזוי זייד שוין רויכטיג". רחל האָט נישט פערשטאַנען וואָס דער מאַן מיינט. אָבער ר' ברוך האָט גוט פערשטאַנען זיינע רייד, אַז ער זעהט שוין אַ גוטען אָנהייב פון דעם נביאות, וואָס דער פערבאָרגענער צדיק האָט עם נעהאַט געזאָגט, און דאָס בעווייזט אַז פון דער טבילה וועט געבאָרען ווערען אַ גרויסער צדיק. וואָס דער ריח פון גן עדן וועט מיט עם מיט קומען. ר' ברוך האָט גיבעהטען ענטשולדיגונג ביי זיין ווייב רחל. וואָס ער האָט זי חושד גיווען בחנם, און זיי ביידע האָבען אָבגעגעבען אַ לויב צום אויבערשטען פאַר דעם נס, און דער גיטער גערוהך האָט זיך פון די צדקת רחל שוין קיינמאָהל נישט אָבגעטוהן, כל זמן זי האָט נאָך גילעבט.

דאָס נביאות מיט די ברכה, וואָס דער בעל שם האָט נעהאַט צוגעזאָגט ר' ברוך'ן איז מקוים געוואָרען. זיין ווייב רחל איז טראָגען געוואָרען און האָט געבאָרען אַ זוהן, וועלכעס אַלע האָבען באַלד דערקאַנט אַז וואָס

איז

איז אַ אויסערגעוועהנליך קינד . די שמחה איז דאָרט זעהר גרויס געוועזען ,
בעוויַיל ר׳ ברוך האָט נאָך קיין זוהן נישט געהאַט . ר׳ ברוך האָט דאַמאָלס
אַזוי געזאָגט צו זיין וויַיב די קינדבעטאָרען . לויט ווי מיר וויַיסען איז דאָך
דאָס קינד אַ ברכה פון אויבערשטען און עס איז געבאָרען דאָרך נסים .
אַלזאָ איז מיין עצה אַז דו זעלבסט זאָלסט דאָס קינד זייגען . רהאַ האָט
באַלד מסכים געוועזען צו זייַנע רייד , און עס איז איר אַ נס געשעהן אַז זי
האָט געהאַט פיעל מילך אין די ברוסטען . האָטש זי האָט שוין געהאַט
געבאָרען דריַי טעכטער און האָט גאָר נישט געהאַט צו זויגען , אָבער היַינט
איז די נאַטור ביי איר פאַרענדערט געוואָרען . מען האָט אָנגעהויבען
אָנצוגרייטען אויף דעם ברית . און ר׳ ברוך האָט באַפוילען אין אַלע אַרומע=
דיגע מקומות אַז ער בעהט אַלע אָרימעלייט אויף דעם ברית . און ווי
געוועהנליך איז דאָס באַלד גוט מפורסם געוואָרען , און עס איז אָנגעקומען
אַ שעהן ביסעל אָרימעלייט . פיעל פון זיי האָבען מיטגעבראַכט זייערע גאַנצע
פאַמיליעס אויך און ר׳ ברוך האָט זיי אַלע גאַנץ שעהן צוגענומען . די
אומאַנער קהלה קדושה מיט נאָך רייַכע מענשען פון אַנדערע שטעדט זענען
אָנגעקומען אין דער פריה פון דעם טאָג וואָס דער ברית האָט געדאַרפט
זיין . בקיצור אַלע האָבען זיך שטאַרק משמח געוועזען . נאָר אויף ר׳ ברוך׳ס
פּנים איז קענטיג געוועזען עפּיס אַביסעל דאגה . דאָס איז געוועזען בעוויַיל ער
האָט אויסגעקוקט צו דערזעהן דעם . פערבאָרגענעם צדיק . וואָס האָט עס
בעהאַט געבענטשט מיט אַזיי זוהן . האָט ער זיך נאָר אלץ געדרעהט צווישען
די אָרימעלייט אַלע מאָהל מיט אַנאַנדערען אויסרייד און דאָס דאַוויגען
איז צוליעב דעם אויפגעהאַלטען געוואָרען . ר׳ ברוך האָט אָבער נוט גע=
טראָפען , און האָט דערזעהן דעם פערבאָרגענעם צדיק אַריינקומען צווישען
די חברה אָרימעלייט מיט אַ זעקעל אויף די פּלייצעס . אַזוי ווי ר׳ ברוך
האָט עם דערזעהן איז ער עם אַקעגען געלאָפען מיט גרויס שמחה און
האָט עם געגעבען אַ ברייטען שלום עליכם . אָבער דער בעל שם האָט צו
עם תיכף אַ ווינק געטוהן ער זאָל שווייַגען און האָט עם געוואָרענט ער
זאָל זיך שטאַרק היטען נישט צו רייַדען מיט עם באַזונדער און נישט עם
צו טיילען קיין שום כבוד . נאָר ער זאָל עם בעהאַנדלען פּינקט אַזוי ווי
אַלע אָרימעלייט . אַלזאָ האָט ר׳ ברוך געמוזט שווייַגען .

דער גאַנצער עולם . וועלכער איז בעשטאַנען פון אַ ערך צוויי הונדע=
רט מאַן האָבען זיך געשטעלט דאַווינען . נאָכען דאַווינען איז באַלד געווען
דער ברית . דעם קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבען—אריה ליב— . דאָרט
איז געוועזען אַ מנהג . אַז ווען דער קוואַטער איז צוריק געגאַנגען מיט דעם
קינד , איז דער בעל ברית נאָהך געגאַנגען , און יעדער מענש , וואָס דער
קוואַטער איז פאַר עס פערביי געגאַנגען , האָט אַרויפגעלעגט זיין רעכטע
האַנד אויף דעם קינד און האָט געגעבען דעם קינד אַ ברכה , און דעם
בעל ברית האָט ער אָבגעגעבען „מזל טוב" . און בעוויַיל ר׳ ברוך האָט
געוויסט אַז דער פערבאָרגענער צדיק געפינט זיך צווישען די חברה

ארימעלייט

אָרימעלַיַט. האָט ער בּמכוון געהייסען דעם קוואַטער ער זאָל מיט דעם קינד אַדאָרכגעהן צווישען די אָרימעלַיַט אויך. ר' בּרוך האָט גירעכענט אַז אַזוי נאָהך וועט קאָנען אויסקימען אַז דער פערבּאָרגענער צדיק וועט קאָנען בּענטשען דאָס קינד. און עס איז טאַקי אַזוי גיוועזען. פיעל אָרימעלַיַט האָבּען גיבּענטשט דאָס קינד, און ווען דער קוואַטער איז פערבּיי געגאַנגען פאַר דעם בעל שם, האָט ער אַרויפגילעגט זיין רעכטע האַנד אויפ'ן קינד און האָט אויסגעשריגען פריילעך בּזה הלשון. „רבּותי! אַזוי וויא איך בּין אַ פּראָסטער עם הארץ קאָן איך נישט בּענטשען דאָס קינד אויף לשון קודש אָבּער איך גידענק וואָס מיין פאָטער האָט מיט מיר גילערענט חומש דעם פּסוק ואברהם זקן — אַז „אב" איז טייטש אַ פאָטער, און זקן איז טייטש אַ זיידע. איז אַלזאָ דער פּשט פון ואברהם זקן, אַז אברהם איז געוואָרען אונזער זיידע, אַלזאָ בּענטש איך דאָס קינד, אַז ער זאָל אויך זיין אַ זיידע צו אַלע אידען, אַזוי ווי אברהם אבינו". צווישען עולם איז געוואָרען אַ גרויס גילעכטער פון דעם זיסען פּשט אויף דעם פּסוק ואברהם זקן. אָבּער דער נאָמען „זיידע" איז בּאַלד שפּריַיט געוואָרען צווישען אַלע געסט אויף אַ גילעכטער, און דער נאָמען האָט נושא חן גיוועזען בּיי אַלע. און אַז עמעצער פון די געסט האָט געוואָלט פרעגען דעם פאָטער אָבּער די מוטער, וואָס דאָס קינד מאַכט, האָבּען זיי גיפרעגט בּזה הלשון „וואָס מאַכט עפּעס אייער זיידעלע"? און אויסער דעם, בּעוויַיל דעם קינד האָט מען אָנגעטאָן גינעבּען „ליב". נאָהך דעם גרויסען צדיק ר' ליב פון פּראָג, וואָס מען האָט עס גערופען מהר"ל מפראג. און דער מהר"ל איז גיוועזען אַ עלטער עלטער זיידע פון דעם קינד'ס פאָטער און מוטער. אַלזאָ איז די עלטערן פון דעם קינד אויך געפאָלען דער נאָמען „זיידע", און ווען זיי האָבּען זיך געשפּילט מיט דעם קינד, האָבּען זיי אַליין אויך גערופען דאָס קינד „אונזער זיידעלע". און אַזוי נאָך איז בּיי יעדען איינגעוואָרצעלט געוואָרען צו רופען דאָס קינד מיט דעם נאָמען „זיידעלע". און סיי היימישע מענשען, סיי פרעמדע מענשען, האָבּען מעהר גערופען דאָס קינד מיט'ן נאָמען „זיידעלע" איידער מיט'ן ריכטיגען נאָמען „ליבּילי".

---

(ד)

דאָס ליבּלי האָט מען ענטוויינט צו דער רעכטער צייט, און ער האָט אָנגעהויבּען וואַקסען. ער האָט זיך זעהר שעהן געוויזען בּאַלד קליינערהייט. מען האָט צו עם געהאַלטען גרויסע מלמדים תלמידי חכמים. אַז ער איז אַלט געווען אַכט יאָהר האָט ער שוין געקאָנט פון אויסענווייניג גאַנץ תורה נביאים כתובים, און אויך גאַנץ משניות. בּיז אַכט יאָהר האָט מען מיט עם נאָך קיין גמרא נישט גילערענט. נאָר אַז מען האָט גיזעהן אַז ער האָט שוין ניט אויפ'ן קאָפּ גאַנץ תורה נביאים כתובים און גאַנץ משניות,

דאן

דאן האט מען שוין מיט עם אנגעהויבען לערנען גמרא מיט פוסק. דאס ליבלי האט בעקומען זעהר א גרויסען שם טוב. יעדער האט עם גערימהט פאר א שעהנעם עילוי, ר' ברוך מיט זיין ווייב רחל האבען גרויס נחת סקבל גיוועזען פון דעם זוהן, און זיי האבען בעשטימט געוויסט אז ער וועט זיין א גדול בישראל. לײדער אבער איז זייער שמחה בעצייטענס פונסטער געווארען און זייער זין איז צו פריה אינטערגעגאנגען. ווען ר' ברוך איז אלט געווארען א יאהר זעכציג איז עם אבגעשטארבען זיין ווייב רחל, נאך דעם וואס זי האט זוכה גיוועזען צו זעהן, אז איהר זוהן ליבלי האט אנגעהויבען תפילין צו לעהגען. איז שוין ליבלי געבליבען א יתום פון זיין טייערע מוטער. צוויי יאהר האט ר' ברוך געטרויערט נאך זיין ווייב רחל, און נאהך דעם וואס ער האט שוין געהאט חתונה געמאכט אלע דרייא טעכטער, האט ער דאך נישט געקאנט זיצען אליין, האט ער גענומען אנאנדער ווייב פון שטאדט אומאן. אבער קיין רחל צדקת האט ער שוין נישט געהאט. פון דאמאלס אהן האט זיך די הצלחה פון עם אבגעטוהן. די פאסעסיא איז בטל געווארען, און ר' ברוך איז געווארען אוים גביר. נאר דאך קיין פרנסה האט עם נישט געפעלט. און אזוי ווי ליבלי האט שוין נישט געהאט מיט וועמען צו לערנען און דאמאלס איז גיוועזען אין יענעם געגענד שטארק מפורסם דער גרויסער צדיק ר' פנחס קארצער ז"ל. אלזא האט ר' ברוך אוועק געשיקט זיין ליבלי אין שטאדט „קאריץ" ער זאל דארט לערנען אין דעם צדיק'ס בית המדרש. פיער יאהר האט דארט ליבלי געלערנט תורה מיט גרויס התמדה. דער צדיק ר' פנחס האט עם זעהר ליב געהאט אזוי. אז אלע נאכט האבען זיי ביידע געלערנט בסוד קבלה. אויף אלע ימים טובים איז ליבלי אהיים געפאהרען צום פאטער. בקיצור ער איז שטארק מפורסם געווארען פאר א גרויסען למדן און א פרומען און אויך פאר א גרויסען חכם אין אלע חכמות. אז ליבלי איז אלט געווארען אכצעהן יאהר און ער איז אהיים געפאהרען צום פאטער אויף פסח, האט דער צדיק ר' פנחס עם געזאגט ביים געזעגענען. „גט ליבל! בן שמנה עשרה לחופה. מעגסט שוין נעהמען פאר דיר. דו קאנסט שוין אליין טיש פיהרען". דער צדיק ר' פנחס האט עם געבענטשט און האט עם אהיים געשיקט.

אין דעם שטעדטעל „מעדוועדאווקא" וועלכעס געפונט זיך נישט ווייט פון „אומאן" איז גיוועזען א שוחט, וועלכער איז אויך גיוועזען דארט א רב. אין די ארומעדיגע דערפלעך איז ער אויך גיוועזען דער שוחט און רב. ער איז גיוועזען גירעכענט פאר א עושר, און האט מעהר נישט פערמאגט קיין קינדער ווי א בת יחידה. אזוי ווי ער האט געהערט פון דעם ליבלי, האט ער פערלענגט א גרויסען כח, ער זאל אנקריגען דעם ליבלי פאר א חתן. ער האט עם צוגעזאגט אייביג קעסט און אויסצוהאלטען עם מיט אלעם כל ימי חייו, און החוץ דעם א גאנץ שעהנעם נדן, און אזוי ווי ר' ברוך איז שוין דאמאלס קיין עושר נישט גיוועזען, האט ער איינגעשטימט אויף דעם שידוך. עס האט נישט לאנג געדויערט אין ליבלי איז געווארען א איידעם ביי דעם מעדוואראווקער שוחט און רב. נאך די חתונה איז ר' ליבלי

גיזעסי

צוזעסען און גילערענט תורה יומם ולילה און האָט שוין אויך אָנגעהויבען צו האָבען מיטלייד מיט געדריקטע מענשען און אָרימעלייט. פון זיין נדן האָט ער געמאַכט אַ תל. ער האָט זיך געקויפט אַביסעל ספרים, און דירעשט געלד האָט ער צוטיילט אָרימעלייט. ער האָט אַזוי אָבגעפיהרט נאַנצע אַכט יאָהר. במשך דער ציים האָט זיין ווייב עם געבאָרען צוויי טעכטער און איין זוהן. נאָהך אַכט יאָהר האָט זיין שווער צו עם געזאָגט אַז מען דאַרף עפּעס קלערען פאַר אַ תכלית און האָט עם אָנגעהויבען אָנצורעדען ער זאָל זיך לערנען שחיטות. ר׳ ליבלי איז בעשטאַנגען און צייט עטליכע חדשים האָט ער זיך אויסגילערענט גוט שחיטות און האָט שוין אָנגעהויבען צו צוהעלפען דעם שווער שחט׳ן אַביסעל אין שטאָדט און אַביסעל אין די אָרימעדיגע דערפער. דערווייל איז זיין שווער אַ זקן געוואָרען און די שטאָדט האָט פערלאַנגט אַז דער שווער זאָל שוין אַוועקלעגען דאָס שחיטות און אויף זיין אָרט זאָל זיין דער איידעם. ר׳ ליבלי האָט אָבער נישט איינגעווילעגט אויף דעם פאָרשלאַג אַזוי נעהך, און האָט געזאָגט אַז דאָס קאָן ער נישט טוהן ביז ער וועט זיך אָנפרעגען אין „קאָריץ” ביי דעם צדיק ר׳ פנחס. די שטאָדט האָט מסכים גיוועזען אויף דעם און מען האָט עם אַוועק געשיקט קיין „קאָריץ”.

אין יענער צייט איז שוין דער בעל שם גיוועזען מפורסם אויף די וועלט. און דער הייליגער צדיק ר׳ פנחס פון קאָריץ איז געוואָרען איינער פון זיינע גרעסטע תלמידים, אַצינד אַז ר׳ ליבלי איז געקומען צו עם פרעגען זיך אַ עצה צו ער זאָל ווערען שוחט. האָט דער צדיק ר׳ פנחס צו עם געזאָגט אַזוי ווי היינט שיינט אַגרוים ליכטיקייט אויף דער וועלט פון דעם הייליגען בעל שם, וואָס איך בין נאָר אַקעגען עם אַזוי ווי אַ שטערען קעגען די זון, אַלזאָ איז מיין עצה די זאָלסט מיט מיר פאָהרען צום הייליגען בעל שם, און אַזוי ווי ער וועט דיר זאָגען אַזוי זאָלסט דו טוהן. אַזוי ווי זיי זענען נאָר אַריינגעקומען צום בעל שם, באַלד ביים שלום נעמען האָט דער בעל שם געזאָגט צו ר׳ ליבלי. „די ביזט געקומען מיך פרעגען צו די זאָלסט ווערען אַ שוחט. האָסט דו אַ קלעהר אַז דו ביזט אַראָבגעקומען אויף דער וועלט אָנצוגרייטען כשר פליש. אָבער דאָס איז נישט דער אמת, פערבלייב דאָ שבת וועסטו דאָ בּיסלעכווייז געוואָהר ווערען וואָס דו דאַרפסט מתקן צו זיין אויף דער וועלט”. ר׳ ליבל איז געבליבען שבת עס האָט אָבער עם נאָהך שבת נישט געגליסט שוין אַהיים צו פאָהרען, איז ער געבליבען נאָך אַ שבת. ווען ער האָט זיך שוין געזאָלט געזעגענען, האָט דער בעל שם צו עם געזאָגט. „זאָלסט וויסען אַז אַלע אוקריינער אידען זענען זעהר נידרוג אין יודישקייט, און טויזענדער נשמות פון אוקריינע וואַרטען אויף דיר דו זאָלסט זיי מתקן זיין, און נאָר צוליב דער עבודה ביסטו אַראָב געקומען אויף דער וועלט”. האָט ר׳ ליבל געזאָגט צום בעל שם. הייליגער רבי! איך שפּיהר דאָך אָבער נאָר נישט ביי מיר קיין שום כח דערצו, איך זאָל מיך קאָנען אונטער נעמען אַזעלכי שווערע זאַכען. האָט דער בעל שם צו עם געזאָגט. זאָלסט וויסען אַז דעם נאָמען „זיידע” האָב איך דיר גיגעבען

נינעבען, זאָלסט זיין אַזוי ווי אַ זיידע צו אַלע אידען, און די הייסט לייב, זאָלסט זיין אַזוי ווי אַ לייב צווישען אַלע חיות, וואָס אַלע ציטערען און זענען אינטערטעניג אונטער דעם לייב. נאָר דאָס דאַרפסט דו אָבער אויך וויסען, אַז פּונקט אַזוי ווי אַלע געוויקסען וואָס וואַקסען אַרויס פון די ערד, קאָנען נישט אַרויסוואַקסען ביז דאָס קערענדעל ווערט דיפּויר פערפוילט אין די ערד. נאָהך דעם דוקא וואַקסט עס הערשט אַרויס מיט'ן גאַנצען קראַפט. אַזוי זענען אַלע גרויסע מענשען. זיי קאָנען נישט אַרויסוואַקסען אַזוי ווי די הויכע בוימער, כל זמן זיי ווערען נישט דיפּויר פערשוואַרעצט צו ליידען גלות און דחקות און יסורים און נאָך אַנדערע פערשידענע נסיונות". דערהערענדיג די ווערטער איז ר' ליב געבליבען שטיל. ער האָט פערשטאַנען אַז דער בעל שם פערלאַנגט פון עם, ער זאָל זיך אונטערנעמען צו ליידען גלות, אַזוי ווי אַלע פערצייטישע גרויסע צדיקים, עס האָט אָבער עם אָנגעהויבען צו בוזערען אין קאָפּ די דאגה פון זיין ווייב און קינדער, ווער וועט זיי דערווייל מפרנס זיין. דער בעל שם האָט באַלד פערשטאַנען וועגען וואָס ער טראַכט, האָט ער צו עם אַזוי געזאָגט. „אמת טאַקי אַז דו דאַרפסט זאָרגען פאַר דיין בני בית בעווייל זיי הענגען דאָך אין דיר. אָבער זאָלסט וועגען דעם נישט דאַגה'ן. אַז די וועסט אַהיים קומען זאָלסט זאָגען די שטאָדט'ס מנהיגים און אויך פאַר דיין בני בית. אַז איך האָב דיך נישט געהייסען בלייבען שוחט, בעווייל דו דאַרפסט צוריק קומען צו מיר צופערבלייבען דאָ אַ לאַנגע צייט. נאָר זיי זאָלען האַלטען מיין פסק, אַז דער שוחט וואָס זיי וועלען צונעמען זאָל אָוועקגעבען אַ דריטעל שחיטה דיין שוועער, אַז ער מיט דיין בני בית זאָלען זיך האָבען פון וואָס מפרנס צו זיין. און זאָלסט זיי זאָגען פאַר מיינעטסוועגען דעם מופת. אַז אַזוי ווי עס וועט מפורסם ווערען אַז די בלייבסט נישט דאָרט שוחט, וועלען אָנהייבען אָנקומען אַנדערע שוחטים. דעם ערשטען שוחט, וועט זיך טרעפען. אַז אַזוי ווי ער וועט שאַרפען דעם חליף וועט עם אָנהויבען פון צלונג געהן בלוט פון די נאָז עס זאָל די שטאָדט נישט צו נעמען, דעם צווייטען שוחט וועט זיך ווייטער אַזוי טרעפען. אַזוי ווי ער וועט דערלאַנגען דעם חליף צום בעקוקען, וועט ער דעם חליף אַראָבלאָזען אויף די ערד, עס זאָל מען אויך נישט צונעמען. נאָר דער דריטער שוחט וואָס וועט קומען עם זאָל מען יאָ צונעמען". דער בעל שם האָט אָבגעזעגענט ר' ליב'ן און האָט עם געבענטשט. נאָהך דעם איז ר' ליב אַהיים געפאָהרען. אין דער היים האָט ער דערצעהלט די תשובה פון בעל שם מיט זיין פסק. די שטאָדט האָט אַפילו געצווייפעלט אַביסעל אין דעם. אָבער אַז זיי האָבען געזעהן אַז דאָס מופת פון בעל שם מיט די פרעמדע שוחטים איז פינקטליך אויסגעפיהרט געוואָרען, האָבען זיי מסכים געווען צו דעם פסק פון בעל שם, און זיי האָבען צוגענומען דעם דריטען שוחט וואָס איז דאָרט אָנגעקומען מיט דעם בעדינג, אַז אַ דריטעל שחיטה זאָל ער אָוועק געבען דעם אַלטען שוחט. ר' ליב האָט זיך אָנגעגרייט בסוד צורוסענע אַלטע מלבושים, אַזוי ווי די אָרימעלייט געהן אָנגעטוהן. און דער היים האָט ער געזאָגט אַז ער פאָהרט אָוועק צום בעל שם אויף אַ גאַנץ באַשטימטע צייט.

און איז אין א קורצע צייט אַוועק געפאָהרען אין די וועלט אַריין.

ווען ר׳ ליב האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף די וועלט גלות לײַדען איז ער אַלט געווען בערך דרייסיג יאָהר. זיבען יאָהר האָט ער געליטען גלות. די ערשטע פונף יאָהר איז ער נישט געווען אויף איין אָרט לאַנג, נאָר די לעצטע צוויי יאָהר פון די זיבען יאָהר גלות איז ער געווען שמש אין שטאָדט „זלאָטאָפאָלי״. די צוויי יאָהר האָט ער שוין דאָרט געוואָהנט צוזאַמען מיט זײַן בני בית אויך אין דחקות, אַזוי ווי אַ שמש אין אַ קליין שטעדטעל. קיינער האָט נישט געוויסט ווער ער איז און וואָס ער איז. די שטאָדט האָט עם צוגענומען פאַר אַ שמש, רעכענענדיג עם פאַר איינעם פון די אָרימעלײַט וואָס שלעפען זיך אַרום אויף די וועלט שנאָרען. אין זלאָטאָפאָלי האָט ער שוין בסוד אָנגעהויבען מופתים צו בעווייזען, די שטאָדט איז געווען זעהר פאַרגרעבט אין אידישקייט. האָט ער בסוד יעדען איינציגען מחזיר בתשובה געווען, ער האָט געפלעגט היילען פיעל קראַנקע גרויסע מענשען און קליינע קינדער. דערבײַ האָט ער אַלץ מענשען פאַרבלענד די אויגען און האָט געזאָגט אַז ער ברענגט די רפואות פון אפטייק. ביז מען איז ביסלעכווייז געוואָהר געוואָרען אַז דאָס איז עפּעס נישט קיין פשוט אידעל נאָר אַ בעל מופת. האָבען אָנגעהויבען פאָהרען צו עם פיעל מענשען פון די אַרומעדיגע מקומות. און ווען עס זענען געקומען צו עם מענשען פון אומאַן און פון מעדוואָדאָווקע, האָבען עם פיעל מענשען דערקאַנט אַז דאָס איז דעם פאַסטעכער ר׳ ברוך׳ס זוהן, וואָס מען האָט עם געפלעגט רופען „זיידע״. און אַז ער איז דעם מעדוואָדאָווקער שוחט׳ס איידעם, אַזוי נאָהך איז ער מפורסם געוואָרען צוריק מיט דעם נאָמען „זיידע״. די מענשען וואָס האָבען נאָר נישט געדענקט פון וואַנעט און פון וואָס דער נאָמען „זיידע״ דערנעמט זיך צו עם, האָבען זיי גירעכענט, אַז אַזוי ווי עס איז פערהאַנען אַ נאָמען „אַלטער״, אַזוי איז פערהאַן אַ נאָמען „זיידע״. אַלזאָ האָבען עם אַלע אָנגעהויבען צורופען מיט דעם נאָמען „זיידע״.

ער איז אָבער פון זלאָטאָפאָלע באַלד אַוועק אין אַנדערע שטעדט, און איז אומעטום אַלץ מפורסם געוואָרען פאַר אַ בעל מופת און פאַר אַ גרויסען צדיק. נאָהך אַכט יאָהר וואָס ער איז אַרום פון זלאָטאָפאָלי, האָט ער זיך באַזעצט אין שפאָלע. דאָס שטעדטעל שפאָלי איז אויך געווען אַזוי שטאַרק פאַרגרעבט אין אידישקייט אַזוי ווי זלאָטאָפאָלי. אבער דער שפאָלער זיידע האָט זיי אַלע מחזיר בתשובה געווען. וואָס דער שפאָלער זיידע האָט אָבגעטוהן אין די פינף יאָהר פון זיין גלות לײַדען, איז נאָר בעוויסט דאָרך די מעשיות וואָס דער שפאָלער זיידע פלעגט אַמאָהל דערצעהלען ווען ער איז געווען לוסטיג. פון די מעשיות איז בעוואוסט, אַז ער פלעגט אַמטייכנסטענס צו זיין מלמד אין די דערפער, כדי מחזיר בתשובה צו זיין וועלכען איד, אָדער כדי מציל צו זיין וועלכען איד פון מיתה לחיים.

## (ה).

דער שפּאָלער זיידע איז געווען אַ גרויסער בקי אין רפואות פון קראַנקהייטען.
אַמאָהל האָט מען עם איבערגעפרעגט, פון וואַנעט ער האָט דאָס געלערנט.
האָט דער שפּאָלער זיידע דערצעהלט די מעשה. ווען ער האָט געליטען גלות
איז ער אַמאָהל געגאַנגען אַליין אונטערוועגענס, האָט ער דערהערט פון ווייטענס
עפּעס אַ קול פון קרעכצען. איז ער נאָהך געגאַנגען נאָך דעם קול, ביז ער איז
צוגעקומען אויף אַנאָרט אונטער אַ בוים, וואָס עס האָט אויף עם געוואַקסען
פעלדס=עפּעלעך, האָט ער געטראָפען אונטער דעם בוים ליגען אַ גוי אַ שעפער
וועלכער איז אַראָב געפאַלען פון דעם בוים און האָט צוברָאָכען אַפוס. דער
גוי האָט זעהר שטאַרק געקרעכצט און געשריגען פון גרויסע יסורים, און האָט
נאָר נישט געקאָנט אַליין זיך דעם פיס פערבאַנדעזשירען. דער שפּאָלער זיידע
האָט רחמנות בעקומען אויף דעם גוי, און איז אַוועק געלאָפען צו אַ טייך
וואַסער און האָט געברענגט אַ קריגעל קאַלט וואַסער, דער נאָהך האָט דער
שפּאָלער זיידע אַרויסגענומען פון זיין פּעקעל אַ קלאָהר העמד. ער האָט עס
צוריסען און האָט מיט דעם העמד פערבאַנדעזשירט דעם צובראָכענעם פיס.
נאָהך דעם איז דער שפּאָלער זיידע געגאַנגען אין דאָרף אַריין, און האָט
פון דעם אַ ידיעה געגעבען די דאָרפס פויערען. איז מען אַרויס געפאָהרען מיט
אַ פוהר, מען האָט דעם חולה פערנומען און מען איז מיט עם אַוועק
געפאָהרען אין אַ שפּיטאָל אַריין. האָט דער קראַנקער שעפער זעהר געדאַנקט
דעם שפּאָלער זיידען, וואָס ער האָט עם דערהאַלטען ביים לעבען און האָט צו
עם אַזוי געזאָגט. „פאַר דעם וואָס דו האָסט מיך מחיה געווען, זאָלסט די קומען
צו מיר און אַ צוויי חדשים אַרום, ווען דער פיס וועט שון זיין אינגאַנצען
פערהיילט, און איך וועל שוין קאָנען געהן אויפ'ן פיס. דאַמאָלס וועל איך
דיר געבען אַ נוטע מתנה, מיט וועלכער דו וועסט קאָנען היילען פיעל
קראַנקהייטען. דער שפּאָלער זיידע האָט פערשטאַנען אַז מסתם האָט מען עם
פון הימעל אונטערגעריקט די מעשה, איז ער טאקי דערנאָהך געקומען צו
דעם שעפער, וועלכער האָט עם איבערגעגעבען רפואות פון פונף און צוואַנציג
מינים קרייטעכצער צו היילען פערשידענע קראַנקהייטען, עס איז געווען
צו באַמערקען פיעל מאָהל דערנאָהך, ווען דער שפּאָלער זיידע איז שוין
געזעסען אויף די כסא רבנות אין שפּאָלי, האָט ער געפלעגט צו געהן שפּאַצירען
אָן זימער אַמאָהל ווען די זון האָט אָנגעהויבען אויפשיינען, און אַמאָהל ווען
די זון האָט אָנגעהויבען אונטער צוגעהן, האָט ער דאַן געפלעגט אָבצורייסען
גרעזער, דערביי האָט ער עפּעס שטילערהייט געזאָגט, די גרעזער האָט ער
בעהאַלטען אין אַ פערטשיילע אַריין. אין דערהיים ווייטער האָט ער זיי
געהאַלטען פערשלאָסען ביי זיך, און האָט זיך מיט זיי בענוצט צו היילען
פערשידענע קראַנקהייטען, ער האָט אָבער געפלעגט היילען פיעל קראַנקע
מיט שטיקלעך חלה פון די שיריים, וואָס איז געבליבען שבת פון זיין המוציא.
און אויך מיט ביסלעך טראָפּענעס וויין, וואָס איז געבליבען שבת פון זיין
קידוש

קידוש. ער האט אמאהל, אמאהל גאנץ זעלטען א קמיע אויך גיגעבען פאר א קראנקען. מיט די לעצטע מיטלען האט ער זיך נאר בענוצט קעגען אידען. אבער קראנקע פון אנדערע פעלקער האט ער נאר געהיילט מיט קרייטעכצער אליין. אז ער האט געהיילט א גוי, האט ער עם געפלענט אנזאגען, ער זאל גידענקען מיט קיין איד נישט צו טשעפען, ווארען טאמער וועט ער עפעס אמאהל א איד שלעכטס טוהן, וועט באלד די קראנקהייט צו עם צוריק קומען.

דאס איז אויך בעוויסט, אז א קראנקען אויף חולי נכפה האט ער קיינמאהל נישט געוואלט היילען, ער האט געזאגט אז די אלע קראנקע אויף חולי נכפה זענען אין יענעם גלגול געוועזן מוסרים, איז דאס זייער עונש זיי זאלען זיך אליין בייסען די צינג וואס האט אמאהל געמס'ט. און וויל דער שפאלער זיידע האט זעהר נישט געליטען קיין מוסרים, ער האט געפלעגט זאגען אז אלע מינים פושעי ישראלים קאן ער ליידען. אויסער מוסרים, אזוי ווי עס איז בעוויסט, אז ער האט זיי געפרעגט אויסצוראטען מיט די ווארצעל אלא האט ער אזא קראנקען נישט געקאנט ליידען, און האט זיי נישט געוואלט בשום אופן היילען, נאר איינמאהל האט זיך פערלאפען, אז אזא קראנקער האט בעקומען די נכפה אלע טאהג און מיטען שמונה עשרה, ווען ער האט אנגעהויבען זאגען די ברכה „ולמלשינים אל תהי תקוה". האט דער שפאלער זיידע עם ארוים בעפוילען דארכ'ן משמש, אז איין רפואה איז דא פאר עם, ער זאל אביסעלע ערגיין א מסור און זאל דאווינען געבען עם, דער מסור זאל זעהן אז ער בעקומט די נכפה ביי „ולמלשינים אל תהי תקוה", און אויב דער מסור וועט דארך דעם תשובה טוהן, וועט דער קראנקער געהיילט ווערען. דער קראנקער האט אזוי געטוהן און איז טאקי געהיילט געווארען

## (ו)

אין די מעשה ווערט בעשריבען דורך וואס און דורך וועמען
איז דער שפאלער זיידע געווארען שמש אין זלאטאפאלי.

די מעשה האט דער שפאלער זיידע אליין דערצעהלט, ווען ער איז שוין געזעסען אויף דער כסא רבנות אין שפאלי. ווען עס איז אמאהל געקומען פאר עם איינער פון זיינע חסידים בעקלאגען זיך מיט א געוויין, באשר עס ווארט אויף עם א שווער משפט, ווענען דעם וואס מען האט געפונען ביי עם אין הויף א גנבה, וועלכע איז געוועזן בעהאלטען צווישען האלץ, און ער ווייסט פון גאר נישט. וויל מען עם מאכען א פראצעס אז ער איז דער גנב, דאס משפט דארף פארקומען בקרוב. און דער אדוואקאט וואס ער האט גענומען זאגט, אז ער וועט זעהן צו ארבייטען מיט אלע כחות, אז מען זאל עם נישט בעשטראפען

מעהר

מעהר ווי מיט דריי חדשים תפיסה. און דאס איז שוין נאר דער קלענצטער פסק. האט דער שפאלער זיידע עם גיענטפערט בזה הלשון. „איך קאן זיין נאך א בעסערער מליץ פאר עם, און איך וועל זעהן צו פועל'ן מען זאל נאר מאכען א פסק אויף איין חודש תפיסה". האט דער חסיד אנגעהויבען וויטער צו וויינען און האט געזאגט. „הייליגער צדיק. איך וויים דאך דעם אמת אז איך בין פון דעם ריין אונגאנצען, נו פאר וואס זשע זאל מיר קומען איין חודש תפיסה". האט דער שפאלער זיידע צו עם געזאגט. זאלסט וויסען אז מיר האט זיך אויך אמאהל געטראפען אזוי אומגליק, וואס איך בין גיוועזען ריין פון דער זינד. און דאך האט מען מיך בעשולדיגט אין א גנבה, און איך בין אפגעזעסען אין פאלטאווער תפיסה בערך צוויי חדשים, פון כ' סיון ביז חמשה עשר באב. פון דעסטוועגען האב איך נאר נישט געהאט קיין תרעומות אויפ'ן רבונו של עולם, בעוויל איך האב מאמין געוועזען באמונה שלימה אז מסתם איז דאס לטובה. און דארט אין דער תפיסה האב איך פערשטאנען, אז איך בין איינגעווייקט געווארען אין דעם עסק צוליב דעם איך זאל מחזיר בתשובה זיין א יודישען ציגיינער. די מעשה איז אזוי נאהך צוגעגאנגען.

דאס איז גיוועזען דאס פינפטע יאהר, וואס איך האב מיך ארום גיעדרעהט אויף דער וועלט נלות לייד'ען. בין איך אמאהל אנגעקומען אין א דארף אריין עטליכע מייל וויים פון „פאלטאווי", אין דעם דארף האט געוואהנט א אידישער ארענדאר, וועלכער איז געוועזען א שטיקעל מכנים אורח. בין איך ביי עם פערבליבען אויף שבת. דארט איז אנגעקומען נאך איין אורח אויף שבת, אויך אנ'ארימאן, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזען פאר א שטיקעל בן תורה און פאר א פרימען חסיד, אבער יענער איז נישט געוועזען באמת איגעוועניג, אזוי ווי ער האט זיך ארויסגעוויזען פון אויסעגוועניג, און שבת צונאכטס האט יענער ארימאן צו גענב'ט דארט א זילבערנעם בעכער מיט צוויי זילבערנע לעפעל, און ער האט די גנבה בעהאלטען אין זיין זעקעל אריין. איבער שבת האב איך זיך מיט דעם אורח געחבר'ט, און מיר זענען געווארען אביסעל בעפריינדעט. מיר האבען זיך אנגערעדט, אז זונטאג גאניץ פריה זאלען מיר צוזאמען אוועק געהן אין וועג אריין, עס איז טאקי אזוי געוועזען, און מיר זענען צוזאמען באלד זונטאג אין דער פריה אוועק גיגאנגען. אויפ'ן וועג האב איך אפילו גיזעהן ווי יענער ארימאן קוקט זיך אום אלעמאהל אהינטער, צו עס פאהרט נישט עמעצער נאהך, אבער מיר איז נאר נישט איינגעפאלען עפעס איבערצוקלערען, איך האב עם גאר נישט איבער געפרעגט און מיר זענען אזוי אב געגאנגען בערך א מייל וועגס. דארט [illegible] געוועזען פונקט פון ביידע זייטען וועג א גידעכטער וואלד. פליצלונג ווען יענער ארימאן האט דערזעהן פון וויטענס אז מען פאהרט נאהך, האט ער צו מיר געזאגט. אז ער ברויך נויטעג, וועגען נקיות האבען, אריין צו געהן אויף א קלעהנע וויילע אין וואלד אריין, אלזא האט ער מיך גיבעהטען, איך זאל מיך דערוויילע אביסעל אנידערזעצען און אויף עם ווארטען.

ער

ער האָט זיין פּעקעל אַנידערגעלעגט נעבען מיר. און האָט אָנגעהויבען צו מאַכען גרויסע שפּריי̈זען אין וואַלד אַריין. עס האָט נאָך נישט לאַנג געדויערט און די פוהר איז אָנגעקומען. אויף די פוהר איז געזעסין דער יודישער אַרענדאַר, וואָס מיר זענען ביי עם שבת געווען, און אויך אַ גוי, וועלכער איז געווען דער „סטאַראָסטאַ" פון דעם דאָרף, דער אַרענדאַר האָט מיך באַלד דערקאַנט, האָט ער אַנעשריי געטוהן צו דעם גוי. „אָט דאָס איז דער גנב"! און זיי זענען ביידע באַלד אַראָבגעשפּרינגען צו מיר, האָבען מיך גוט בעזוכט, דער נאָהך האָבען זיי געזוכט אין די פּעקלעך און האָבען טאַקי די גנבה געפונען, דער אַרענדאַר האָט מיך באַלד מכבד געווען מיט אַ גאַנץ שעהנעם, „מתנת-יד" אויף מיין באַק, און האָט אויף מיר געשריגען. „אוי די גנב! די געמיינער יונג! היתכן אַז צוליב דעם וואָס איך האָב דיר גיגעבען שבת אָנצופּרעסען, האָסטו מיר בעצאָהלט אַ רעה פאַר אַ טובה און האָסט מיך בעגנב'ט! נו אַצינד וועל איך דיך שוין אָבלערנען אַז די זאָלסט וויסען שוין מעהר נישט צו גנב'נען". די צוויי לייט האָב מיך באַלד געבונדען די הענד מיט די פיס און האָבען מיך אַרויפגעוואָרפען אויף די פוהר. און האָבען אָנגעהויבען מיט מיר אַוועק צו פאָהרען. איך וויי̈טער בין מתחילת אַזוי דערשראָקען געוואָרען, אַז איך האָב גאָר נישט געוויסט וואָס זיי צו ענטפערען. נאָר ווען זיי זענען שוין מיט מיר געהאַט אָבגעפאָהרען אַ שטיקעל וועגס, בין איך צום שכל געקומען, און האָב אָנגעהויבען מיך ביי זיי צובעהטען, זיי זאָלען מיך אָבלאָזען, בעוויי̈ל איך בין נישט דער גנב, נאָר דער צווייטער וואָס האָט געמאַכט פליטה אין וואַלד אַריין, און האָט ביי מיר איבערגעלאָזט זיין פּעקעל. אָבער די צוויי מחבלים האָבען געמאַכט פון מיר דאָס גרעסטע גילעכטער, און האָבען צו מיר געזאָגט, „אוי די נאַרישער גנב! האָסטו דיר אַזוי לאַנג געבראָכען דעם קאָפּ, איידער די האָסט אויסגעטראַכט אַזאַ תירוץ", זיי האָבען מיך ווייטער מכבד געווען מיט עטליכע קלעפּ און האָבען מיך געהייסען בעסער שטיל שוויי̈גען, איך האָב גיזעהן אַז איך בין דאָ שלעכט אַריינגעפאַלען, האָב איך שוין גאָר נישט גירעדט, נאָר איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען צום הימעל און האָב געזאָגט „גם זו לטובה", די צוויי מחבלים האָבען מיך אָבגעפיהרט קיין „פּאָלטאַווי" און האָבען מיך איבערגעגעבען צו דער פּאָליציי̈. דאָרט האָט מען געמאַכט אויף מיר אַ פּראָטאָקאָל און אויף דערוויי̈ל האָט מען מיך בייגעזעצט אין הרימינאַל, צווישען אַ חברה גנבים און באַנדיטען.

צומאָרגענס אין דער פריה, ווען דאָס ביסעל קרימענאַלניקעס האָבען זיך אָנגעטוהן און האָבען זיך אומגעקוקט, האָבען זיי מיך דערזעהן און יעדער האָט מיך בעשוינט און פערווינדערט זיך אויף אַזאַ מאָדנע קרבן. עפּעס אַ איד מיט אַ לאַנגע באָרד מיט לאַנגע פּאות און דאָך אַ גנב. די חברה לייט האָבען אָנגעהויבען מיט מיר זיך צו באַשעפטיגען, און האָבען געפאָדערט פון מיר אַז איך בין טאַקי יאָ אַ גנב, מוז איך זיי געבען איינקויף

נעלד

נעלד, דאַמאָלס וועל איך שוין הייסען אַ „חברה מאַן״. און אויב נישט בין איך הייסט עס „הפקר״ און זיי וועלען מעגען טוהן מיט מיר וואָס זיי וועט זיך נאָר פערגליסטען. אַזוי האָבען זיי געזאָגט איז דער קאָרעקס פון קרימינאַל. איך האָב מיך אָנגעהויבען ביי זיי צו בעהטען אַז איך פערמאָג נישט קיין גראָשען, בעוויל מען האָט פון מיר אַלעס צוגענומען, איך האָב אויך זיי געזאָגט אַז איך וועל נישט זיין קיין חברה=מאן, בעוויל איך בין קיין גנב נישט. אָבער זיי האָבען נאָר פון מיר געמאַכט דאָס געלעכטער. איינער האָט מיר אַ שלעפ געטוהן ביי אַ פאה און איינער ביי די באָרד. האָב איך אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און האָב געזאָגט. „רבונו של עולם! איך בין דיין, מיין באָרד איז דיין, מיינע פאות זענען אויך דיין, טוה דאָס צוליב דיין הייליגען נאָמען, אַז די אומריינע הענד זאָלען נישט האָבען קיין שליטה איבער מיר״. די קרימענאַלניקעס האָבען פערשטאַנען אַז איך האָב עפּעס תפלה געטוהן, האָבען זיי הערשט אָנגעהויבען נאָך מעהר פון מיר צו שפּאַטען, בקיצור עס איז ביי זיי געבליבען זאָלען זעצען אַ סוד איבער מיר. מסתם האָבען זיי אויסגעקליבען די גרעסטע דריי גנבים פאַר ריכטער, און זיי האָבען געמאַכט אַ פסק, איינס פון די צוויי. אָבער איך זאָל געבען איינקויפגעלט, אָבער מען זאָל מיך אָנשמייסען, און נאָהך דעם שמייסען וועל איך אויך שוין הייסען אַ חברה=מאַן. עס פערשטעהט זיך אַז איך האָב קיין געלט נישט געהאַט, האָבען זיי זיך גענומען צום שמייסען. איינער האָט זיך מיר אַרויפגעזעצט אויף די פיס, איינער אויפ'ן קאַרג, און מסתם האָבען זיי מכבד געווען איינעם פון מיינע ריכטער ער זאָל געבען דעם ערשטען פּאַטש. אָבער אַזוי ווי ער האָט גיגעבען דעם פּאַטש. האָט ער באַלד אַ שרעקליכען געשריי געטהון, בעוויל די הויט פון דער האַנד האָט עס געפּלאַצט אויף פיל ערטער, און דאָס בלוט האָט זיך אָנגעהויבען שטאַרק צו גיסען פון דער האַנד, און אויסער דעם איז עס די האַנד באַלד אייננאַצען געשוואָלען געוואָרען. דער שמייסער האָט שרעקליך געשריגען פון די שמערצען אַזוי אַז די גאַנצע פּאָליציי פון קרימענאַל זענען געקומען אהער צו לויפען, און מען האָט געמוזט חאַפּען דעם אַרעסטאַנט אין שפּיטאָל אַריין. מיך האָבען זיי שוין צו רוה געלאָזט אָהן אַלערליי איינקויפט געלט. טייל האָבען געזאָגט אויף מיר אַז איך מוז זיין אַ מכשף. טייל האָבען געזאָגט אַז איך בין אַ געטליכער מאַן. און זיי האָבען מיך אָנגעהויבען צו ריפען „ראַבין״.

צווישען די אַרעסטאַנטען איז געווען איינער וואָס מען האָט עס גערופען „ציגאַניק״. איך האָב מתחילת גערעכענט אַז דאָס איז אַ גוי וואָס זיין נאָמען איז אַזוי. דערנאָהך האָב איך זיך דערוויסט אַז דאָס איז נאָהר אַ איד פון פוילען, וועלכער איז אַמאָהל צו געשטאַנען צו די צוגיינער און איז געוואָרען אַ ציגיינער. און צוליב אַ גנבה פון אַ פערד איז ער אַרעסטירט געוואָרען. זיין אמת'ר נאָמען איז געווען יעקב. דאַן האָב איך שוין פערשטאַנען אַז דאָס איז אַ שטיקעל אַרבייט פאַר מיר, און אַז איך בין נאָר צוליב דעם אַרעסטאַנט דאָ אָנגעקומען, כדי איך זאָל עס אַרויסצוהן פון זיין אומריינקייט.

איך האָב אָנגעהויבען ביסלעכווייז מיט עם צו ריידען און אַלע מאָהל מעהר מיט עם בעפריינדעט צו ווערען, ביז ער האָט מיר דערצעהלט זיין גאַנצע ביאָגראַפיאַ. די מעשה איז אַזוי געווען. ער איז און די יוגענד פעריתום׳ט געוואָרען פון זיין פאָטער און מוטער, האָט די שטאָדט אויף עם רחמנות געהאַט און מען האָט עם אויפגעהאָדיוועט ביז ער איז געוואָרען בר מצוה. אָבער פון דאַמאָלס אָהן האָט מען פון עם אַראָב גענומען די השגחה. ער זאָל שוין געהן אַליין זיך פערדינען אַ שטיקעל ברויט. האָט ער זיך פערדינגען צו אַ בעל עגלה, און איז אַזוי נאָהך געוואָרען אַ מבין אויף פערד, און ביסלעכווייז איז ער שוין געוואָרען אַ שטיקעל סוחר פון פערד. אַזוי נאָהך האָט ער זיך בעקאָנט מיט ציגיינער פערדס=הענדלער, צו וועלכע ער איז געוואָרען צוגעצויגען און צוגעקניפּט, צוליב אַ נקבה וואָס ער האָט ביי זיי דערזעהן. זיי האָבען ביי עם געפּועלט ער זאָל פאַרגעסען פון אידישקייט און זאָל ווערען אַ ציגיינער. די נקבה איז געוואָרען זיין ווייב ער האָט שוין מיט איר צוויי זוהן, און עס איז שוין אומסעגליך ער זאָל זיך פון איר אָבשיידען. און אַזוי ווי מען האָט עם געחאַפּט ביי אַ גנבה פון אַ פערד, איז ער פערמשפּט געוואָרען אויף צוויי יאָהר קרימינאַל. איין יאָהר איז שוין פערביי, און נאָך איין יאָהר האָט ער צו זיצען.

פון דאַמאָלס אָהן האָב איך אָנגעהויבען אַלע מאָהל דעם ציגיינער צו דערמאַנען וואָס זיין תכלית וועט זיין, און איך האָב עם אַלע מאָל געשטראָפט מיט הייסע ווערטער, אַזוי אַז מיינע רייד זענען עם אַריין טיעף אין האַרץ, און ער האָט אָנגעהויבען אַרוים צו ווייזען סימנים, אַז ער האָט חשק צוריק אַ איד צו ווערען. אַמאָהל איז ער געקומען פּלוצלונג צו מיר צולויפען באַלד אין דער פריה מיט גרויס שרעק, און האָט מיר דערצעהלט אַז עם האָט עם געחלומט ביינאַכט, אַז זיינע טויטע פאָטער און מוטער זענען געקומען צו עם, און האָבען עם אָנגעזאָגט, ער זאָל דאָרכאויס פאָלגען אַלץ וואָס דער ייד מיט די לאַנגע באָרד וועט עם הייסען טוהן, און אויב ער וועט נישט פאָלגען, וועלען זיי עם ביינאַכט דערווערגען. איך האָב מיט עם שוין אָנגעהויבען אַלע טאָג קריאַת שמע צו זאָגען, און האָב עם געשאַפט תפילין: און ער האָט שוין אָנגעהויבען אַלע טאָג תפילין צו לעהגען. ער האָט שוין אויך אויפגעהערט צו עסען טרפות. איך האָב עם אַרויסגעגעבען אַ תשובה ער זאָל פאַסטען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג און אַלע נאַכט זאָל ער זיך אַנידער זעצען אויף די ערד אויף איין שעה און זאָל וויינען און בעהטען דעם הימעל אַז זיין תשובה זאָל אָנגענומען ווערען. אין עטליכע וואָכען אַרום, האָט דער איד בעקומען אַ בריעף. אַז מיט זיין ווייב און קינדער האָט זיך פערלאָפען אַ גרויס אומגליק. אַזוי ווי זיי זענען געפאָרען אויף אַ פוהר באַרג אָב האָבען זיך די פערד שטאַרק צולאָזט. די צוויי קינדער זענען אַראָב=געפאַלען און זענען אויפ׳ן אָרט דערהרג׳ט געוואָרען. דאָס ווייב זיינס איז אויך אַראָבגעפאַלען און האָט צובראָכען אַ פוס און אויסער דעם איז זי אויף פיעל ערטער פערוואונדעט געוואָרען און מען האָט זי גענומען און

א

אַ שפּיטאַל אַריין, פערלאַנגט זי אַז דער מאַן זאָל איר שיקען האַטש פונף און צוואַנציג רובל, בעוויל זי ווייסט אַז ער האָט ביי זיך נענוג געלט, אַזוי ווי ער האָט מיר דערצעהלט דעם אונהאַלט פון בריף האָב איך עם געזאָגט אַז ער מעג זיך שוין פריידען, בעוויל דאָס איז אַ סימן אַז זיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרען און הימעל, אַלזאָ זענען די צוויי ממזרים דערהרג'ט געוואָרען, דער איד יעקב האָט זיך דערקוויקט מיט מיינע ווערטער. איך האָב עם אויך מבטיח גיוועזן, אַז געווים וועט זיין הילף און מיין הילף קומען און אַ קורצע צייט. דאַן האָט ער מיך אָנגעהויבען שטאַרק בעהטען, אַז איך זאָל עם קיינמאָהל נישט פערלאָזען, נאָר איך זאָל איהן עם תמיד גידענקען, און איך זאָל נומר זיין די מצוה, צו ברענגען עם אין אָרדענונג, ער זאָל ווערען צוריק אַ אמת'ר איד, גלייך מיט אַלע אידען. איך האָב עם מבטיח גיוועזן אַז וואָס איך וועל נור קאָנען טוהן פאַר איהם, וועל איך טוהן מיט אַלע כחות. בקיצור ער איז געוואָרען צו מיר זעהר שטאַרק אָנגעקניפּט, און האָט גינומען מיט מיר, געשלאָפען נעבען מיר, און איך האָב איהן עם געשפּיהרט אַז ער איז אַ אמת'ר בעל תשובה.

ער האָט נישט לאַנג געדויערט, דאָס איז גיוועזן די נאַכט פון חמשה עשר באב, האָב איך גיזעהן אין חלום, אַז אליהו הנביא שטעהט פאַר מיר. ער האָט מיר געזאָגט „לייביש! האַפּ דאָס פּעקעל און ענטלויף שוין אַרויס פון דאַנעט, זאָלסט נאָר קיין מורא נישט האָבען, גאָר קיין „זלאַטאָפּאָלי" און זאָלסט דאָרט ווערען שטאָדט'ס שמש", איך בין אויפגעקומען מיט אַ גרויס ציטערניש. און מיט גרויס בטחון האָב איך גענומען מיין פּעקעל און האָב שוין געוואָלט מאַכען ויברח. איך האָב מיך אָבער דערמאַנט אַז איך האָב דעם בעל תשובה צו געזאָגט עם נישט צו פערלאָזען. האָב איך באַלד עם אויפגעוועקט שטילער הייט, און האָב צו עם געזאָגט. האַפּ געהך וואָס נויטיג איז, שטעק אַריין דיין האַנד אין מיין גאַרטעל און געה נאָהך נאָהך מיר. אַז מיר זענען געקומען צו די ערשטער טיהר, האָבען מיר גיזעהן, די טוהר איז נישט פערשלאָסען, און אַלע שלאָפען מיט אַ פעסטען שלאָף. מיר זענען אַרויס געגאַנגען אין געגאַנגען ווייטער, און דאָס זעלבע איז געווען אומעטום, אַלע שומרים זענען געשלאָפען, און די טהירען זענען געווען נישט פערשלאָסען. אויף טייל ערטער האָט נאָר דער שליסעל געשטעקט אין דער טהיר. און אַזוי נאָהך זענען מיר אַרויס אויף דער גאַס און מיר האָבען געמאַכט פּליטה אויסער די שטאָדט, אַזוי אַז מיר האָבען אַליין נישט געוויסט ווי אַהין מיר לויפען, אַזוי זענען מיר געלאָפען אַ גאַנצע נאַכט. אין דער פריה האָבען מיר גיזעהן פון דערווייטענס אַ דאָרף, זענען מיר אָנגעקומען אין דעם דאָרף אַריין, דאָרט האָבען מיר זיך דערפרעגט צו אַ איד, ווי מיר האָבען זיך אַביסעל אָבגערוהט. מיר האָבען געזאָגט אַז מיר דאַרפען געהן קיין זלאַטאָפּאָלי. האָט דער איד געזאָגט אַז מיר געהן אין גלייכען וועג. און אין דריי טעג אַרום זענען מיר אָנגעקומען קיין זלאַטאָפּאָלי. דאָרט בין איך געוואָרען שמש. ווי אַזוי נאָהך דאָס האָט זיך געמאַכט, וועל איך אַנאַנדערט

מאהל

מאָהל דערצעהלען - און דעם בעל תשובה האָב איך געמאַכט פאַר אַ ערליכען איד און האָב עם פון דאָרט אַוועק געשיקט.

נאָהך דעם, ווי דער שפּאָלער זיידע האָט אויסגעלאָזט די מעשה, האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו דעם חסיד, וואָס האָט זיך בעקלאָגט און געוויינט וועגען דעם פאַלשען פּראָצעס וואָס מען מאַכט עם. אין דער שפּאָלער זיידע האָט צו עם אַזוי געזאָגט. נו אַצינד דאַרפסט דו פערשטעהן, זאָלסט נישט מתרעם זיין אויף דעם אויבערשטען, ווי אַזוי ער פיהרט די וועלט. דער מענש וואָס האָט אַ פּעסטע אמונה אין השגחה פּרטיות, דעם ווערען די אוּנגען גיעבענט, ער זאָל פאַרשטעהן אַז אַלע רעות זענען טובות, נאָר דאָס זאָג איך דיר צו נאָך אַ מאָהל, אַז איך וועל זיין אַ בעסערער מליץ ווי דיין אַדוואָקאַט, און איך ווער פּועל'ן אַז מען זאָל דיר נאָר מאַכען אַ פּסק אויף איין חודש".

(ז)

ווי אַזוי דער שפּאָלער זיידע איז צוגענומען געוואָרען פאַר אַ שמש הקהל און זלאָטאָפּאָלי.

דאָס האָט דער שפּאָלער זיידע אַליין אַמאָהל דערצעהלט, ווען איך בין אָנגעקומען קיין זלאָטאָפּאָלי, בין איך געשלאָפען צווישען אַנדערע אָרימעלייט אין קהל'ס אַ הויז וואָס איז ספּעציאַל אָנגענרייט פאַר אורחים, אין די קליינע שטעדט רופט מען אַזאַ הויז "הקדש". נאָר מיט דעם ריכטיגען נאָמען איז גלייכער צו רופען דאָס הויז "פּוסטקאַ". אויף שבת קודש האָט מען מיר גינעבען אַ "פּלעט". דאָס איז אַזאַ מין אָנווייזונג ווי איך זאָל עסען שבת, איז מיר אויסגעקומען דאָס גליק צו עסען שבת ביי דעם גרעסטען נגיד פון שטאָדט. דער בעל הבית האָט אין מיר דערקאַנט אַז איך בין אַ פרומער מענש. בעוויל ער האָט גיזעהן ביי מיר עפּעס אַ נייעם, אַז איך בין גיוואָרענט מקיים צו זיין די מצוה פון נטילת ידים פאַר'ן עסען, וואָרען דאָס גאַנצע שטעדטעל איז דאַמאָלס גיווען פּשוט'ע עמי ארצים און בורים. דאָס יודישקייט איז ביי זיי גיווען אין זעהר אַ נידריגען בעשטאַנד. פון קיין נטילת ידים פאַר'ן עסען האָבען זיי כמעט נאָר נישט געוויסט. עס איז אויך גיווען פיעל בעלי בתים וואָס זייערע ווייבער האָבען נאָר נישט געהאַלטען פון קיין צעהלען זיבען ריינע טעג. דאָס האָט ביי זיי אויסגעקוקט עפּעס אַזוי ווי אַנאיבעריגע חומרא, וואָס טייל זענען זיך גלאַט אַזוי נוהג מחמת אַ מנהג. עס איז גיווען לאַנגע צייטען וואָס זיי האָבען אין גאַנצען קיין מקוה נישט געהאַט. נאָר עס איז געווען איינגעפיהרט אַז עטליכע שטעדטלעך האָבען זיך געהאַט בשותפות אַ מקוה. בשותפות אַ אתרג,

בשותפות

בשותפות א רב מיט א שוחט, וועלכער איז אויך נישט גיוועזן פון די גרויסע פרומע לייט. פון דעם איסור אז מען טאהר נישט עסען אין פסח קיין ארבעסען, קיין קאשעס, קיין הערינג, האבען זיי נאר נישט געוויסט, אבער איין גרויסע דאגה האבען זיי געהאט שטענדיג אין יודעשקייט, זאלען בעקומען א נוטען שמש הקהל. בעוויל זיי האבען גירעכענט דעם שמש פאר אמין „שעיר המשתלח" וואס ער נעמט אויף זיך צו ליידען אלע צרות מיט אלערליי שטראף פאר די גאנצע שטאדט. די ערשטע צרה איז ביי זיי געוועזען די תוכחה, וואס מען ליינט צוויי מאהל אין יאהר. זיי האבען זיך איינגערעדט אזא נארישקייט. אז דער מענש וואס מען ליינט עם פאהר די תוכחה, אויב ער איז נישט קיין אמת'ר צדיק, לעבט ער נישט אוים דאס יאהר. אלזא האבען זיי נישט געהאט קיין אנדערע עצה, נאר צו צונעמען אזיי שמש וואס זאל בעשטעהן מען זאל עם אויפריפען צו די תוכחה. עס איז געוועזען לייכט צו באמערקען אז און דעם שבת פון די תוכחה האט גיפעהלט א דריטעל בעלי בתים געווים, וואס האבען מורא געהאט צו זיין דערביי ווי מען וועט ליינען די תוכחה. און אפילו די וואס זענען געקומען צום דאווינען, האבען זיך ווייטער פערשטאפט די אויערען בשעת מען האט געליינט די תוכחה, עס האט זיך אמאהל געקאנט פערלויפען אויך, אז אין אזיי שבת איז נישט אזוי גרינג אנגעקומען צו שאפען א מנין צום דאווינען. בקיצור אין די שבתים פון דער תוכחה איז גיוועזן א חרבן אין שטעדטעל אזוי ווי תשעה באב. און איבער די צרה פון דער תוכחה האט זיך נישט געפונען קיינער אין שטאדט וואס זאל זיך וועלען לערנען זיין א בעל קורא. נאר דער שמש האט געמוזט זיין דער בעל קורא א גאנץ יאהר. די צווייטע צרה איז ווייטער גיוועזן ביי זיי דאס שופר בלאזען אין ראש השנה. דער שופר איז גיוועזן אין שטעדטעל אזיי מין מורא'דיגע זאך, אז די בעלי בתים האבען מורא געהאט פשוט צוקוקען אויפ'ן שופר, און ווער שמיסט נאך צו נעמען דעם שופר אין האנד אריין, דאס האט זיך קיינער נישט געוואלט אונטער שטעלען. זיי האבען געגלייבט זיכער אז אויב דער בעל תוקע איז נישט קיין אמת'ר צדיק לעבט ער נישט אוים דאס יאהר. אלזא האבען זיי צו דעם אויך נישט געהאט קיין אנדערע עצה, נאר אז דער שמש, וואס איז שוין סיי ווי אנאבגעקוילטער דורך די תוכחה, זאל ער שוין זיין דער בעל תוקע אויך. עס האט זיך אבער שוין געפלענט צו מאכען ביי זיי אזעלכע פאקטען וועלכע האבען באשטעטינט זייערע נארישע איינרעדענישען. ווארען אזוי ווי על פי רוב האט דאך קיינער נישט געוואלט אונטער נעמען זיך דאס געשעפט צו ווערען שמש, נאר אנאלטער איד א שוואכער, וואס האט שוין נישט געהאט דאס מעגליכקייט צו פערדינגען זיך מיט עפעס אנדערש קיין שטיקעל ברויט, דער האט דאך שוין נישט געהאט וואס איינצושטעלען, האט ער זיך מכנים גיוועזן אין די גרויסע סכנה אין איז געווארען שמש. פון די גרויסע פענסיע וואס זיי האבען עם געצאהלט איז ער געשטארבען פאר הינגער פאר קעלט און האט נאר נישט לאנג געפיהרט

דאס

דאָס עסק, האָבען זיך אָבער די בעלי בתים אַיינגערעדט, אַז ער איז געשטאָרבען איבער די תוכחה אָדער איבער דעם שופר.

און איך — דערצעהלט ווייטער דער שפּאָלער זיידע — ווען איך בין אָנגעקומען קיין זלאָטאָפּאָלי, איז שוין געהאַט פערביי געגאַנגען נאָנהט פון אַ יאָהר וואָס זיי האָבען קיין שמש נישט געהאַט. פאַר מיר איז געוועזען ביי זיי אַ שמש אַ זקן וואָס האָט קוים אַ גאַנץ יאָהר געלעבט איז ער מוצאי יום כפור געשטאָרבען, אין פון דאַמאָלס אָהן האָט זיך זיי נישט געטראָפען נאָך וועמען צו נעמען פאַר אַ שמש. און דאָ איז שוין מעהר נישט געוועזען ווי איין חודש צו ראש השנה. דעם שבת פון די ערשטע תוכחה איז קיינער נישט געקומען צום דאַווינען. הייגט אַז דער נגיד, וואָס איך האָב ביי עם גינעסען שבת, האָט גיזעהן אַז איך וואַש מיך צום עסען האָט ער זיך פערווינדערט אויף מיין פרומקייט און האָט געזאָגט צו זיין ווייב. „אָה! עפּעס איז אונז צוגעשיקט געוואָרען אויף דעם שבת אַ פרומער אורח“. דער נגיד האָט מיך אָנגעהויבען מקרב צו זיין און האָט זיך מיט מיר צורעדט, ביז ער האָט מיך געפרעגט צו איך קאָן זיין אַ בעל קורא, צו איך קאָן זיין אַ בעל תוקע. האָב איך עם געזאָגט אַז איך קאָן דאָס אַלס. אַזוי נאָהך האָט ער מיך אָנגעהויבען באַלד צו צורעדען איך זאָל אין דעם שטעדטעל פערבלייבען פאַר אַ שמש. נאָהך שבת אויף די אַנדערע וואָך האָט זיך שוין אָנגעהויבען ראש חודש אלול. האָבען זיי מיך געפּריבט מיט שופר בלאָזען מיט קריאת התורה. בקיצור איך בין זיי העכסט געפעלען. דאַן האָב איך מיר ביי זיי אוים געבאָטען, ראשית זיי זאָלען די מקוה פאַרעכטען. אַז עס איז געקומען צו די תוכחה, האָב איך מיר אויסגעבאָטען, די שטאָדט זאָל מיר געבען געלד אויף הוצאות צו ברענגען מיין בני הבית. איך האָב ביי זיי אַלץ געפּועלט, און זיי האָבען מיר גינעבען אַ כתב מיט אַ התחייבות צו צאָהלען מיר מזומן געלט אַלע וואָך פיער גילדין, אויסער וואָס איך וועל האָבען פון דער צדקה פּישקע, און פון דירעשט הכנסות. אויך האָבען זיי פאַר מיר אויסגעבעטען אין „הקדש“ אַ בעזינדער שטיבעל פאַר אַ דירה. זיי האָבען געזאָגט אַז זיי האָבען נאָך קיינמאָהל נישט געצאָהלט אַזוי פיל פאַר אַ שמש. נאָר איך האָב געפונען חן אין זייערע אויגען, בעוויייל איך בין נישט קיין זקן און בין אַ פרומער, האָבען זיי גערעכענט אַז עס קאָן זיין איך זאָל יאָ ביי זיי מאַריך ימים זיין. און בעוויייל די שטאָדט האָט מיך ליב געהאַט, האָב איך מיך געקאָנט ערקונדיגען אויף זייערע עבירות, און אויף זייערע פעלערען, און איך האָב אין די צוויי יאָהר פערלענט אַ גרויסען כח, עס זאָל אַלץ פאַרעכט ווערען. און די בעלי בתים זענען געוואָרען ערליכע אידען.

---

## (ח)

דאָס האָט ווייטער דער שפּאָלער זיידע דערצעהלט אַנאַנדערט מאָהל.

אז

אז ווען ער איז געווארען שמש הקהל אין זלאטאפאלי און איז אהיים געפאהרען ברענגען זיין בני בית קיין זלאטאפאלי, האט ער דאמאלס אנגעטראפען ביי זיין פאטער, מקיים צו זיין כיבוד אב. בעוויל ער האט זיך מיט עם שוין גאנץ לאנג נישט געהאט געזעהן. דער אלטער פאטער האט זיך מיט עם שטארק משמח געווען, און האט עם אויסגעפרעגט ער זאל דערצעהלען דעם גאנצען אמת, ווי ער איז אזוי לאנג געווען, און מיט וואס ער פארנעמט זיך היינט. האט ער געמוזט זאגען פאר'ן פאטער דעם אמת, אז ער האט געליטען פינף יאהר גלות, בעוויל דער בעל שם האט אויף עם אזוי גוזר געווען. דער פאטער איז אויף דעם דרך שטארק בייז געווארען, און האט אנגעהויבען צו שרייען. „ווער איז דאס דער בעל שם! נאך וואס ביזט דו צו עם געפאהרען. לאז ער צו דיר פאהרען”. ביי דעם האט זיך דער פאטער ארויסגעחאפט און האט צו עם נאך געזאגט. „איך בין אויף דיר גוזר בתורת כיבוד אב אז די זאלסט שוין מעהר נישט פאהרען צו עם”. עם פערשטעהט זיך אז בעוויל דער פאטער איז געווען זעהר א פשוטער מענש, האט ער נישט פערשטאנען דאס גדלות פון בעל שם. און עם איז נאר נישט איינגעפאלען, אז דאס זאל זיין דער זעלבער פערבארגענער צדיק וואס איז אמאהל ביי עם געווען. אז דער שפאלער זיידע האט דאס דערהערט האט ער שוין מורא געהאט ווייטער צו דערצעהלען, צו וואס פאר א טייערע פרנסה ער נעהמט זיך אצינד נעמען. האט ער שוין געמוזט פאר'ן פאטער זאגען, אז ער ווערט אין זלאטאפאלי שוחט. נישט שמש. ממילא שוחט צו ווערען האט שוין דער פאטער נישט געוואלט שטארק אבהאלטען. דער שפאלער זיידע האט אבער אויף דעם שטענדיג געביטערט, וואס דער פאטער האט עם פערבאטען נישט צו פאהרען מעהר צום בעל שם. דער שפאלער זיידע האט דאמאלס, ווען דער פאטער איז אין כעס געווען, נישט געוואלט מאכען מיט'ן פאטער ווענען דעם קיין גרויסע טענות, ווארען ער האט גירעכענט אז ער וועט דערנאהך פועל'ן ביים פאטער מבטל צו זיין די גזרה. אבער עס האט זיך נישט אזוי אויסגעפיהרט. ווארען עס איז פון דאמאלס אהן קיין גאנץ יאהר נישט פערביי געגאנגען און דער בעל שם איז נפטר געווארען.

## (ט)

### ווי אזוי איז דער שפאלער זיידע מפורסם געווארען אין זלאטאפאלי פאר א גרויסען בעל מופת

ווען דער שפאלער זיידע איז געווען שמש אין זלאטאפאלי האט ער געפלעגט צו געהן מבקר חולים זיין, און געבען זיי רפואות וואס ער האט

אליין

אליין געמאכט פון קרייטעכצער. ווערען ער האט גינעבען א רפואה איז ער געווים געהיילט געווארען. דאס אלץ האט ער געטוהן נאר לשם שמים. כדי די בעלי בתים זאלען עם ליעב האבען און ער זאל זיין חשוב אין יעדען הויז דארך וועלכען ער האט נעהאט דעם כח אראב צו פיהרען זיי פון שלעכטען וועג אויפ'ן גוטען וועג. אז א קינד איז ביי עמעצען קראנק געווארען, האט מען דאס ערשטע געשיקט נאך דעם מבקר ר' ליבל שמש, אזוי האבען עם די בעלי בתים גערלעגט רופען. אבער איידער ער האט גינעבען א רפואה, האט ער אנגעהויבען שטילערהייט חוקר ודורש צו זיין די מוטער ווי אזוי זי פיהרט זיך יודישלעך אין דעם ענין פון סדר נשים. אויב איהר פיהרעכץ איז נישט גיוועזען על פי דין האט ער איהר גילערענט ווי אזוי זי זאל זיך פון היינט אהן פיהרען. און ער האט זי געווארענט, אז אויב זי וועט אויף זיך נעמען מיט'ן גאנצען הארץ פון היינט אהן זיך גוט צו פיהרען, דאן וועט די רפואה פועל'ן, און דאס קינד וועט באלד געזינד ווערען. און אויב נישט וועט די רפואה גאר נישט פועל זיין. ער האט איהר באלד א ביישפיל געברענגט פון אנדערע ווייבער, וואס עס האט זיך אויך ביי זייערע קינדער געטראפען א קראנקייט, און זיי זענען געהיילט געווארען דארך זיינע רפואות, צו ליב דעם וואס די מוטערס האבען אויף זיך גענומען זאלען פיהרען יודישקייט, אזוי ווי ער האט זיי געלערענט. נאך א מנהג האט געפלעגט האבען דער שפאלער זיידע, ווען ער איז געוועזען שמש אין זלאטאפאלי, צו געהן אלע נאכט נאך חצות אין מקוה אריין. חאטש די מקוה איז גיוועזען קאלט האט ער קיינמאהל נישט פארפעלט קיין טבילה. ער האט אפילו פערלעהגט א כח מען זאל די מקוה ווארימען צוויי מאהל אין די וואך. אבער דירעשט נעכט איז דאס וואסער גיוועזען גוט קאלט, און ער האט גאר נישט אויף דעם געקוקט און האט זיך געמיזט אלע נאכט טובל זיין, און דערנאך האט ער אנגירעכט תקון חצות. דאס איז עם אבער נישט אנגעקומען אזוי גרינג, בעוויל ער האט זיך געמיזט ביינאכט אריינקריכען אין דער מקוה אריין דורכ'ן פענסטער. כדי קיינער זאל פון דעם נישט וויסען:

עס האט זיך אבער אמאהל געמאכט, אז דער בעדער איז יא פון דער מעשה געוואהר געווארען. דער בעדער. רעכענענדיג אז ער האט דא צו טוהן מיט א שמש, האט ער עם גוט אויסגעזידעלט, און האט עם נאך פארזיכערט, אז טאמער חאפט ער עם נאכאמאהל ביי אזוי משוגעת, וועט ער עם גוט מקיים פסק זיין פאר דעם משוגעת. ביי דעם בעדער האט דאס אויסגעזעהן ווי א רעכט משוגעת. היתכן ווי קומט דאס עפעס אז אמאנספערזאן זאל געהן אין א מקוה אריין נאך דערצו ביינאכט, נאך דערצו אין קאלטען וואסער אריין. ווארען אין גאנץ זלאטאפאלי האט זיך דאמאלס נישט געפונען קיין איין מאנספערזאן וואס זאל האלטען פון מקוה געהן. אויסער נשים. אלזא האט דער בעדער געקלערט נישט אנדערש נאר, אז דער שמש איז נישט ביים רעכטען שכל. אבער דער שפאלער זיידע האט זיך מיט דעם בעדער נישט געוואלט קריגען, האט ער אנגעהויבען עם צו בעהטען מיט גיטען און האט

עס מוסר געזאָגט ער זאָל עס דאָס נישט שטערען, אָבער דער בעדער וואָס איז געווען זעהר פאַרגרעבט האָט עס גאָר נישט געוואָלט הערען. דער נאָהך האָט ווייטער דער שפּאָלער זיידע געפּרובט צו האַנדלען מיט דעם בעדער אַז ער וועט עס צאָהלען געלט דערפאַר וואָס ער וועט עס לאָזען אין מקוה געהן אַלע נאַכט. דער בעדער האָט נישט געוואָלט אויף דעם אויך באַשטעהן, בעוויל ער האָט איבערגעקלעהרט מי יודע וואָס דער שמש וויל עפּעס מאַבען פון די מקוה, ווייל ער האָט כמעט קיין שום אופן נישט געקאָנט פאַרשטעהן ווי קומט עפּעס אַמאַנספּערזאָן צו אַמקוה. אַז דער שפּאָלער זיידע האָט איינגעזעהן, אַז ער האָט נישט קיין שום עצה מיט גוטען צו פועלין ביי דעם בעדער, וואָס איז אַזוי גרויסער עקשן. האָט ער צו עס אַזוי געזאָגט. נו אַז דו ביזט יאָ אַזוי עקשן, גיב זשע מיר תקיעת כף, אַז דו זאָלסט נישט דערצעהלען פאַר קיין שום מענש ווי לאַנג די וועסט לעבען. וועל איך דיר זאָגען אַ סוד וואָס דיר וועט אַרויס קומען אַ גרויסע טובה. דער בעדער האָט אַזוי געטוהן. נאָהך דעם האָט ווייטער דער שפּאָלער זיידע צו עס אַזוי געזאָגט. זאָלסט וויסען אַז ווען איך וואָלט געוואָלט דיך מעניש זיין, וואָלט איך געמאַכט פון דיר אין די רגע אַבאַרג אַש. דאָס איז אָבער נישט מיין שטייגער. אַלזאָ וועל איך בעסער האַנדלען מיט דיר אין גוטען. פאַר דעם וואָס דו וועסט מיך לאָזען געהן אַלע נאַכט אין מקוה אַריין בסוד עס זאָל קיינער נישט וויסען וועל איך דיר טוהן די טובה, אַז דיין בלינדע טאָכטער, וואָס איז שוין עטליכע יאָהר בלינד, וועל איך פאַר איר מתפלל זיין אין מקוה אַז זי זאָל צוריק זעהנדיג ווערען. און מאָרגען אין דער פריה וועט זי זיך אויפחאַפּען אַזוי ווי אַמשוגענע פאַר גרויס פרייד, און זי וועט צולויפען קישען איהר פאָטער און מוטער און דאָס גאַנצע הויזגעזינד, און זי וועט טאַנצען פאַר גרויס שמחה, און זי וועט זאָגען אַז זי ווייסט נישט פון וואָס דאָס בלענדיגקייט איז פון איר פּלוצלונג אָבגעטרעטען. אַז דער בעדער האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבען שטעהן ווי אַ צומישטער. און יאָ גלייבענדיג, נישט גלייבענדיג, האָט ער זיך מישב געווען, אַז ער וועט פּרובען געבען עס דעם שליסעל פון מקוה. דער בעדער האָט עס גיגעבען דעם שליסעל, זאָגענדיג די ווערט ער „גידענק לייביש! זאָלסט נישט מאַכען פון מיר קיין נאַרען=קאָפּ".

צומאָרגענס אין דער פריה איז געוואָרען אַ גרויסער רעש ביי דעם בעדער אין שטיב. ווייל עס איז אַלץ מקוים געוואָרען פונקטליך אַזוי ווי דער שפּאָלער זיידע האָט ביינאַכט צוגעזאָגט דעם בעדער. די גאַנצע שטאָדט האָט געקאָכט צוליב דעם גרויסען נס וואָס עס איז געשעהן צו דעם בעדערס טאָכטער. אָבער די אורזאַכע פון דער הילף איז געווען בסוד. דער סוד איז הערשט מפורסם געוואָרען אין אַ יאָהר אַרום. עס האָט זיך געמאַכט אַז דער בעדער איז שטאַרק קראַנק געוואָרען אויף זיין עלטער. און ווען ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער איז שוין אַ גוסס. האָט ער דאַמאָלס מגלה געווען דעם סוד, ווער עס האָט זיין טאָכטער זעהנדיג געמאַכט. און דער בעדער האָט שטאַרק

געווארענט

נעוואָרענט אַלע מענשען, זאָלען זיך היטען זאָלען שוין מעהר מיט דעם שמש נאָר נישט שאַפען, בעוויַיל ער איז אַפערבאָרגענער גרויסער צדיק. און נאָהך דעם איז באַלד דער בעדער געשטאָרבען. דאָס מופת איז בּאַלד זעהר שטאַרק מפורסם געוואָרען, און יעדער האָט שוין אָנגעהויבען פערשטעהן דעם אמת, אַז דער שמש איז פון די פערבאָרגענע גרויסע צדיקים, די זאַך האָט בעקומען אַ קלאַנג אַרום און אַרום, און פיעל מענשען פון די אַרומעדיגע שטעדט האָבען אָנגעהויבען פאָהרען צו דעם צדיק. ביז עס זענען געקומען מענשען פון אומאַן און פון מעדזשעדאָווקע, וועלכע האָבען עם דערקאָנט. האָבען זיי אָנגעהויבען איינער צום אַנדערען צו שרייַען. אַז דער צדיק איז דאָך דעם פּאַסעסער ר׳ ברוך׳ס זוהן. וואָס מען האָט עם געפלעגט רופען „זיידע“. און אויך אַז ער איז דעם מעדוועדאָווקער שוחט׳ס איידעם. אַזוי נאָהך איז דער צדיק אַלע מאָהל מעהר מפורסם געוואָרען, און דער שם איז געגאַנגען אַז דער „זיידע“ איז געוואָרען אַגרויסער בעל מופת. דאַן האָט דער שפּאָלער זיידע געזאָגט, אַז ער קאָן שוין נישט וויַיטער וואָהנען אין זלאָטאָפּאָלי, בעוויַיל די בעלי בתים שעהמען זיך עם אָנצוקוקען אין פנים אַריַין, און זיי האָבען גרויס עגמת נפש, וואָס זיי האָבען מיט עם ביז אַהער געשאַפט, אַזוי ווי מיט אַ עבד, און אויך האָט זיך נישט איינמאָהל פערלאָפען, וואָס זיי האָבען עם מבזה געוועזען נישט מיט קיין פאַסענדע רייד. און אויסער דעם האָט דער שפּאָלער זיידע געזאָגט אַז אויף עם ליגט נאָך גענוג אַרבייט אוים צו בעסערען אין יודישקייט אַלע אוקראַינער אידען. אַלזאָ איז דער צדיק פון דאָרט אַוועק און אַנדערע שטעדט אַריַין, און ער איז שוין געוועזען אומעטום מפורסם פאַר אַ גרויסען צדיק און אַ בעל מופת. און נאָהך אַכט יאָהר וואָס ער איז אַרוים פון זלאָטאָפּאָלי, האָט ער זיך באַזעצט אין שפּאָלי און יעדער האָט עם גערופען מיט דעם נאָמען „זיידע“, אַזוי ווי מען האָט עם גערופען אין דער יוגענד. בעוויַיל אין יענע צייַטען איז נאָך נישט געוועזען אַזוי שטאַרק בעוויסט אויף דער וועלט צו רופען אַ צדיק מיט׳ן נאָמען „רבי“. און שפּאָלי האָט דער צדיק געוואָהנט צוויי און פערציג יאָהר. די מופתים וואָס ער פלעגט בעוויַיזען זענען געוועזען זעהר שרעקליך, אַזוי אַז אויסער דעם בעל שם האָט מען נישט געזעהן אַזעלכע גרויסע מופתים ביי קיין שום צדיק. ווען דער שפּאָלער זיידע איז אַלט געוועזען זיבען און אַכטציג יאָהר איז ער נפטר געוואָרען אין שפּאָלי. דאָס איז געוועזען זעקס טאָג אין חודש תשרי פון יאָהר תקע״ב לפ״ק. זיין זכות זאָל מגין זיין אויף אונז און אויף אַלע אידען, אמן.

## (יא)

דאָס איז זעהר אַ וואונדערליכע און אַ העכסט אינטערעסאַנטע מעשה, וואָס דער שפּאָלער זיידע האָט בעוויזען ביי דעם אָרענדאר, וועלכער האָט משיג גבול געווען אַ צווייטען איד.

עס איז זעהר בעוויסט, אַז דער שפּאָלער זיידע, חאָטש ער איז געווען אַ גרויסער בעל רחמנות מיט זעהר אַ ווייך הארץ, און ער האָט שטענדיג מליץ געווען גוטע מליצות פאַר דעם אויבערשטען אויף יעדען איד, אַפּילו נאָהר אויף אַ גראָבען און אַ זינדיגען מענש. אָבער אַז ער איז געוואָהר געוואָרען אויף וועלכען איד, אַז ער האָט משיג גבול געווען אַ צווייטען איד, דאַן איז ער אויף דעם מענש זעהר בייז געוואָרען, און האָט עס מעניש געווען מיט וואָס נאָר עס איז מעגליך געווען, ביז דער זינדיגער האָט געמוזט תשובה טוהן און פאָלגען מקיים זיין דעם פּסק וואָס דער שפּאָלער זיידע האָט ארויסגעגעבען.

אין אַ דאָרף, וועלכעס האָט געהערט צום דעם גראַף „ראַדזיווילאָוו", האָט געוואָהנט פיעל יאָהרען אַ איד, וואָס מען האָט עס גערופען עזריאל ברי‌סקער, ער האָט דאָרט געהאַלטען אין אַרענדע אַ וואַסער=מיהל, פון וועלכען ער האָט מפרנס געווען זיין הויזגעזינד בכבוד, און האָט נאָך אויך אויפגעהאַלטען ביי זיך זוהן מיט איידעם'ס. און חאָטש דער עזריאל איז געווען אַ דאָרפס=מאַן און אַ פּראָסטער בעל הבית, פון דעסטוועגען איז ער געווען זעהר אַ גוטער מענש, אַ בעל צדקה און האָט ליעב געהאַט מקיים צו זיין די מצוה הכנסת אורחים.

נישט ווייט פון דעם דאָרף איז געווען נאָך אַ דאָרף, וועלכעס האָט אויך געהערט צו דעם זעלבען גראַף און דאָרט האָט אויך געוואָהנט אַ איד, וואָס מען האָט עס גערופען יעקב רייף, און איז אויך געווען ביי דעם גראַף אַ אַרענדאַטער. די ביידע שכנים האָבען געפּלעגט צו לעבען בשלום לאַנגע יאָהרען. די אידען וואָס האָבען געוואָהנט אַרום אין די נאָהנטע דערפער האָבען געפּלעגט צו קומען דאַווענען שבת צו דעם עזריאל ברי‌סקער, וועלכער האָט אָבגעגעבען אויף דעם אַ בעזונדערע שטיב מיט אַ אָרון קודש. אויך האָט דער עזריאל געמאַכט אויפ'ן וואַסער, נישט ווייט פון דער מיהל אַ קליין געצעלטעל פון ברעטער, דאָרט איז געווען אַריינגעזעצט אין וואַסער אַ ניעדעריגער קאַסטען מיט עטליכע שטיגעלעך. דאָס איז געווען אַ כשר'ה מקוה צו טובל'ן זיך דאָרט אין זומער.

עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַ סבה, וואָס דאָס גוט פריינדשאַפט פון די צוויי שכנים עזריאל בריסקער און יעקב רייף איז קאַליע געוואָרען. די סבה איז געווען וואָס דער עזריאל האָט געהאַט אַ זוהן און דער יעקב האָט געהאַט אַ טאָכטער יעקב האָט דוקא געוואָלט זיך משדך זיין מיט דעם עזריאל'ן, אָבער עזריאל האָט אָבגעזאָגט דעם שידוך, בעוויל ער איז געווען

א גרעסערער מיוחס ווי דער יעקב. און החוץ דעם איז עס נישט געפעלען
דער יעקב פאר א מחותן, בעוויל מען האט זיך ביי עם אין שטיב נישט
געפיהרט אזוי יודיש, און דער יעקב איז געווען א שטיקעל אויפגעקלעהרטער.
איבער דעם האט עזריאל נישט געוואלט דעם שידוך, פון דעם האט זיך
געמאכט צווישען זיי א רוגז. די שנאה איז געוואקסען אלע מאהל מעהר
און מעהר, ביז יעקב האט בעשטימט זיך נוקם צו זיין אין עזריאל'ן. האט
ער אנגעהויבען אריין צו שיקען מסירות צום גראף אויף עזריאל'ן און
דערנאך האט ער אנגעהויבען אנצוזערען דעם גראף, אז ער זאל בעסער
עם פערדינגען די מיהל וואס עזריאל האלט. דער גראף האט טאקי אין
אנפאנג נישט געוואלט מסכים זיין צו דעם פארשלאג. נאר בעוויל דער
יעקב האט פיעל מאהל געמסר'ת פאר דעם גראף אויף עזריאל'ן, און האט
פארגעלעגט פאקטען אז עזריאל מאכט אהן פיעל שאדענס אין מיהל דארך
זיין אומפארזיכטיגקייט, און אויסער דעם אלעם האט יעקב צוגעזאגט דעם
גראף א גרויסע הוספה, כמעט שיעור דאס טאפעלע געלד וואס עזריאל האט
געצאהלט, צוליעב דעם אלעם האט זיך דער גראף געלאזט איבער רעדען,
און האט פערדינגען די מיהל יעקב'ן, וועלכער האט באלד בעקומען פון גראף
א קאנטראקט. נאך דעם האט דער גראף געשיקט א פאפיר צו עזריאל'ן,
אין וועלכען עס איז געשטאנען א אבזאג, אז דער גראף זאגט אב עזריאל'ן
פון דער מיהל, און אז פון דעם נייען יאהר אהן דארף ער זיך פון דארט
ארויסציהן, בעוויל די מיהל איז שוין פערדינגען געווארען צו אנאנדערען.

אזוי ווי די ביטערע בשורה איז אנגעקומען אין עזריאל'ס הויז, איז
דארט גיהערט געווארען א גרויס געוויין. זיי האבען זיך נאר נישט גירעכט
פלוצלונג אויף אזא אומגליק. און נאך דער צו איז פון דאמאלס ביז נייע
יאהר איבגאנצען געווען נאר צוויי חדשים, און עס פארשטעהט זיך אז אין
אזא קורצע צייט איז שווער צו בעקומען אנאנדער געשעפט אזעלכעס צו
דינגען. עזריאל האט געפרובט געהן צום גראף, בעהטען ביי עם, אבער
מען האט עם צום גראף נישט אריינגעלאזט, נאר מען האט עם ארויס באפוילען,
אז דער גראף זעלבסט מישט זיך נישט אין די געשעפטען, נאר דאס גיהער
צום גראפ'ס פערוואלטער עזריאל איז געגאנגען צו דעם פערוואלטער און
האט פאר עם שטארק געוויינט. יענער האט אבער עם גיענטפערט, אז דאס
איז שוין אפערפאלענע זאך, בעוויל דער גראף האט שוין אונטער געשריבען
דעם קאנטראקט, וועלכער איז שוין אוועק גיגעבען געווארען צו זיין שכן
יעקב, וואס האט אויסגעדינגען די מיהל. און ביי דעם גראף פאסט נישט
צו זאגען אז ער האט חרטה. עזריאל, הערענדיג די ווערטער, האט נאך
שטארקער אנגעהויבען צו וויינען, דער פערוואלטער האט געהאט גרויס
מיטלייד מיט עם, און האט נישט געקאנט צו הערען זיין געוויין, דאן האט
ער צו עזריאל'ן געזאגט, אז נאר די איינע עצה קאן זיין, עזריאל זעלבסט
זאל געהן בעהטען צו זיין שכן יעקב, ער זאל חרטה בעקומען פון גישעפט

און

אונ זאָל צוריק אָבגעבען דעם קאָנטראַקט צום גראַף, אונ ער זאָל פערפאַלען לאָזען די 300 רובל קאָלסיע וואָס ער האָט געגעבען, אונ דאַן וועט שוין זיין אַ גאַנג צו פּועל'ן ביי דעם גראַף, אַז דער ערשטער אָרענדאַר זאָל ווייטער פערבלייבען ביי דעם געשעפט, אונ אויפ'ן ערגסטען פאַל קאָן נאָר זיין, אַז עזריאל וועט אויך מוזען געבען אַ הוספה.

דער עזריאל, חאָטש ער האָט געבעך פערשטאַנען גאַנץ גוט, אַז יעקב איז עם אַ גרויסער שונא, אונ אַז אויסער דעם איז ער אַ בייזער מענש אָהן רחמנות. דאָך האָט ער געקלערט, אפשר אַז ער וועט טאַקי אַליין געהן בעהטען צו עם אונ וועט וויינען פאַר עם, וועט ער דאָך פּועל'ן ביי עם, ער זאָל זיך אָבזאָגען פון קאָנטראַקט, אונ די 300 רובל קאָלסיע זאָל עזריאל היזק האָבען. מיט נידערגעשלאָגענע פּנים אונ מיט די לעצטע קרעפטען זענען זיי ביידע עזריאל מיט זיין ווייב געגאַנגען צו זייער שכן יעקב, זיי האָבען עם שטאַרק געבעטען מיט אַ גרויס געוויין ער זאָל זיי נישט צו ברעכען, אָבער עס האָט גאָר נישט געהאָלפען. יעקב מיט זיין ווייב זענען אַריין אין אַ לעצטע שטיב אַריין, ווי זיי האָבען זיך דאָרט פערשלאָסען, כדי זיי זאָלען גאָר נישט הערען דאָס געוויין מיט דער בקשה פון עזריאל'ן מיט זיין ווייב. דאַן האָט עזריאל געזאָגט צו זיין ווייב. אויב יעקב מיט זיין ווייב האָבען זיך פערשטאָפּט די אויערן, אונ ווילען נישט פאַרנעמען אונזערע טרעהרען מיט אונזער בקשה, איז גלייכער מיר זאָלען וויינען אונ בעהטען צום אויבערשטען, וואָס ער פאַרנעמט שטענדיג די יודישע תפלות אונ די יודישע טרעהרען מיט רחמים, אַזוי ווי עס שטעהט אין היילינע ספרים, אַז מיט טרעהרען קאָן מען עפענען אין הימעל אַלע פערשלאָסענע טויערען, אין דער אויבערשטער וועט זיך געווים איבער אונז מרחם זיין, אונ וועט אונז נישט פערלאָזען. מיט די ווערטער זענען זיי ביידע אַהיים געגאַנגען, זעהר מיט אַ צובראָכען האַרץ. אונ אַזוי ווי דאַמאָלס איז דער שפּאָלער זיידע געוועזען זעהר מפורסם אויף די גאַנצע וועלט פאַר אַ גרויסען בעל מופת, האָבען זיי זיך אין דער היים אָנגעפּאַסט צו פאָהרען קיין שפּאָלי, אין דאָרט אויסצוגיסען זייער ביטער האַרץ פאַר דעם היילינען צדיק.

עזריאל מיט זיין ווייב זענען געפאָהרען קיין שפּאָלי. דאַמאָלס איז שוין געוועזען נאָהנט צו שבועות, האָבען זיי געמוזט שוין דאָרט פערבלייבען שבועות. וואָרען פאַר שבועות איז שוין שוועהר געוועזען צו ריידען מיט דעם צדיק וועגען אַזעלכע געשעפטען. נאָר דאָך ווען עזריאל איז געקומען צום שלום נעמען האָט ער אָבגעגעבען אַ קוויטעל מיט אַ בקשה, דער אויבערשטער זאָל עם העלפען, קיינער זאָל נישט קאָנען עם צו נעמען זיין פרנסה. דער צדיק האָט עם גאָר נישט אויסגעפרעגט וואָס דאָס געשעפט איז, נאָר ער האָט עם אַזוי געענטפערט „מסתמא וועט איר דאָך דאָ בלייבען איבער שבועות, אַלזאָ וועט דאָך נאָך זיין אַ גראָהמערע צייט צו רעדען וועגען דעם". גאַנץ יום טוב איז עזריאל אַרום געגאַנגען מיט גרויס עגמת נפש.

קיין

קיין שמייכעל האָט ער נישט געקאָנט טוהן, געדאַוועגט האָט ער מיט הייסע טרעהרען, אַזוי ווי יום כפור.

אין ערשטען טאָג שבועות ביי דער סעודה ווען מען האָט געטהיילט די חסידים ויין, האָט מען מכבד געוועזן דעם עזריאלין אויך מיט אגלעזעל ויין. אַזוי ווי ער האָט גענומען דאָס גלעזעל ווין צום טרינקען און האָט געזאָגט „לחיים" האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען, און האָט אָנגעהובען שטאַרק צו וויינען, אַזוי אַז ער האָט נישט געקאָנט אַרויס רעדען קיין וואָרט. דאַן האָט דער שפּאָלער זיידע אויף עם אָנגעהויבען שטאַרק צו בייזערען זיך מיט די ווערטער. „שוטה, וואָס וויינסט דו, צו ווייסט דו דען נישט אַז היינט איז שבועות, נו צו וואָס ביזט דו היינט דאָ אַריין געקומען צו מיר, מיך טרויריג צו מאַכען אין אַזוי הייליגען טאָג, וועלכער ווערט אָנגערופען יום חתונתו ויום שמחת לבו, נו ביזט דו געקומען מיר פאַרשטערען די חתונה. און פאַר וואָס האָסט דו נישט צוברעכען הענד און פיס איידער דו האָסט איבערגעטרעטען מיין שוועל". מילא די חסידים וואָס זענען שוין געוועזן בעקאַנט מיט'ן שפּאָלער זיידען האָבען שוין געוויסט זיין שטייגער. אַז ווען ער האָט געוואָלט איינעם אַ טובה טוהן און אַרויס העלפען פון עפּעס אַ גרויסע צרה, האָט ער געפּלעהגט דעם מענש מבזה צו זיין מיט עפּעס אַ זלזול, און אַ מאָהל עם אויך אַ קללה געבען, און מיט דער בושה אָדער מיט דער אימה איז שוין יענער אָבגעקומען, אַז די צרה איז פאַרקערט געוואָרען לטובה. אָבער דער עזריאל נעבעך האָט פון דעם גאָר נישט געוויסט, און אַזוי ווי ער האָט דערהערט פון שפּאָלער זיידען דאָס בייזערען זיך אויף עם איז ער פאַר שרעק שיעור נישט אין חלשות געפאַלען, און הענד און פיס האָבען ביי עם אָנגעהויבען צו ציטערען. דאַן האָט באַלד דער שפּאָלער זיידע אָנגעהויבען מיט עם ווייכע רייד צו רעדען, און האָט צו עם אַזוי געזאָגט. צו גידענקסט דו מיט זעקס יאָהר צוריק, אַז עס האָט אמאָהל ביי דיר ווינטער ביינאַכט אָנגעקלאַפּט אַ אָרעמאַן, און דו האָסט עם גיעפענט, האָסט דו געזעהן אַז ער איז שטאַרק געפרויר'ען, האָסט דו עם געמאַכט וואַרעמס צו טרינקען, און האָסט עם מחיה געוועזן. אויף צומאָרגענס האָט דער אָרעמאַן געזאָגט צו דיר, אַז פאַר דיין גוטס וועט ער דיר אָבטוהן אַ טובה מיט דעם וואָס ער וועט ביי דיר בודק זיין די מזוזות. אין דער אָרעמאַן האָט טאַקי געפונען אַז ביי צוויי טיהרען איז גאָר געוועזן אָנגעקלאַפּט בלויז פּאַפּיר אָהן מזוזות, האָסט דו געזאָגט אַז עפּעס אַ גוי האָט אודאי דאָס געטוהן, אַרויס צו גנבנען די מזוזות פון פּאַפּיר. עזריאל האָט זיך באַלד דערמאַנט און האָט גיענטפערט, אַז ער גידענקט טאַקי דאָס גאַנץ גוט. האָט דער שפּאָלער זיידע ווייטער צו עם געזאָגט, זאָלסט וויסען אַז דאָס בין איך גיוועזן דער אָרעמאַן, אַלזאָ זאָרג גאָר נישט און זאָלסט גאָר קיין מורא נישט האָבען, דער אויבערשטער וועט דיר געוויס העלפען אַז די צרה וועט פאַרקערט ווערען לטובה. און האָט עם גהייסען

טרינקען

טרונקען דעם וויין, און זאָל געבען די האַנד זאָגענדיג לחיים דערבײַ האָט דער שפּאָלער זיידע צו עם אַזוי געזאָגט. „דו הייסט עזריאל בן דבורה היינט האָבען מיר געזאָגט אין אקדמות „ערב יקר אחסנתיה חביבין דבקבעתא”. די דרײַ אותיות פון דעם וואָרט ערב זענען די זעלבע דרײַ אותיות, וועלכע געפונען זיך אין אָנהויב פון די דרײַ ווערטער פון דײַן נאָמען עזריאל בן דבורה. ווינטש איך דיר, אַז אין דעם זכות וואָס דו האָסט ליעב מקיים צו זײַן די מצוה פון הכנסת אורחים, זאָלסט דו אויך זײַן אין כלל פון די יודען וואָס ווערען אָנגערופען „יקר אחסנתיה” דאָס הייסט אַז זיי זענען בײַ דעם אויבערשטען פאַרעכענט פאַר זײַן טײַערע נחלה. און עס זאָל בײַ דיר מקוים ווערען די לעצטע צוויי ווערטער „חביבין דבקבעתא”. דאָס הייסט די זאָלסט זײַן געליעבט בײַ דעם אויבערשטען צו בלײַבען ווײַטער אויף דײַן מקום קביעות, ווי די וואָהנסט דאָרט פון לאַנגע יאָהרען. נאָך די ווערטער איז דער עזריאל פאַרקערט געוואָרען אויף אַ אַנדערען מענש, דאָס האַרץ איז בײַ עם געוואָרען פריילעך און איז שוין אַרומגעגאַנגען לוסטיג גאַנץ יום טוב.

נאָהך יום טוב צום גיזעגענען זענען אַרײַנגעקומען צום שפּאָלער זיידען עזריאל מיט זײַן ווײַב, און האָבען עם דערצעהלט דאָס גאַנצע עסק אַז דער שכן יעקב האָט זיי אויסגעדינגען די מיהל, און זיי האָבען היינט נאָהר קיין עצה נישט צו זוכען אַ אַנדערע פּרנסה און זיי האָבען זעהר שטאַרק געוויינט. דאַן האָט דער שפּאָלער זיידע אָנגעשריבען אַזוי קוויטילע מיט די ווערטער.

„איך שרײַב דיר יעקב, אַז איך האָב געהערט אַז דו ווילסט משיג גבול זײַן דײַן שכן עזריאל. אַלזאָ וואָרען איך דיך אַז מען טאָהר אַזוי נישט טוהן. און אויב די האָסט עפּעס אַ טענה צו דעם עזריאל’ן זאָלסט דו מיט עם האַלטען אַ דין תורה. אַז דו וועסט מיך נישט פאָלגען וועסט דו חרטה האָבען, מען איז נישט מעניש דיפויר אײדער מען וואָרענט דעם מענש און אויב די וועסט יאָ מיך פאָלגען וועט דיר גוט זײַן”.

הק’ לייבוש משפּאלי.

דער שפּאָלער זיידע האָט גיגעבען עזריאל’ן דאָס קוויטילע און האָט צו עם אַזוי געזאָגט. ווען דו וועסט אַהיים קומען זאָלסט דו באַלד געהן צו דײַן שכן יעקב, זאָלסט עם איבערגעבען דאָס קוויטעלע און זאָלסט עם זאָגען, אַז דו ביסט געווען בײַ מיר, און איך האָב דיר מבטיח געווען אַז דו וועסט בלײַבען ווײַטער בײַ דער מיהל. וועט זײַן אַזוי, אויב ער וועט האָרכען מײַנע רייד, און וועט אָבטרעטען פון דעם עסק. הרי טוב. און אויב נישט, זאָלסט דו דיך גאָר נישט וויסען מאַכען, נאָר זאָלסט דיר דינגען ערגעץ אַ דירה, אָבער אין דעם זעלבען דאָרף, אָבער אין אַ דאָרף דינגעבען. און ווען די צײַט וועט קומען זאָלסט דו דיך איבערציהן אין דער נײַער דירה, און וועלכע דו וועסט דאָרט נישט לאַנג וואָהנען, וואָרען אין אַ קורצע צײַט אַרום, וועט ער זיך בײַ דיר בעהטען, אַז די זאָלסט פון עם

איבערגעמען

איבערנעמען דעם קאנטראקט, און מיט גרויסע צרות וועט ער פון דארט ענטלויפען.

עזריאל מיט זיין ווייב זענען אהיים געפאהרען. ווען זיי זענען נאר אהיים געקומען איז עזריאל אריבער געגאנגען צו זיין שכן יעקב, און האט עם איבערגעגעבען דאס קוויטעלע. אבער יענער האט עם דאס קוויטעלע צוריק געווארפען מיט א גילעכטער אין האט צו עם מיט עזות אזוי געזאגט. "דער רבי וואס איר זענט ביי עם געוועזען האט נאר צובעשאפען אין זיין שטאדט, אבער דא אין דעם דארף האט דער גראף ראדזיזווילאוו צו בעשאפען". דער עזריאל איז געבליבען אהיים געגאנגען מיט גרוים עגמת נפש נאהך דעם האט ער זיך געדינגען א דירה אין דעם נאהנטען דארף, ווען די צייט איז אנגעקומען האט זיך עזריאל ארויסגעצויגען פון דער מוהל, און יעקב זיין שכן האט זיך אויף זיין ארט אריינגעצויגען.

עס האט נישט לאנג געדויערט, און יעקב'ס ווייב, וועלכע האט געהייסען פיינא, האט געדארפט צו געהן טבילה. און אזוי ווי עס איז דארט געוועזען נישט ווייט פון דער מיהל א גיצעלטעל אויפ'ן וואסער מיט א כשר'ע מקוה, וואס דארט האבען גיפלעגט אנדערע שכנות אויך צו געהן טבילה זומער צייט, ווען די היטץ איז גרוים, אלזא איז די פיינא אויך דא געגאנגען טבילה, זי האט זיך מיט גענומען איהר עלטסטע טאכטער פאר א שומר. און בעוויל די היטץ איז דאמאלס געוועזען גרוים, איז די טאכטער נישט אריינגעגאנגען אין דעם גיצעלטעל, נאר זי איז גיזעסען אויף דער שוועל אונטער די בוימער, וואס זענען דארט געשטאנען, און די מוטער פיינא האט זיך געטוהן דאס איהריגע איינוועהניג.

אבער דא האט איהר געטראפען א שרעקליכער צופאל. אזוי ווי זי איז אראב געגאנגען אויף די טרעפלעך זיך טובל זיין, האבען זיך פלוצלונג אוועקגענומען די ברעטער, וועלכע זענען געוועזען פון אונטען אין דער מקוה פאר א פאדלינע, אזוי ווי א דנאה צו א קאסטען, זי האט אפילו נישט געקאנט קיין געשריי טוהן און איז אראב אויפ'ן גרונד פון טייך, פאר שרעק איז זי אויך באלד פערחלש'ת געווארען, און זי האט שוין מעהר נישט געוואוסט וואס מיט איהר טוט זיך. אצינד לאז מען די פיינא לאזען ליגען א מינוט אין וואסער און מען וועט דיפויר דערצעהלען וואס פאר א שרעקליכעס עס איז דא פאהרגעקומען.

---

אזוי ווי די פיינא איז אריינגעפאלען אין וואסער אריין, איז אויף איהר ארט ארויסגעקומען א אנדערע פרוי, וועלכע איז גיוועזען די זעלבע הויך וואס די פיינא, און אויך עטוואס ערהנליך צו איהר. די ארויסגעקומענע פרוי איז גיוועזען א שידית פון די וואסער שדים, וועלכע געפונען זיך אין די גרויסע טייכען, און אמטייגסטענס ביי די וואסער=מיהלען. פיינא'ס טאכטער וואס איז גיזעסען אויף די שוועל פון גיצעלטעל האט אפילו נישט געחלומ'ט

וואס

וואָס דאָ קומט פֿויר. זי האָט זיך אַלע מאָהל אומגעקוקט צו זעהן, ווי די מוטטער האַלט, און זי האָט נישט באַמערקט קיין שום אומגיוועגליכעס. איהר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס איז ווירקליך איהר מוטטער, זי האָט גיזעהן דאָס אָנטוהן אַלץ פונקטליך ווי איהר מוטטער. קיין וואָרט האָבען זיי ביידע נישט גירעדט, נאָר ווען זי איז שוין גיוועזן אָנגעטוהן, איז זי אַרויסגעגאַנגען פון דעם גיצעלטעל. די טאָכטער איז איהר נאָכגעגאַנגען ביז אין שטיב אַריין, נאַכהער איז זיך די טאָכטער געגאַנגען איהר וועג אַביסל שפּאַצירען אין דרויסען פאַר דעם הויז, און די שידית איז זיך אַריין געגאַנגען אין יעקב׳ס וואָהנונג אַריין. דאַמאָלס איז יעקב נישט גיוועזן אין וואָהנונג, ער האָט נאָך געהאַט צו טוהן אין מיהל, אין שטיב איז דאַמאָלס נאָר געווען עטליכע פון די יונגע קינדער. וועלכע האָבען אויך נאָר נישט באַמערקט, נאָר זיי האָבען גירעכענט זיכער אַז דאָס איז זייער מוטטער. אָבער אַזוי ווי די קינדער האָבען זי אַרומגערינגעלט, און יעדעם האָט פערלאַנגט עפּעס אַנדערש, אַזוי ווי דער שטייגער איז פון קליינע קינדער ביי זייער מוטטער. דאַן האָט זי זיי נאָר נישט גיענטפערט, נאָר זי האָט זיי דערווייטערט פון זיך, און האָט זיי אַלע מאָהל נאָר אָבגעשטיפּט פון זיך. דערנאָך איז די שידית צוגעגאַנגען צו די קיך, און האָט אַרומגענומען די טעפּלעך מיט׳ן גיקעכץ, וואָס איז גיוועזן אָנגעגרייט אויף נאַכט־עסען פאַר דעם גאַנצען הויזגעזינד. און זי האָט אָנגעהויבען צו עסען פון די טעפּלעך. דאַן זענען די קינדערלעך צו געלאָפען און האָבען אָנגעהויבען צו רייסען פון איהר, מען זאָל זיי אויך געבען נאַכט־עסען, יעדעם האָט זיך אויסגעבאָטען אַגרויס חלק, אַזוי ווי זייער געוואָהנהייט פלעגט זיין ביי די מוטטער. אָבער זי האָט זיי נאָר נישט גיענטפערט, נאָר זי האָט זיי פון זיך אָבגעשטיפּט, אַזוי אַז יעדעם קינד איז אַנידערגעפאַלען אויף אַ נאַנדער אָרט, און עס איז געוואָרען צווישען די קינדער אַ גרויס געוויין. דערווייל האָט די גרויסע טאָכטער, וואָס האָט זיך געשפּאַצירט אין דרויסען, דערהערט דאָס געוויין אין שטיב. איז זי אַריין געלאָפען אין שטיב אַריין זעהן וואָס דאָ טהוט זיך עפּעס, אָבער ווי ערשטוינט איז זי געוואָרען אַז זי האָט דערזעהן ווי די מוטטער שטעהט ביי די קיך, אין די זעלבע מלבושים וואָס זי איז געקומען פון די טבילה, און מיט דער זעלבע פּערטשיילע איז זי פערהילט אַ שטיק איבער׳ן פנים, אין שטעהט און עסט אין האַלט נאָר אין איין עסען אָהן אויפהער עפּעס נאָר נישט מענשליך, און די קינדער ליגען אויף דער ערד יעדעם באַזינדער און וויינען. דאַן איז די גרויסע טאָכטער צו איהר צוגעגאַנגען אין אָנגעהויבען צו שרייען, מאַמע! מאַמע! וואָס טהוט זיך מיט דיר, נעה אַריין אין דיין שטיב אַריין ווײַל איך דיר דערלאַנגען עסען, דאָס עסען איז דאָך אָנגעגרייט פיר אַלעם ווענען אויף נאַכט־עסען, אָבער די שידית האָט זיך נעטוהן דאָס איהרעגע, אין זי האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט צו איהר. די טאָכטער איז צוגעגאַנגען קוקען איהר אין פנים אַריין

און

און האט געוואלט פון איהר אראבנעמען די פערטשײלע פון קאפ, דאן
האט זי בעקומען פון איהר א שטיפ אוועק, אז זי איז אויך אנידערגעפאלען
און האט זיך ניט צוקלאפט, און זי האט אויך אנגעהויבען צו שרײען
און צו וויינען, בקיצור אלע וואס זענען געוועזען אין שטיב זענען געלעגען
אויף דער ערד און האבען געשריגען און געוויינט, און די שידית איז
זיך געשטאנען ביי די קיך און האט נאר גיגעסען.

איין קינד האט זיך עפעס יא געשטארקט, האט זיך אויפגעכאפט
און איז ארויסגעלאפען פערמסר'ען די מוטטער פאר דעם פאטער, דאס
קינד איז אריינגעלאפען אין מיהל אריין און האט אנגעהויבען צו שרײען.
„טאטע! טאטע! קום נאר געהך אהיים, נאר געהך". יעקב איז צו
געלאפען צום קינד. און האט געפרעגט, וואס איז דאס? וואס איז עפעס
געשעהן? אבער דאס קינד האט אנגעהובען צו וויינען, און פאר שרעק
האט עס ניט געקאנט מעהר פערצעהלען נאר די עטליכע ווערטער. „די
מאמע האט אונז אלע גיט געשלאגען און זי עסט אליין אויף דאס גאנצע
נאכט-עסען". יעקב איז באלד אהיים געלאפען. ער איז אויך באלד צומישט
געווארען, זעהנדיג ווי די קינדער ליגען אלע אויף די ערד אין וויינען,
די גרויסע טאכטער ליגט אויך אויף די ערד און שרײט אויפ'ן קאפ.
דא ביי די קיך וויטער שטעהט פייגא זיין ווייב און ליידיגט אוים דעם
לעצטען טאפ מיט גרוים אפעטיט און קוקט זיך גאר ניט אום אויף
די שטיב. יעקב האט ניט געוויסט וואס דיפויר צו טוהן, ער האט
אנגעהויבען צו שרײען. פייגאלי! פייגאלי! וואס איז מיט דיר געשעהן?
ער האט אבער ערשטענס געמיזט באלד צולויפען ראטיווען די גרויסע
טאכטער, וואס האט געשריגען זעהר אויף קאפ-וועהטוג, דער פאטער
האט זי אויפגעהויבען און האט איהר פערבאנדעזשירט דעם קאפ מיט
קאלט וואסער. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו דער פרוי און האט
אנגעהויבען רײדען צו איהר ווייבע רייד. פייגאלי, מיין ווייב, פייגאלי,
זאג מיר וואס איז עפעס דיר געשעהן, וואס מיט זיך עפעס מיט דיר?
אזוי רײדענדיג צו איר האט ער געוואלט פון איר אראבנעמען די
פערטשײלע צו קוקען איר אין פנים אריין. אבער זי האט עם אויך
אשטוים אוועק געטוהן פון זיך אזוי שטארק, אז ער איז אויך אנידער-
געפאלען, און איז געווארען זעהר איבערשראקען. אבער ער האט זיך
געשטארקט און האט זיך אויפגעהובען, און איז ווייטער צוגעגאנגען צו
איר, און האט אנגעהויבען זי שטארק צו בעהטען, זי זאל עם חארז איין
ווארט ענטפערען, וואס איהר איז. דאן האט די שידית בלוצלונג
ארויסגעלאזט פון איהר מויל א אומגעהעריש משונה'דיג קול מיט א גילעכטער,
אזוי ווי א מריטץ פון וועלכע חיה אדער בהמה. אלע שטיב מענשען
זענען שטארק איבער געשראקען געווארען פון דעם משונה'דיגען מריטץ.
נאכהער איז די שידית צוגעגאנגען צו די טיהר, זי האט זיך אויפגיעפענט
און איז ארויסגעגאנגען אין הויז ארײן. דארט זענען געשטאנען

טרעפען

טרעפּען אַרויף צו געהן אויפ'ן בוידעם, ווי עס איז גילעגען אָנגעלעהנט געגען שטרוי מיט היי. זי איז מיט די טרעפּען אַרויף אויפ'ן בוידעם און האָט זיך דאָרט גילעגט שלאָפען אויפ'ן היי:

ווען יעקב מיט זיין טאָכטער האָבען זיך עטוואָס בערוהיגט, האָבען זיי אָנגעצינדען אַ לאַמטעהר און זענען ביידע אַרויף אויפ'ן בוידעם. האָבען זיי גיזעהן אַז זי ליגט און שלאָפט אויפ'ן היי אין אָנטיעכץ, אין אַלץ מיט דער פערטשיילע פערהילט דעם קאָפּ און פאַרדעקט דאָס פּנים. זענען זיי פאַמעהליך צוגעגאַנגען צו איר, האָבען זי בעטראַכט און האָבען אָנגעהויבען צו וועקען זי און צו בעהטען ביי איר, זי זאָל מיט זיי אַראָב געהן זאָל זיך לעהגען אין איהר בעט אַריין. אָבער זי האָט זיך פּלוצלונג אויפגיזעצט און האָט אַרויסגעחאַפּט פון יעקב'ס האַנד די לאַמטהער און האָט זי אַראָב געשליידערט פון בוידעם, דערביי האָט זי ווידער אַרויסגעלאָזט פון מויל אַזוי אומגעהאַרישען מריטץ מיט אַ משוגה'דיג גילעכטער, אַז זיי ביידע האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און זענען אַראָב געלאָפען פון בוידעם אין שטיב אַריין. זיי ביידע האָבען אָנגעהויבען אַריין צו קלעהרען און די זאַך, וואָס דאָ איז עפּעס גישעהן, און עס איז ביי זיי געבליבען נישט אַנדערש, נאָר אַז זי האָט זיך ביי די טבילה איבערגעשראָקען זעהר שטאַרק, איבער דעם איז זי פון זינען אַראָב און איז משוגע געוואָרען, האָבען זיי זיך איבערגיקלעהרט אַז עס איז גלייכער מען זאָל זי לאָזען שלאָפען ביז אין דער פריה, אפשר אַז זי וועט זיך אויסשלאָפען וועט איהר בעסער ווערען.

צומאָרגענס באַלד אין דער פריה איז יעקב אַרויף אויפ'ן בוידעם האָט ער גיזעהן אַז זי ליגט אויף דעם זעלבען אָרט און שלאָפט נאָך. יעקב האָט נישט געוואָלט איבערוועקען זי, נאָר ער איז שטילערהייט אַראָבגעגאַנגען און איז געגאַנגען זעהן צו דער מקוה וואָס דאָרט טהוט זיך עפּעס. און דאָרט האָט ער טאַקי דערזעהן אַז עטליכע ברעהטער פון די מקוה=פּאָדלינגע שווימען אַרום אויבען אויפ'ן וואַסער. ער האָט זיך אויף דעם זעהר פערווינדערט, און האָט גענומען אַ גאַנץ לאַנגען שטעקען און האָט געפּרובט אַריין צושטעקען אין מקוה אַריין. דאַן האָט ער זיך ערקונדיגט אַז עס פעהלט טאַקי ווירקליך די פּאָדלעגע פון דער מקוה. דאַן האָט יעקב געזאָגט, אָט אַצונד זעה איך שוין די ריכטיגע אורזאַכע וואָס זי איז אַזוי שטאַרק איבערגעשראָקען געוואָרען. יעקב איז אַהיים געגאַנגען און האָט דאָס באַלד דערצעהלט פאַר די טאָכטער, אַז נישט אַנדערש נאָר זי האָט זיך דערשראָקען אַריינגעהנדיג אין מקוה, בעוויַיל די ברעהטער פון די פּאָדלינגע האָבען זיך אונטער איהר אָבגעריסען, און זי איז שיעור נישט דערטרינקען געוואָרען. אַבעוויַיז אַז די אָבגעריסענע ברעהטער שווימען נאָך אַרום אינוועהניג, זיי האָבען זיך ביידע געשטאַרקט דאָס הארץ, אַז נעווים וועט זי געהיילט ווערען דאָרך רפואות פון אַ גוטען דאָקטאָר.

אין

און דער פּריה זיינער נײַן, ווען אַלע קונדער האָבען זיך שוין געהאַט אויפגעהויבען, און עס איז שוין געווען אָנגעגרייט דאָס גיקעכץ פון אָנבייסען פאַר אַלע, איז פּלוצלונג די שידית אַרײַנגעקומען פערהילט דעם קאָפּ און פאַרדעקט דאָס פּנים מיט דער פערטשײַלע, פּונקט אַזוי ווי געכטען, זי האָט באַלד צונעמומען דאָס גאַנצע ניבעקץ אין פאַרטעך אַרײַן, און די צווײַ טעפּלעך מיט׳ן גיקעכץ האָט זי אויך צו גענומען, און איז מיט דעם אַלעם אַרויף צוריק אויפ׳ן בוידעם, דאָרט האָט זי דאָס אַלץ אויפגעגעסען. און דאָס איז נאָך נישט אַזוי פון די גרויסע וואונדער, וואָרען נישט בחנם זאָגט די וועלט אויף אַ פרעסער, „ער פרעסט אַזוי ווי אַ טײַוועל״. ווען זי האָט שוין געהאַט אויסגעלײַדיגט די טעפּלעך, האָט זי די טעפּלעך אַ וואָרף אַראָב געטהון פון בוידעם, דערנאָהך האָט זי זיך צוריק געלעהגט שלאָפען אויפ׳ן היי. אַלע שטוב מענשען האָבען מורא געהאַט אַרויף צו געהן צו איהר אויפ׳ן בוידעם, זי זאָל נישט עמעצען אָנחאַפּען און אַראָב שלײַדערען פון בוידעם אויף די ערד זיי האָבען זיך נאָר ערלויבט צו שטעהן אויף די טרעפּ און צו זעהן פון דערווייטענס וואָס זי טוהט, ווען עס איז געקומען מיטטאָג צײַט, און עס איז שוין געווען גרייט דאָס גאַנצע עסען איז די שידית ווײַטער פּלוצלונג אַראָב געקומען און האָט אַלץ פערגומען געשווינד, און איז מיט אַלעם צוריק אַרויף אויפ׳ן בוידעם. דאָרט האָט זי דאָס אַלץ ווײַטער אויפגעגעסען, נאָכהער די לײַדיגע טעפּלעך אַראָב גיוואָרפען, און האָט זיך צוריק געלעהגט שלאָפען אויפ׳ן היי.

עס זענען אַזוי פערבײַ געגאַנגען דרײַ טעג, אין די שידית האָט דאָס זעלבע געטוהן בײַ יעדען מאָהלצײַט, און זיי האָבען געמיזט יעדעם מאָהלצײַט צווײַ מאָהל קאָכען, אײַנמאָהל פאַר די שידית, און אײַנמאָהל פאַר׳ן הויזגעזונד. דען פירטען טאָג האָט יעקב׳ס עלטסטע טאָכטער געזאָגט צום פאָטער. טײַערער פאָטער! וואָס וועט זײַן אונזער תכלית? די זעהסט דאָך אַליין אַז אויף אונז איז געקומען אַ גרויסע צרה, אפשר איז אויף אונז אויסגעגאָסען גיוואָרען די שטראָף צוליעב דעם, וואָס מיר האָבען אַוועק גענומען די פּרנסה פון עטליכע פאַמיליעס, וואָס האָבען דאָ אַזוי לאַנג גילעבט, עזריאל מיט זײַנע זוהן און איידעמעס. לויט מײַן פערשטאַנד וואָלט גלײַך גיווען מען זאָל פון דאַנעט אָבטרעטען און מען זאָל די מיהל צוריק געבען אין עזריאַל׳ס האַנד אַרײַן, אפשר אין דעם זכות וועט מײַן טײַערע מוטטער געהײַלט ווערען. בײַ דעם ריידען האָט זי אויסגעבראָכען מיט אַגרויס געוויין. אָבער איהר פאָטער יעקב איז געווען אַ מענש מיט זעהר אַ האַרטען חאַראַקטאַר, דער צו גאָך אַ אויפגיקלעהרטער און אַ גאַנצער „חכם״. האָט ער נאָך זיך אָנגעבײַזערט אויף די טאָכטער און האָט צו איר געזאָגט, איך בעהט דיך זאָלסט שוין מעהר נישט ריידען צו מיר אַזעלכע נאַרעשע רייד. וואָרען ווען דאָס משוגעת וואָלט צו איר געקומען פּלוצלונג אָהן אַ שום

אורזאכע

אורזאַכע. דאַן וואָלט מען אפשר נעדאַרפט אַזוי איבער צו קלערען, אָבער היינט אַז מיר זעהן קלאָהר די אורזאַכע פון וואָס זי איז איבער־געשראָקען געוואָרען אַזוי שטאַרק, און זי איז דאָך דעם צומישט געוואָרען אין איהר פערשטאַנד. ווי מיר זעהן אַז אין דעם איז נאָר שולדיג די ברעהטער פון די פּאָדלינע, וואָס זענען געווים שוין גיוועזן פערפוילט, און האָבען זיך דאָרט שוין מעהר נישט געקאָנט דערהאַלטען. גו וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו דעם וואָס מיר האָבען אויסגע־דינגען עזריאל'ן די מיהל? צו איבער דעם האָבען זיך די ברעהטער דערביזערט און האָבען אָנגעהויבען צו פוילען? מיין קינד. צו הערט זיך דען נישט אויף פיעל ערטער, אַז מענשען ווערען משוגע אָהן אַ מיהל אויסדינגען? היינט לעהנסט די מיר פויר אַזוי נאַרישקייט, אַז מיר זאָלען נאָך די פרנסה אויך היזק האָבען. דאָס וואָלט דיך הערשט טאַקי געוועזן פון אונז אַ רעכט משוגעת. נור ווייסט דו וואָס איך וועל טוהן, איך וועל פאָהרען אין שטאָדט אַריין און וועל ברענגען אַ גרויסען דאָקטאָר. וועלען מיר הערען וואָס דער דאָקטאָר וועט זאָגען דער צו. דערווייל איז אַרויסגעגאַנגען אַ קול אויפ'ן נאַצעען דאָרף אַז פיינאַ'לע די אַרענדאַרקע איז משוגע געוואָרען, פון וואָס עזריאל האָט זיך אויך באַלד דערוויסט, און עס איז עם אַביסעל גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרץ, גלויבענדיג זיכער אַז דאָס איז אַ אָנהייב פון זיין הילה, וואס דער שפּאָלער זיידע האָט עם מבטיח גיוועזן.

יעקב איז געפּאָהרען אין שטאָדט אַריין און האָט גיברענגט טאַקי אַ גרויסען דאָקטאָר. ער האָט דעם דאָקטאָר קלאָהר געמאַכט אין דעם עסק, ווי אַזוי עס איז מיט די פיינא צוגעגאַנגען. דער דאָקטאָר האָט דאָך אָבער דאָרכאויס געדאַרפט זי אָנצוקוקען און צו בעטראַכטען. האָט מען אָנגעהויבען צו קלערען עצות ווי אַזוי דאָס קאָן זיין, איז ביי זיי אַזוי אָנגיקלעהרט געוואָרען. אַז מען זאָל באַשטעלען צו דעם פיער געזונדע פויערען, און מען זאָל וואַרטען ביז זי וועט אַליין אַראָבקומען נעמען דאָס עסען, דאַן זאָל מען זי חאַפּען מיט געוואַלד און צוהאַלטען, אַז דער דאָקטאָר זאָל זי קענען בעטראַכטען. יעקב האָט אַלס פאָרברייטעט, און מען האָט זיך דערוואַרט ביז זי איז אַראָב געקומען. זי איז זיך גלייך צוגעגאַנגען צו די קיך, כדי צו נעמען די טעפּלעך גיקעכץ, מיט דער פערטשיילע איז זי ווייטער געוועזן פערהילט איבער'ן פּנים אַזוי ווי שטענדיג. דאַן איז צו געשפּרינגען צו איהר דער שטאַרקסטער פויער פון די פיער אָנגענרייטע פויערען, און האָט זי אַ חאַפּ אָהן געטוהן ביי די האַנד. און דער רגע האָט זי אַ טריטץ אַרויס געטוהן מיט אַ אומגעהאַריש גילעכטער. און האָט מיט דער אַנדערע האַנד אָנגיגאָסען דעם פויער אין פּנים אַריין מיט דעם הייסען טעפּעל גיקעכץ, אַזוי אַז דער פויער איז אָנגעברוהט געוואָרען און האָט געמאַכט אַ געוואַלד. דאַן האָבען זיך אַ לאָז געטוהן צו איר

די אַנדערע דרײַ פּויערען. נאָכהער זי האָט זיך פון זײַערע הענד געלײַך אַרויסגעדרײַט, און האָט מיט דעם לײַדינגען אײַזערנעם טאָפּ אָנגעהויבען צו האַקען די דרײַ פּויערען איבער די קעפּ, ביז זײַ זײַנען געוואָרען שרעקליך פערוואונדעט און פערגאָסען מיט בלוט. אַלע פּויערען האָבען אָנגעהויבען שטאַרק צו שרײַען און זײַנען פון איהר ענטלאָפען, דעמסט גלײַכען אויף דירעשט שטיב מענשען איז געפאַלען אַ גרויסע אימה און זײַנען אַלע ענטלאָפען, טײל דאָרך די טיהר, און טײל זײַנען אַרויסגעשפּרונגען דאָרכ'ן פענסטער, אין די שידית איז געבליבען אַלײן אין שטיב. נאָכדעם דעם האָט זי פערנומען, אַזוי ווי איך געוואָהנהײַט, דאָס גאַנצע עסען וואָס זי האָט נאָר געפונען, און איז זיך צוריק אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן בוידעם.

ווען יעקב מיט דעם דאָקטאָר האָבען דערזעהן, אַז זי איז זיך שוין אַרויפגעגאַנגען מיט'ן עסען אויפ'ן בוידעם, זײַנען זײַ הערשט צוריק אַרײַנגעגאַנגען אין שטיב און האָבען אָנגעהויבען ווײַטער צו קלערען עצות וואָס מען זאָל טוהן. דערבײַ האָט דער דאָקטאָר מסכים געווען צו יעקב'ס מײַנונג, אַז זי איז טאַקי נאָר משוגע געוואָרען דאָרך דעם דערשרעקעניש פון מקוה, און דער דאָקטאָר האָט נאָך צוגעגעבען, אַז אַלע משוגעים פון דעם מין משוגעת זײַנען אין די ערשטע חדשים אַזוי שטאַרק ווי די פערד, און זײַ עסען אויך ווי די פערד. האָט זיך דאַן יעקב אָנגערופען צו זײַן טאָכטער מיט די ווערטער: זעהסט אַז דער דאָקטאָר איז מסכים צו אַלע מײַנע רייד, אַז דאָס משוגעת איז איהר נאָר געקומען פון דער שרעק פון מקוה, אָבער נישט פון דעם אויסדינגען די מיהל. יעקב האָט אָנגעהויבען צו בעהטען דעם דאָקטאָר, ער זאָל דאָך עפּעס אויפטהון, ווי אַזוי זי צו היילען. דער דאָקטאָר ווײַטער, אַז ער איז שוין דאָ געווען אויפ'ן אָרט, האָט ער דאָך עפּעס געמוזט זאָגען אַ עצה, ער זאָל נישט אַהײם פאָהרען מיט די לעהדיגע האַנד. דער דאָקטאָר האָט לאַנג גיקלעהרט, און איז געפאַלען אויף אַזאַ עצה, ער האָט צוגערופען יעקב'ן מיט זײַן טאָכטער און האָט צו זײַ אַזוי געזאָגט. וויסען זאָלט איהר, אַז אַזוי באַלד איהר וועט אַלע טאָג אָנגרייטען פאַר די משוגענע אַזעלכע סעודות, דאַן וועט זי אַלע מאָהל נאָך שטאַרקער ווערען, און זי וועט זיך נישט לאָזען היילען. אַלזאָ איז מײַן עצה, איהר זאָלט אויפהערען איהר אָנצוגרייטען, נישט קיין געבעקטיץ און נישט קיין גיקעכטץ. איהר מוזט אָנגרײַטען עסען פאַר'ן גאַנצען הויזגעזינד בײַ אַ שכן און דאָרט זאָלט איהר עסען, און דאָ זאָל זײַן אַלע טאָג אָנגרייטען פאַר די משוגענע צוויי טעפּ גיקעכטץ, אין איין טאָפּ זאָל ווערען געקאָכט בלוים וואַסער מיט עטליכע גרויסע בײַנער פון פלײש, זי זאָל מײַנען אַז דאָס איז אַ יאָהך מיט פלײש. אין דעם צווײטען טאָפּ זאָל זיך קאָכען אויך נאָר בלוים וואַסער מיט עטליכע שטיקלעך קאַרטאָפעל, כדי

נאָר

נאָר איהר דאָס לעבען צו דערהאַלטען. ווייטער זייסער דעם זאָל מען אין דער שטיב קיין שום עסענוואַרג נישט איבערלאָזען, אין אַזוי נאָהך ווער איהר ווילדער קראַפט אַלע מאָהל שוואַכער ווערען, ביז זי וועט שלאַף ווערען און וועט שוין נישט קאָנען אַראָבנעהן פון דעם גילעהגער דאַמאָלס זאָל מען זי אַראָבנעמען פון בוידעם, אָבוואַשען זי אין אַ וואַנע און לעהגען זי אין אַ בעט אַריין. נאָהך דעם זאָלט איר שיקען נאָך מיר, וועל איך שוין דאַן קאָנען איר אַיינגעבען רפואות צו היילען זי פון דעם משוגעת. און כדי דאָס אָבשוואַכען זי זאָל נעכער צו געהן, האָט דער דאָקטאָר פערשריבען אַריצעפט, אַהיין צו טוהן אַלע טאָג ביסלעכווייז און די טעפּ ניקעכטץ אַריין, וואָס מען וועט פאַר איהר אָנגרייטען. די עצה איז יעקב'ן זעהר שטאַרק גיפעלען. ער האָט דעם דאָקטאָר בעדאַנקט פאַר זיין קלוגע עצה, און האָט עם גוט בעלוינט און אָבגעשיקט אַהיים.

צומאָרגענס האָבען זיי געטהון אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט געהייסען. פאַרען גאַנצען הויזגעזינד האָט מען אָנגעגרייט עסען ביי אַ שכן, און דאָ האָט מען אָנגעגרייט צוויי טעפּ מיט גאָר נישט. עס איז געקומען די צייט פון עסען, איז זיך די שידית אַריינגעקומען אין שטיב אַריין אַזוי ווי אַלע מאָהל, און האָט אָנגעהויבען זיכען עסענוואַרג. זי האָט אָבער גאָר נישט געפונען, איז זי ווייטער צוגעגאַנגען צו די טעפּ האָט זי באַלד דערקאָנט אַז מען האָט זי אָבגענאַרט. האָט זי קודם אַרויסגעשטיפּט די עטליכע קונדער, וועלכע זענען דאַמאָלס אין שטיב גיוועזן. נאַכהער האָט זי גענומען אַ מעסער און האָט צושניטען דאָס גאַנצע בעטצייג, די פעדערען האָט זי אַרויסגעלאָזט אויפ'ן ווינד דאָרכ'ן פענסטער, און אַלע קעך=כלים האָט זי צוהאַקט און צובראָכען וואָס זי האָט נאָר ניקאָנט. בקיצור זי האָט אָנגעמאַכט אַגרויסען שאָדען אין שטיב. און דערנאָהך איז זי זיך אַרויף געגאַנגען אויפ'ן בוידעם און האָט זיך צוריק געלעהגט אויף איהר אָרט. אַזוי ווי מען האָט גיזעהן די פעדערען פליהן דאָרכ'ן פענסטער, זענען אָנגעקומען צו לויפען פיעל מענשען. יעדער האָט אָבער מורא געהאַט אַריין צו געהן אין שטיב. באַלד זענען אויך אָנגעקומען יעקב מיט זיין גרויסע טאָכטער מיט דירעשט הויזגעזונד, און זענען אַריינגעלאָפען אין שטיב אַריין זעהן דעם חורבן וואָס דאָרט איז נישעהן. דאַמאָלס האָבען זיי הערשט פערשטאַנען וואָס פאַר אַ דומהייט דעם דאָקטאָרס עצה איז גיוועזן. זיי האָבען אויך באַלד אָנגעהויבען איבער צו קלערען וואָס שפּעטער וועט זיין. ווען זי וועט ווייטער אַראָבקומען מיטטאָג צייט און וועט אויך גאָר נישט געפונען קיין עסענוואַרג. זיי האָבען מורא געקריגען זי זאָל זיך נישט אַריינכאַפּען צום שכן, אָדער נאָהר אין מיהל אַריין, און דאָרט ווייטער מאַכען אַזאַ שטיינער חורבן. איז ביי זיי געבליבען אַז מען זאָל געשווינד אָנגרייטען גיפּעקטץ מיט צוויי טעפּ גיקעכץ, אַזוי ווי זיי האָבען גיפלעגט אָנצוגרייטען;

אָנצוגרייטען בּיז אַהער, כּדי אַז ווען זי וועט אַראָבּקומען זאָל זי שוין האָבּען גרייט דאָס עסען. אַזוי נאָהך קאָן זיין אַז זי וועט שוין קיין שאָדענס נישט מאַכען. זיי האָבּען אַזוי געטהון, און ווען עס איז געקומען די צייט פון מיטטאָג איז די שידית אַראָבּגעקומען. אַלע זענען דאַמאָלס אַרויסגעלאָפען פון שטיבּ. אָבּער זי האָט שוין טאַקי קיין שום שאָדען נישט געמאַכט, נאָר זי האָט פערנומען דאָס גאַנצע עסענוואַרג און איז צוריק אַרויף אויפ'ן בּוידעם אַזוי ווי שטענדיג. דאַמאָלס האָבּען זיי הערשט פערשטאַנען אַז קיין אַנדערע עצה האָבּען זיי נישט, נאָר זיי מיזען אָנגרייטען אַלע טאָג אַמוועניגסטענס צוויי מאָהל שפּאָהר גיבּעקען מיט צוויי טעפּלעך ניקעכטץ, אַזוי נאָהך וועט זי זיי לאָזען צו רוה. און אויך וועלען זיי קאָנען אפשר אַריינטוהן אין גיקעכץ אַזעלכע רפואות צו היילען זי, און זי זאָל די רפואות נאָר נישט שפּיהרען.

אַציגד וועט מען דאָ איבּערלאָזען די שידית אין יעקבֿ'ס הויז, מען זאָל איהר דאָ אָנגרייטען אַלע טאָג צוויי גוטע סעודות. און מען וועט צוריק געהן זעהן וואָס עס האָט זיך פּאַסירט מיט די רייכטוּנגע פיינא נאָכ'ן אַריינפאַלען אין וואַסער אַריין.

---

דער טייך, וואָס אויף עס איז געשטאַנען די מיהל, וואָס יעקב האָט אויסגעדינגען, און אויך די מקוה, וואָס פיינא איז דאָרט אַריינגעפאַלען, האָט זיך געפונען בּערך אַ האַלבּע מייל וויים פון דעם גרויסען בּעווּיסטען טייך, וואָס ריפט זיך „דנעפּר”, און וועלכען עס געהן שטענדיג אַדאָרך האַנדעלס־שיפען, און דער טייך פון יעקבֿ'ס וואַסער מיהל איז מיט אַ שטאַרקען שטראָם אַריינגעפאַלען אין דעם גרויסען טייך „דנעפּר”. בּיי די בּרעגעס פון „דנעפּר” רעכטס און לינגס געפונען זיך פיעל דערפער און אויך גרויסע שטעדט. צווישען די דערפער און שטעדט געפונען זיך גרויסע שטרעקעס אומבּעזעסענע, וועלכע בּאַשטעהן פון גרויסע וועלדער, לאַנגע פעלדער אָדער ווילדע סטעפּעס, וואָס דאָרט וואַקסט גידעכט גראָהז וועלכעס ענטהאַלט בּיז צוויי עהלען די הויך. עס געפינט זיך אויך גאַנצע שטרעקעס פון פיעל מיילען צוזאַממען וואָס שטעלען פויר אַ ווּיסטע מדבר פון בּלוים זאַמד אָהן אַ שום געוויקס. און אַזוי ווי די פיינא איז אַריינגעפאַלען אין וואַסער איז זי פון גרויס שרעק בּאַלד פערחלשט געוואָרען און האָט שוין נישט געווּסט וואָס מיט איר טוט זיך. עס איז איר אָבּער אַ נס גישעהן אַז זי איז נאָר נישט אַראָבּגעפאַלען אויפ'ן גרונד, נאָר דער שטראָם פון טייך האָט זי מיט גישלעפט, און זי איז בּאַלד געפויר געשווימען און איז אַזוי געשווימען שנעל מיט'ן שטראָם פון טייך בּיז זי איז אַריינגעפאַלען אין „דנעפּר”. און אַזוי ווי דאָס וואַסער פון „דנעפּר” געהט אויך שטענדיג מיט אַ שטאַרקען שטראָם, איז זי נאָך געשווימען אויפ'ן דנעפּר אויך עטליכע מייל, און זי

איז

איז געבליבען ליגען ביי דעם ברעג פון דנעפר אויף א זאמד אין א אומבאזעסען געגענד. זי איז אזוי געלעגען אין א בעוויסטלאזען צושטאנד ביז די זון האט אנגעהויבען אין דער פריה אויף איר ארויף צו ווארפען איהרע הייסע שטראלען. דאן האט זי זיך ערוועקט פון חלשות און האט געעפענט איהרע אויגען. זי איז געבליבען זעהר ערשטוינט זעהנדיג אז זי ליגט א נאקעטדיגע אונטערן הימעל נעבען א ים. זי איז נאך געוועזען א ביסעל צומישט און האט נאר נישט געדענקט ווער זי איז, און וואס מיט איר איז געשעהן, ווי אזוי זי איז דא פערווארפען געווארען. זי האט אין אנפאנג נישט געקלעהרט אויף קיין שום זאך, נאר זי האט אנגעהויבען זוכען א ארט ווי צו בעהאלטען זיך. נישט ווייט פון דעם ארט האט זיך געפונען א „קעמפא" פון פיעל בוימער, וועלכע האבען פערנומען א גרויס ארט ביי דעם ברעג פון דנעפר, און זיי האבען זיך אויך אריינגעצויגען אויף א בערגעל אין דנעפר אריין. פייגא איז ראדט אהין געלאפען און האט זיך בעהאלטען אויף דער „קעמפא" צווישען די געדעכטע בוימער און האט זיך אנידערגעזעצט אב צו רוהען. דאן האט זי שוין אנגעהויבען גוט אריינצוקלעהרען אין דער זאך, ווער זי איז, און ווי אזוי זי איז דא אהער געקומען, און ביסלעכווייז האט זי צוריק בעקומען דעם כח פון זכרון מיט'ן פאלקאמענעם פערשטאנד, און האט זיך דערמאנט ווער זי איז, און ווי אזוי זי איז אריין געפאלען אין טייך אריין ביי די טבילה. האט זי הערשט אנגעהויבען צו פערשטיין, אז עס איז איר א גרויס נס געשעהן וואס זי איז נישט דערטרונקען געווארען, נאר דאס וואסער האט זי אהער פארשלעפט, שווימענדיג אין א בעוויסטלאזען צו שטאנד אויפ'ן וואסער. זי האט אבער נישט געקאנט וויסען ווי זי געפינט זיך, בעווייל דער דנעפר איז אויף דעם ארט געוועזען זעהר ברייט, אין זי האט נישט געקאנט זעהן דעם אקעגענאיבערדיגען ברעג. האט זי געקלעהרט אז זי איז פארשלעפט געווארען אין א ים אריין, אין דער ים האט זי ארויסגעווארפען. האט זי אנגעהויבען זעהר שטארק צו זארגען און צו וויינען, ווער ווייסט ווי פיעל הונדערטער מיילען זי איז פערווארפען געווארען ווייט פון איהר היים, און ווער ווייסט צו זי וועט נאך אמאהל קאנען אהיים קומען א לעבעדיגע, זעהן זיך מיט איהר מאן און מיט איהרע קינדערלעך.

פייגא האט אזוי לאנג געוויינט ביז זי האט אנגעהויבען שפירען הינגער. דאן האט זי איבערגעקלעהרט אז דאס דארף זי ערשטענס זעהן צו פערזארגען זיך מיט עפעס א לעבענס מיטעל, זאל נישט שטארבען פאר הינגער. און אנהויב האט זי גירעכענט ארויף צו קלעטערן אויף א הויכען בוים און אויסקוקען, אפשר וועט אדארך געהן עפעס א שיף, דאן וועט זי שרייען הויך, די שיף זאל דערהערען. און צו קומען דא אהער צו פארגעסען זי. עס איז אבער דאמאלס בעוויסט געוועזען אויף דער וועלט אז אויפ'ן ים געפינען זיך ים-רויבערס, וואס פאנגען מענשען

און

און פערקויפען זיי פאַר קנעכט אָדער דינסטען. האָט זיך אַלזאָ פיינא מיישב געווען אַז דער פּלאַן טויג נישט. וואָרען זי קאָן אָנטרעפען פינקט אויף אַ שיף פון רויבערס. וועט זי דאָך שוין זיין פערפאַלען אויף עוויג. איז פאַר איהר גלייכער דאָ פון הונגער צו שטאַרבען, איידער אַריינצופאַלען אין אַזעלכע הענד. אַז דער הונגער האָט איהר אָבער אָנגעהויבען גוט צו פּייניגען. האָט זי אָנגעהויבען זוכען אויף די קעמפּא אויב עס וואַקסט נישט עפּעס וואָס זאָל טויגען צום עסען. אויף איהר גליק האָט זי דערזעהן אַז עס וואַקסט דאָרט זעהר פיעל רויטע יאַגדעס, אַזוי ווי זאַמד אין דער ערד. זי האָט זיך באַלד צוגעחאַפּט צו די שעהנע פרוכטען און האָט זיך מיט זיי דערקוויקט דאָס האַרץ. אויך האָט זי דערזעהן אַז אויף דער קעמפּא וואַקסען זעהר פיעל ניסען=בוימער. בעליינט פיל מיט גוטע ניס. זי האָט זיך אָנגעריסען אַביסעל ניס אויך און האָט זיי גיגעסען. דאַן האָט זי געדאַנקט און געלויבט דעם אויבערשטען, וואָס זי איז חאָרז פערוואָרפען געוואָרען אויף אַזאַ אָרט. ווי זי וועט נישט שטאַרבען פון הונגער.

דעם ערשטען טאָג האָט פיינא נאָהר קיין שום וויכטיגע זאַך נישט געטוהן. זי איז אַ גאַנצען טאָג נאָר גילעגען בעהאַלטען צווישען די נידעריגע בוימער. איבערקלערענדיג אפשר קומען אויף דעם אָרט בייטאָג עפּעס שלעכטע מענשען. דאָך האָט זי עטליכע מאָהל אין טאָג אַרויף גיקלעטערט אויף אַ הויכען בוים. אומצוקוקען זיך אויב אויף דעם וואַסער שווימען נישט עפּעס קיין שיפען. דעסט גלייכען האָט זי זיך דאָרט אומגעקוקט אויף דעם געגענד פון דער טריקעניש. אויב מען זעהט נישט עפּעס קיין מענשען. אָבער זי האָט קיין מענש נישט גיזעהן. סיי אויפ'ן וואַסער און סיי אויף דער טריקעניש. אויסער וואָס זי האָט דאָרט בעמערקט פערשידענע פויגלען. וואָס האָבען דאָרט אויף דער קעמפּא געהאַט זייערע נעסטען. אויך האָט זי זיך אַלע מאָהל איבערגעשראָקען פון די זייאַנצען וואָס זענען אַרום געלאָפען דאָרט צווישען די בוימער. עס איז געקומען פאַרנאַכט. האָט פיינא באַמערקט אַז עס הויבט אָהן טונקעל צו ווערען האָט זי אָנגעהויבען קלערען וועגען אַ נילעגער. זי האָט זיך אויסגעזוכט אויף דעם אַ בעקוועמט אָרט. און האָט אָנגעריסען פיעל בלעטער מיט דינע צווייגעלעך און האָט זיך געמאַכט פון דעם אַ ווייך גילעגער. דערנאָהך האָט זי ווייטער אָנגעריסען לאַנגע און דינע צווייגען מיט ווייכע נידעריגע בלעטלעך. און האָט זיי אַדאָרך געפלאָכטען, דאָס זאָל איהר ניטצען פאַר אַ צודעק אויף בייננאַכט. זי האָט זיך אויך אָנגעריסען פיעל יאַגדעס מיט ניס. פון וועלכע זי האָט זיך אָנגעגעסען און איז זאַט געוואָרען. נאָהך דעם האָב זי זיך גילעהגט שלאָפען.

דעם צווייטען טאָג איז פיינא אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, און האָט זיך שוין ערלויבט אַביסעל ווייטער צו באַזיכען די קעמפּא. זי האָט געפינען אַ העכערען בוים און האָט אַרויף גיקלעטערט אויף דעם בוים. כדי זי זאָל

קאָנען בעסער בעטראַכטען דעם געגענד אַרום און אַרום איז עס געפינט זיך נישט עפּעס אַ דאָרף אָבער אַשטאָדט נישט ווייט פון דער קעמפּא. זי האָט אָבער נישט דערזעהן קיין שום באַזעסען אָרט, נאָר בלוים מדבר. אויסער וואָס פון איין זייט קעמפּא האָט זי דערזעהן. ווי עס ציהט זיך אַ גרויסע שטרעקע בעוואַקסען מיט הויך גראָהז. אַזאַ שטרעקע רופט מען אין רוסלאַנד מיט'ן נאָמען „סטעפּעס". זי האָט זיך געלאָזט געהן צו דעם אָרט און האָט בעטראַכט די גרעזער. האָט זי געזעהן אַז דאָס איז ווילדע גרעזער. נאָר דאָך בעווייל דיא גרעזער זענען געוועזען הויך בערך צוויי עהלען. און זיי זענען אויך געוועזען גאַנץ נאָך. האָט זי אויסגעריסען די גרעזער וויפיעל זי האָט נאָר געקאָנט. און האָט געמאַכט פון זיי צוויי גרויסע בינטלעך. מיט וועלכע זי איז צוריק געגאַנגען אויף איהר אָרט צווישען די בוימער. און אַזוי ווי זיך האָט זי געפלעגט אין דיא יונגע יאָהרען צו לערנען פלעכטען קיישעלעך און שטריקען טישטיכער מיט פויערהאַנגען. איז איהר איינגעפאַלען אַז זי זאָל זיך פון די לאַנגע ווייכע גרעזער אויספלעכטען עפּעס אַ מלבוש. זי האָט זיך גענומען פלייסיג צו דער אַרבייט, און האָט אָנגעהויבען צו פלעכטען דאָס ווייכע שטרוי. אַזוי ווי מען פלעכט די ראָגזעס. און זי האָט זיך אויסגעפלאָכטען פון דעם ווייכען שטרוי צוויי גרויסע ראָגזעס. און אויך אַ לאַנגען און אַ ברייטען פּאַסעק. איין ראָגזע האָט זי זיך צוגעפּאַסט צום לייב עס זאָל איהר דינען אַנשטאַטס קלייד. און אויף דעם קלייד האָט זי זיך צוגעפּאַסט די גאַרטעל, די אַנדערע ראָגזע האָט איר געדינט אַנשטאַטס פערטשיילע איינצוהילען זיך. גאַנצע דריי טעג האָט זי געאַרבייט ביי די צוויי ראָגזעס. נאָכדעם האָט זי ווייטער אָנגעהויבען קלערען וועגען שוהך אויף דיא פיס. בעוויל זי האָט זיך שוין נישט איינמאָהל געהאַט צו שטאָכען די פיס. אַרומגעהנדיג באַרפיס אויף די קעמפּא. זי האָט צוליעב דעם אָנגעזיכט ביי דעם ברעג פון „דנעפּר" אַ לייםענדיג אָרט, און האָט אַרויסגענומען ליים, צוגעמישט זאַמד מיט וואַסער, און האָט אויסגעקנעטען דער פון אַ פאָרם פון אַ פיס זי האָט עס געלאָזט אויסטריקענען אויף די זון ביז עס איז גוט פערהאַרטעוועט געוואָרען. אויף דעם פאָרם האָט זי זיך אויסגעפלאָכטען פון דאָס ווייכען שטרוי אַ פּאָהר שוהך. דאָס האָט זי געפלאָכטען געטאָפּעלט עטליכע מאָהל. כדי די שוהך זאָלען אַרויסקומען האַרט. אויך האָט זי אָנגעזוכט ביי דעם ברעג פון דנעפּר די שאָלען פון טשאַרעפּאַחעס וואָס דער דנעפּר וואַרפט אַרוים. זי האָט אויסגעקליבען די וואָס האָבען שאַרפע ראָנדען. און דאָס האָט איהר געדינט אַנשטאַטס אַ מעסער, מיט וועלכען זי האָט גיקאָנט גרינג איבערשניידען אַ דינגע זאַך. מיט די אַרבייט פון די צוויי ראָגזים און די שוהך האָט זי זיך פערנומען אַ גאַנצע וואָך. אויסער דעם האָט זי זיך צוגעברענגט נאָך בינטלעך שטרוי פון דעם לאַנגען און ווייכען גראָהז, און האָט זיך פאַרבעסערט דאָס געלעגער וועלכעס זי האָט זיך געמאַכט צווישען צוויי גאָהנטע בוימער. ווי זי האָט פערבינדען

און פערקניפּט די צווייגען פון די צוויי בוימער. און האָט אַרויפגעלעגט אין דער הויך בינטלעך שטרוי, זאָלען ליגען אין דער קרים, אַזוי ווי א דעכעל, כדי זי זאָל זיין בעוואָרענט פאַר אַ רעגען. בקיצור אין דריי ערשטע וואָך האָט זי זיך שוין געהאַט ערוואָרבען אַ מלבוש מיט אַ פּאָהר שוהך מיט אַ דירה׳לע. און קיין עסען, דאָס לעבען זיך צו דערהאַלטען, האָט איהר אויך נישט גיפעהלט.

די צווייטע וואָך האָט שוין פיינא אָנגעהויבען צו קלערען, וואָס וועט דאָ זיין איהר תכלית. ווי לאַנג וועט זי דאָ זיין אַלץ נאָר אויף די קעמפּא. און זי האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען עצות, ווי אַזוי אַ ידיעה צו געבען אויף די באַזעסענע וועלט, אַז זי געפינט זיך דאָ אין דער וויסטעניש. זי איז געפאַלען אויף אַזאַ המצאה. אַזוי ווי זי איז געוועזען פון די יונגע יאָהרען אָהן גילערענט אין די מלאכה פון פלעכטען, אין שרייבען האָט זי אויך גיקאָנט, האָט זי זיך גענומען צום פלעכטען קליינע קיישילעך פון דינע צווייגעלעך און פון דעם שטרוי. וואָס זי האָט זיך אַלע מאָהל געבראַנגט פון די סטעפּעס. די קיישילעך האָט זי זעהר שעהן אויסגעפלאָכטען, מיט אַ צודעקעל, זיי זאָלען קאָנען זיין פערמאַכט. אויך האָט זי אָנגעבראָכען פון די בוימער צוויי גראָבע צווייגען. אויף וועלכע זי האָט אויסגעקריצט מיט די שאָהלען פון די טשאַרעפּאַכעס אויף איין צווייג אידיש געשריבען, און אויף דער צווייטע צווייג רוסיש געשריבען פאָלגענדע ווערטער:

„מודיע צו זיין יעקב רייף, אַז איך פיינא זיין ווייב געפונען זיך אין אַ וואַלד נעבען דעם ברעג״.

די צוויי קיישילעך האָט זי דערפילט מיט רויטע יאַגדעס און מיט ניס, און האָט זיי פערמאַכט מיט די דעקלעך. צו יעדען קיישעלע האָט זי צוגעקניפּט איין צווייג מיט אַ אויפשריפט. און די ביידע קיישילעך האָט זי אויך צוזאַממען געקניפּט, און דאָס האָט זי אַריינגעלאָזט אין דנעפּר. אַזוי ווי דאָס וואַסר פון דנעפּר געהט שטענדיג מיט אַ שטאַרקען שטראָם, האָט דער שטראָם באַלד פאַרשלעפּט די קיישעלעך אויפ׳ן וואַסער, און זענען אַוועק געשווימען זעהר שנעל גאַנץ ווייט, ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַזאַ אָרט ווי עס געפונען זיך האַנדעלס שיפען. די מאַטראָזען פון די שיפען, אַזוי ווי זיי האָבען דערזעהן די שעהנע קיישילעך שווימען, האָבען זיי די קיישילעך אויפגעכאַפּט און האָבען די מציאה גוט בעטראַכט, דאַן האָבען זיי דערזעהן די אויפשריפטען פון די צוויי צווייגען, האָבען זיי זיך שטאַרק פערוואונדערט און האָבען די מציאה געבראַכט פאַר דער קאַפּיטאַן. דער קאַפּיטאַן האָט איבערגעלעזט דעם רוסישען אויפשריפט און האָט באַלד פערשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין פּשוט׳ע זאַך, נאָר אַז דאָ שמעקט עפּעס מיט אַ לעבעגס געפאַהר. ער האָט ניקלעהרט נישט אַנדערש, נאָר אַז די פרוי איז געפאַנגען געוואָרען דורך רויבער, וועלכע האַלטען זיך אויף ערגיץ אין אַ וואַלד ווייל זי מיט דעם פּאָרטעל אַ ידיעה געבען אַז זי געפינט זיך, כדי מען זאָל זי אָבזוכען און אַרויס ראַטעווען פון די רויבערס

ענד

הענד. אַלזאָ האָט דער קאַפּיטאַן געפינען פאַר נויטיג די זאַך פאָר צו לעהנען די רעגירונג, מען זאָל טראַכטען וועגען דעם עפּעס אַ עצה. די צוויי קיישילעך מיט די צוויי צווייגען, אויף וועלכע עס איז געווען די אויפשריפטען, האָט דער קאַפּיטאַן באַלד פאָרגעשטעלט די רעגירונג פון די נאָהנטע שטאָדט. דאָרט איז די זאַך גוט בעטראַכט געוואָרען, און עס איז געבליבען אַז דאָס ערשטע איז זעהר נויטיג די זאַך זאָל ווערען איבערגעגעבען אין די צייטונגען. אפשר אַז דאָס וועט מפורסם ווערען וועט זיך דער יעקב רייף אָנריפען, מען זאָל געוואָר ווערען וואָס מיט דער פרוי פיינא איז געשעהן, דאַן וועט שוין די רעגירונג וויסען וואָס צו טוהן. עס איז טאַקי אַזוי געטוהן געוואָרען און דאָס רעטעניש איז געדרוקט געוואָרען אין דער רוסישע צייטונג. פון דער צייטונג איז עס באַלד איבערגעדריקט געוואָרען אויך אין אַנדערע צייטונגען. הכלל די זאַך איז שוין גיט בעוויסט געוואָרען אויף די וועלט. די פרוי פיינא האָט אָבער אויך נישט גערוהט, און אַזוי ווי זי האָט קיין אַנדערע אַרבייט נישט געהאַט, האָט זי זיך נאָר פערנומען מיט די קיישילעך פלעכטען, און זי האָט אויף אַלע טאָג אָנגעגרייט אַזעלכע צוויי שעהנע קאָשילעך, און צוויי צווייגען מיט די זעלבע אויפשריפטען. די קיישילעך האָט זי דערפילט מיט יאַגדעס און ניס, און האָט זיי אַלע אין דער פריה אַוועק געלאָזט אויפ'ן וואַסער. און דאָרך די צייטונגען איז די זאַך אַלע מאָהל מעהר מפורסם געוואָרען. אַלע מאַטראָזען פון אַלע שיפען פון דנעפּר האָבען שוין געוויסט פון דעם, און האָבען אַלע טאָג גוט אַכטונג געטוהן אויפ'ן וואַסער, און וועלכע שיף עס האָט געחאַפּט די קיישילעך, האָט זי באַלד אַ ידיעה גיגעבען פון דעם די רעגירונג, און עס איז באַלד געדריקט געוואָרען אין די צייטונגען. אַלע טאָג איז דערהאַלטען געוואָרען די זעלבע ידיעה פון אַ אַנדערע שטאָדט, און די וועלט האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם רעטעניש שטאַרק צו אונטערעסירען. אַצינד וועט מען לאָזען די פיינא זאָל זיך פאַרנעמען אַלע טאָג מיט די זעלבע אַרבייט, און מיר וועלען צוריק געהן צו יעקב רייף זעהן וואָס דאָרט איז עפּעס פאָרגעקומען.

---

אַזוי ווי דאָס נייעס פון די שווימענדע קיישילעך איז צושפּרייט געוואָרען אין אַלע צייטונגען, איז די זאַך אָנגעקומען אויך צו דעם פערוואַלטער פון גראַף „ראַדזיוויילאָוו" וואָס זהאָט געוואָהנט אין דעם זעלבען דאָרף ווי יעקב רייף. דער פערוואַלטער האָט געהאַט די גאַנצע ממשלה איבער דעם דאָרף, וואָרען דער גראַף זעלבסט איז אַממיינסטענס גיוועזן אין אויסלאַנד. דער פערוואַלטער האָט געהאַלטען עטליכע צייטונגען אין דאָס זעלבע נייס האָט ער געפונען אין אַלערליי צייטונגען. אין אָנהייב האָט זיך עס נאָר עפּעס געדאַכט אַז דער נאָמען יעקב רייף איז עס עפּעס בעקאַנט. נאָר אַז ער האָט דאָס נייעס אַלע טאָג גיזעהן אין דיא צייטונג,
האַט

האָט ער זיך דערמאָנט אַז דער נייער אַרענדאַר פון די וואַסער-מיהל הייסט יעקב רייף. עס איז גאָר נישט איינגעפאַלען אַז די פיינא איז זיין ווייב, וואָרען ער האָט גיהערט אַז דעם יעקב רייפ'ס ווייב איז משוגע געוואָרען, און זי געפינט זיך ביי עס אין דערהיים. נאָר דאָך האָט דער פּערוואַלטער פּערשטאַנען אַז ער דאַרף פון דעם אַ ידיעה געבען דעם יעקב רייף, וואָרען אפשר איז יענער יעקב רייף זיינס אַ משפחה, און דער יעקב רייף ווייסט וואָס דאָרט איז גישעהן, וועט ער דאָרט קאָנען מודיע זיין פון דעם נייעס. דער פּערוואַלטער האָט געשיקט רופען צו זיך יעקב רייף, און האָט עס פערצעהלט דאָס נייעס פון די צייטונג. יעקב רייף איז באַלד פון דעם נייעס זעהר שטאַרק דערשראָקען געוואָרען, און האָט פּאַר שרעק אַ געשריי געטוהן „אוי מיין ווייב הייסט דאָך טאַקי פיינא״! דער פּערוואַלטער ווייטער, אַזוי ווי ער האָט גיזעהן אַז יעקב רייף איז דערשראָקען געבליבען, האָט ער עס אָנגעהויבען אויסצופרעגען די גאַנצע מעשה, און יעקב האָט עס פערצעהלט פון אָנהויב אָהן ווי אַזוי זיין ווייב איז אַהיים געקומען מיט אַזוי אויסטערלישע משוגעת. דער פּעוואַלטער האָט זיך שטאַרק פערוואונדערט אויף די מעשה און האָט געזאָגט, אַז ער איז אויך נישט פערעמד אין דאָקטאָריע, און דאָס קאָן ער גאָר נישט פערשטעהן, עס זאָל מעגליך זיין אַז אַ משוגענע פרוי זאָל האָבען אין זיך אַזוי גבורה, און זאָל אַזוי פיעל קאָנען עסען, און צו דעם אַלעם זאָל זי איבער די גאַנצע צייט קיין איין וואָרט נישט רעדען. הכלל דער פּעוואַלטער האָט בעשטימט אַז אויף צומאָרגענס וועט ער זעלבסט קומען צו יעקב רייף זעהן די אויסטערלישע משוגענע. אין דעם זעלבען דאָרף האָט געוואָהנט אַ שעהפער, וועלכער האָט געפּאַשעט דעם גראַפס סטאַדע שעפּסען. דער פּאַסטוך האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ מכשף, האָט דער פּערוואַלטער געשיקט רופען דעם פּאַסטוך און האָט עס דערצעהלט די גאַנצע מעשה וואָס דאָ טהוט זיך אָב ביי דעם אַרענדאַר יעקב רייף. דער פּאַסטוך האָט זיך אויך שטאַרק פערוואונדערט אויף דער מעשה, און האָט צו געזאָגט דעם פּערוואַלטער, אַז אויף צומאָרגענס וועט ער איבערגעבען די סטאַדע שעפּסען צו פּאַשען דעם יונגערען פּאַסטוך. און ער מיט'ן פּערוואַלטער זאָלען ביידע צוזאַממען אַריבער געהן צו יעקב רייף, בעטראַכטען די אויסטערלישע משוגענע.

צומאָרגענס באַלד אין דער פריה זענען געקומען צו יעקב רייף דער פּערוואַלטער מיט'ן שעהפער. זיי האָבען אָבגעוואַרט ביז דאָס משוגעת איז אַריינגעקומען נעמען זיך דאָס עסען. דער שעהפער האָט באַפוילען מען זאָל דאָס ברויט בעהאַלטען אין שאַנק אַריין עס זאָל נישט ליגען גרייט. כדי זי זאָל דאַרפען עס אָב צו זוכען, און דערווייל וועט ער האָבען דאָס גילעגענהייט צו בעטראַכטען זי. ווען עס איז געקומען די צייט פון עסען, האָט זיך די טיהר די שידית איז אַריינגעקומען נעמען זיך דאָס עסענוואַרג, אַזוי ווי אַלע טאָג. זי האָט אָבער גיזעהן אַז דאָס ברויט

לינט נישט אנגעגרייט פאר איהר, אזוי ווי אלע טאג, איז זי נעגאנגען צו דער קיך זעהן אויב עס איז דא אין די טעפלעך אנגעגרייט גיקעכץ. אז זי האט גיזעהן דאס גיקעכטץ איז זי ווייטער נעגאנגען צו די שפיזארקע זוכען ברויט. זי האט דאס ברויט נעפונען און האט עס צוגענומען, נאכהער איז זי צוריק נעגאנגען צו די קיך נעמען זיך די צוויי טעפלעך ניקעכטץ. דאן איז דער שעהפער צוגעלאפען און האט זיך געשטעלט אקעגען איהר, צו פארשטעלען פאר איהר דעם וועג, און האט איהר נעקיקט ניט אין פנים אריין און האט אויך געוואלט אראבגרייסען פון איר די פערטשיילע פון קאפ. דאן האט די שידית געוואלט עם אבשטיפען פון זיך און זי האט שוין אויפגעהויבען די האנד עם מכבד צו זיין מיט א קלאפ. אבער דער שעהפער האט אנגעחאפט זי ביי די האנד און מיט זיין אנדערע האנד האט ער פלינק ארויסגעחאפט פון שטיוועל א לאנג מעסער, וועלכעס עס איז אויך גיוועזען א פערכישופ׳ט מעסער און האט א הויכען געשריי געטוהן אויף איר מיט די ווערטער! „שטעה די פערפלוכטער טייוועל, זאלסט גאר נישט טוהן, ווארען אויב נישט וועל איך דיך שחטען מיט דעם מעסער”. דאן האט די שידית א לאז ארוים געטוהן פון איהר מויל א הויכען מריטש אזוי ווי א נילעכטער, מיט זעהר א אומגעהארישע מורא׳דיגע שטוממע, אזוי אז אפילו דער שעהפער איז אויך שטארק איבערגעשראקען געווארען, און האט זיך פון איהר אבגעריקט. די שידית האט זיך גענומען די צוויי טעפ ניקעכטץ מיט׳ן גיבעקטץ, און איז באלד צוריק ארויף אויפ׳ן בוידעם.

נאהך דעם וואס די שידית איז ארוים פון שטיב, האט דער שעהפער נעזאגט צום פערוואלטער און צו יעקב רייף. אציגד קאן איך אייך שוין איבערגעבען א בעשטימטע זאך, אז דאס איז נישט די פייגא, און דאס איז איינגאנצען גאר קיין מענש נישט, נאר דאס איז א מין טייוועל פון די שדים. און ווען זי וואלט גיוועזען פון דעם מין שדים, וועלכע געפונען זיך אויף דער יבשה, וואלט איך געקאנט מיט איר מלחמה האלטען און פערטרייבען זי פון דעם ארט. אבער בעוויי׳ל זי גיהער צו דעם מין שדים וואס געפונען זיך אין די וואסערען, האב איך נישט קיין פארטעל קעגען איר צי פערטרייבען זי. און נישט דוקא איך נאר קיין שום מכשף האט איבער זיי נישט קיין שליטה. דאן האט דער פערוואלטער און אויך יעקב רייף ארויסגעזאגט זייער מיינונג, אז נישט אנדערש נאר דער עזריאל וואס האט דא דיפויר געוואהנט האט זיך געוואלט נוקם זיין אין יעקב רייף פאר דעם וואס ער האט עם די מיהל אויסגעדינגען, אזוי האט ער דאס שטיקעל אבגעארבייט מיט וועלכען גרויסען מכשף, אז מען האט איבערגעטוישט די פיינא יעקב רייפ׳ס ווייב אויף א שידית, און די פיינא איז דארך שדים פערחאפט געווארען ערגיץ אין א וואלד אריין נעבען דנעפר, פון וואנעט זי גיבט ארוים די ידיעות דארך די קיישילעך. אבער דער שעהפער האט זיך פון זיי אויסגעלאכט און האט געזאגט אז דאס איז א אונמעגליכע זאך

עס

עס זאָל געמאַכט ווערען דאָרך אַ מכשף, בעוויזל קיין שום כּישוף האָט נישט קיין שליטה איבער די וואַסער=שדים. אַלזאָ קאָן אַנדערש נישט זיין נאָר אַז דאָס שטיקעל איז געמאַכט געוואָרען דאָרך אַ העכערען און אַ בּטאַרקערען קראַפט ווי כּישוף איז. נאָהך דעם האָט ווייטער דער שעהפּער געוואָרענט יעקב רייף, ער זאָל נידענקען אַנצוגרייטען פאַר דעם טייוועל מאָג טעגליך דאָס עסען צו דער צייט. וואָרען אויב נישט, קאָן זי חרוב מאַכען דאָס גאַנצע הויז און אויך אַפילו אויסצורייסען און איבערצודרייען די גאַנצע מיהל. האָט יעקב גיפרעגט דעם שעהפער. ווי לאַנג קאָן דאָס אַלס אַזוי געדויערען? האָט דער שעהפּער גיענטפּערט. אַז דאָס האָט נאָר קיין שיעור נישט ווי לאַנג, נאָר דער וואָס האָט זי דאָ אַהער געשיקט, ווען ער וועט ווילען קאָן ער זי פון דאַנעט צוריק נעמען. דאַן האָט יעקב רייף געזאָגט צו זיי. אויב עס איז יאָ אַזוי, מוז איך מודה זיין, אַז דאָס שטיקעל איז געמאַכט געוואָרען נאָר דאָרך דעם רבּי'ן, וואָס עזריאל איז בּיי עם גיוועזען פערקלאָגען מיך, אַז איך האָב עם די מיהל אויסגעדינגען, און עזריאל האָט מיר גיבּרענגט אַ קוויטעל פון דעם רבּי'ן, אַז אויב איך וועל עס נישט צוריק געבען די מיהל, וועל איך גרוים חרטה האָבען. האָט דער שעהפּער מיט דעם פערוואַלטער געזאָגט צו יעקב רייף. אויב אַזוי, האָסט דו קיין אַנדערע עצה נישט, נאָר דו מוזט אונטערפאַלען דעם עזריאל'ן, עס אַלץ נאָהך צו געבען, כּדי ער זאָל מיט דיר פאָהרען צו דעם רבּי'ן, און בּעהטען עם, ער זאָל דעם טייוועל פון דיין שטיב צוריק נעמען, און מען זאָל דיר צוריק אָפּגעבען דיין ווייב פייגא. און זיי האָבען עם שטאַרק געוואָרענט, ער זאָל דאָס בּאַלד טוהן, וואָרען אויב נישט, ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר אַ חורבן דער טייוועל קאָן דאָ אָנמאַכען.

בּאַלד אין דעם זעלבען טאָג איז יעקב מיט חרפּה און בּושה און מיט גרוים אינטערטהעניגקייט געגאַנגען צו עזריאל'ן. יעקב האָט פּאַר עזריאל'ן געוויינט זעהר שטאַרק און האָט געזאָגט, אמת אַז איך האָב טאַקי געזינדיגט קעגען דעם אויבּערשטען, און קעגען דעם צדיק וואָס די האָסט מיר גיבּרענגט פון עם די התראה, און אַמטיינסטען האָב איך געזינדיגט קעגען דיר מיט דיין הויז געזונד, וואָס איך האָב אייך צו גענומען די פּרנסה, אָבער אַציגד וויל איך תשובה טוהן, איך וויל אייך צוריק געבען די מיהל, און איר זאָלט פון מיר אַרוים נעמען די צרה און אָבגעבען מיר מיין ווייב. דער עזריאל האָט נאָר נישט פערשטאַנען וואָס יעקב רעדט צו עם, וואָס פאַר אַ צרה ער מיינט. נאָר עזריאל האָט עם אַזוי גיענטפערט. זאָלסט וויסען יעקב אַז איך אַליין האָב דיר קיין שום שלעכטס נישט געטוהן, און איך קאָן דיר אַציגד קיין שום טובה אויך נישט טוהן. די זאַך ווענדט זיך אין גאַנצען נאָר אין דעם רצון פון שפּאָלער צדיק, וואָס איך בּין בּיי עם גיוועזען און האָב דיר גיבּרענגט פון עם אַ התראה. אַלזאָ איז קיין אַנדערע עצה נישט דאָ נאָר אַז מיר בּיידע

זאָלען

זאלען צו עם פאהרען, און ער וועט שוין געווים אלס פארעכטען.

זיי האבען אזוי געטוהן און זענען ביידע געפאהרען קיין שפאלי, און זענען אריינגעגאנגען צום שפאלער זיידען. אבער דער צדיק האט נישט אריינגעלאזט צו זיך יעקב רייף, בעוויל ער האט עובר געווען אויף דעם חרם וואס דער גרויסער גאון מהר"ם מרוטענבערג האט געמאכט, אז איין איד זאל נישט משיג גבול זיין דעם אנדערן איד. נאר דער שפאלער זיידע האט אזוי געזאגט, אז אויב דער יעקב וויל תשובה טוהן, מוז ער קודם פאר צעהן אידען מקבל נזיפה זיין אין די זאקען, און ער זאל פאר זיי מבטיח זיין אז ער וועט מקיים זיין דעם פסק וואס איך וועל מאכען. דערנאך וועט ער מעגען אריינקומען. יעקב האט אלץ געטוהן וואס מען האט עם געהייסען און איז דערנאך אריינגעקומען צום שפאלער זיידען, און האט פאר עם שטארק געוויינט און איז געפאלען דעם צדיק צו די פיס, און האט עם שטארק מפייס געווען, און עם געבעהטען ער זאל שוין עם ארויס העלפען פון די צרה. האט דער שפאלער זיידע צו עם געזאגט. די האסט דיר פערדינט די שטראף מדה כנגד מדה, ווארען א ווייב ווערט אנגערופען אין די גמרא מיט דעם נאמען „מיהל". היינט אז די האסט אוועק גענומען ביי דעם עזריאל'ן די מיהל, ביזט די געשטראפט געווארען אז מען האט ביי דיר צו גענומען דיין מיהל. האט יעקב געזאגט מיט א געוויין. יא אמת הייליגער צדיק, אבער דאס שטעהט דאך אויך אין די גמרא, אז תשובה פועל'ט שטענדיג. און איך בין גרייט תשובה צו טוהן און מקיים צו זיין אלס וואס דער הייליגער צדיק וועט אויף מיר גוזר זיין. האט דער שפאלער זיידע עם געענטפערט. נו אז די ווילסט באמת תשובה טוהן איז גוט. וועט אלעס פערראכטען ווערען. דער שפאלער זיידע האט באלד ארויסגעגעבען אזוי פסק. אז יעקב רייף זאל היזק האבען אלע הוצאות און אויך די קאלסיע וואס ער האט שטעהן אויף די מיהל. און ער זאל באלד איבערגעבען צו עזריאל בריסקער דעם קאנטראקט מיט די מיהל מיט דעם קוויט פון די קאלסיע, און זאל עם געבען א כתב ביי א רייענט, אז ער גיבט אלס איבער צו עזריאל בריסקער. נאך האט זיי דער שפאלער זיידע געזאגט, אז אזוי ווי זיי וועלען אהיים קומען, זאלען זיי דינגען פוהרען. און ביינאכט זאלען זיי ארויפלעגען די זאכען אויף די פוהרען. און באלד אין דער פריה זייגער זעקס זאל עזריאל מיט זיינע זאכען אנהייבען צו פאהרען צוריק אין זיין ערשטע דירה געבען די מיהל, און דעקט גלייכען אין די זעלבע שעה זאל יעקב מיט זיינע זאכען אנהייבען פאהרען אין דעם דארף ארין ווי עזריאל וואהנט היינט, אין זאל זיך אריינצוהן אין עזריאל'ס דירה ארין. אויפ'ן וועג וועט איר אייך באגעגענען אין מיטען וועג, זאלט איר אייך שטעלען און איר זאלט אייך געבען אייגער דעם אנדערען די הענד, און איר זאלט אייך אייגער דעם אנדערען מוחל זיין מיט'ן גאנצען הארץ, און איר זאלט ווערען צוריק אמת'ע

אֶמת'ע גוטע פריינד מיט'ן גאַנצען הארץ, און איר זאָלט אייך ביידע געבען דאָס וואָרט אַז איר וועט אייך משדך זיין, ווארען דאָס איז יאָ אַ זיווג מן השמים. אויב איר וועט מיך פאָלגען און איר ביידע וועט דאָס אַלס מקיים זיין, זאָג איך אייך צו ביידע פרנסה בריוח. און יעקב רייף וועט השי"ת בקרוב עם מזמין זיין אַ גוט גישעפט, די צרה וועט ער באַלד פטור ווערען, און זיין ווייב פייגא וועט בקרוב אַהיים קומען בשלום געזונד. נאָהך דעם האָט דער שפּאָלער זיידע זיי אָבגיזעגענט און זיי זענען אַהיים געפאָרען ביידע שוין מיט פרייליכע הערצער.

ווען עזריאל מיט יעקב'ן זענען אַהיים געקומען האָבען זיי זיך גיקעהרט צום פּערוואַלטער, און האָבען עם פערצעהלט דעם פסק וואָס דער שפּאָלער צדיק האָט געמאַכט, און האָבען עם אויך פערצעהלט אַלס וואָס דער צדיק האָט זיי מבטיח גיוועזן. האָט דער פּערוואַלטער צו זיי געזאָגט. גאַנץ ניט איך וועל אַליין זעהן אַז דער פסק זאָל אויסגעפיהרט ווערען, און איך וועל נאָך פועל'ן ביי דעם גראַף אַז די קאָלסיע זאָל מען צוריק אָבגעבען צו יעקב רייף, און אַז עזריאל זאָל נישט דאַרפען געבען נישט קיין אַנדערע קאָלסיע און אויך נישט קיין שום הוספה, נאָר ער זאָל ווייטער צאָהלען פאַר די מיהל אַזוי ווי ער האָט געצאָהלט ביז אַהער. דאָס אַלץ וועל איך אייך צוליעב טוהן. נאָר באופן איר זאָלט מיר אויך איין זאַך צוליעב טוהן. אַז מען זאָל שיקען נאָך מיר איך זאָל זיין דער ביי ווען יעקב רייף וועט זיך פון דאַנעט אַרויס צוהן, כדי איך זאָל זעהן וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם טייוועל. זיי האָבען עם צו געזאָגט. אַז יעקב רייף וועט זיך נישט ריהרען פון אָרט, ביז דער פּערוואַלטער וועט קומען אויפ'ן אָרט זעהן דעם סוף וואָס דאָ וועט גישעהן.

עזריאל מיט יעקב'ן האָבען געדינגען פוהרען, און האָבען אָנגעהויבען זיך פאָרברייטיג צו מאַכען צום איבערציהן. אַ גאַנצע נאַכט האָבען זיי די זאַכען מיט'ן מעבעל געפּאַקט אויף די פוהרען, און אין דער פריה זענען זיי שוין גיוועזן גרייט צום איבערציהן. ווייגער זעקס אין דער פריה איז שוין געבען יעקב'ס טיהר געשטאַנען דער פּערוואַלטער פון דאָרף וועלכער האָט זיך מיט געבראַכט אויך דעם שעהפער דער מכשף. אַזוי ווי זיי זענען נאָר אָנגעקומען האָבען זיי באַלד גיפרעגט יעקב'ן וואָס עס הערט זיך מיט'ן טייוועל, צו עס איז עפּעס נישט דערווייל פאָרגעקומען קיין נייעס, האָט יעקב זיי גיענטפערט אַז פאָרלייפיג איז נאָך גאָר קיין נייס נישט פאָרגעקומען. און וואָס דער סוף וועט זיין ווייסט ער אַליין נישט. נאָהכדעם האָט יעקב אַ געשריי געטוהן אויף די בעלי עגלות זיי זאָלען אָנהויבען צו פאָהרען מיט די זאַכען, און זיי האָבען טאַקי באַלד אָנגעהויבען ריהרען זיך פון אָרט. פריצלונג, אַזוי ווי די פוהרען האָבען זיך נאָר גערירט, און יעקב איז נאָך געשטאַנען און האָט גערעדט מיט'ן פּערוואַלטער און מיט'ן שעהפער, האָבען זיי דערזעהן ווי די שידית איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז און האָט אָנגעהויבען נאָהך צו געהן נאָהך די

לעצטע

לעצטע פוהר. און אָנהויב זענען אַלע דרײַ געבליבען שטעהן שטאַרק
דערשראָקען. אָבער באַלד האָט דער פערוואַלטער אָנגעהויבען צו
בעקלאָגען יעקב׳ן, און האָט צו עם געזאָגט. „זעה ווי אומגליקליך דו
ביסט, אַז דער טײַוועל נעהט דיר נאָך אין די נײַע דירה אַרײַן אויך.
גו וואָס האָט זשע דיר געהאָלפען דער ראַבין וואָס דו ביזט בײַ עם געווען,
און האָסט עם אַזוי שטאַרק אָבגעלויבט״? יעקב האָט נעבעך נישט געוויסט
וואָס זײַ צו ענטפערען, נאָר די הענד און פיס האָבען בײַ עם געציטערט
פאַר שרעק און פאַר גרויס קרענקונג. אָבער דאָס עגמת נפש האָט שוין נישט
לאַנג געדויערט, וואָרען אַזוי ווי די פוהרען זענען פערבײַ געפאָהרען פאַר
עם אָרט, ווי דאָס ניצעלט פון דער מקוה איז געשטאַנען אויפ׳ן טײַעך, האָט
זיך די שידית אַראָבגערעהט פון וועג און איז אַרײַנגענאַנגען אין דעם
ניצעלט אַרײַן פון די מקוה און איז שוין מעהר נישט אַרויסגעקומען. יעקב
מיט דעם פערוואַלטער האָבען נעהאַט מורא נאָך צו געהן און זעהן,
וואָס זי טוהט דאָרט אין דעם ניצעלט. אָבער דער שעהפער האָט נישט
קיין מורא געהאַט, און איז צו געגאַנגען צום ניצעלט און האָט געפענט
די טהיר זעהן וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. אָבער ווי ערשטוינט איז ער
געוואָרען, אַז ער האָט דעם טײַוועל נישט געזעהן, נאָר די בלויסע
מלבושים וואָס זי איז געגאַנגען אָנגעטוהן זענען געלעגען אין ניצעלט
דער שעהפער איז באַלד צו געלאָפען צו יעקב׳ן און האָט עם געזאָגט די
בשורה, אַז דער טײַוועל איז שוין געגאַנגען אויף זײַן אָרט צוריק פון
וואַנעט ער איז אָנגעקומען און מען דאַרף שוין פאַר עם קײַן מורא נישט
האָבען. יעקב מיט דעם פערוואַלטער זענען אויך באַלד צוגעלאָפען צום
ניצעלט און האָבען זיך שטאַרק פערוואונדערט. יעקב׳ס האַרץ איז דערקוויקט
געוואָרען פון פרייד וואָס ער איז פטור געוואָרען פון די צרה, און האָט
זיך געוויס געגלייבט, און זיך אַליין געטרייסט, אַז מסתם וועלען די ווערטער
פון שפּאָלער צדיק אויך מקוים ווערען, אַז זײַן ווײַב פײַגא וועט
קרוב אַהיים קומען, און אַז ער וועט בעגליקט ווערען מיט אַ גוטע
פרנסה. דער פערוואַלטער מיט׳ן שעהפער האָבען אויך געזאָגט צו יעקב׳ן
נו אַצינד זעהן מיר אַז בײַ אײַך יודען געפינען זיך אין אֶמת גרויסע
צדיקים״ דער שעהפער מיט׳ן פערוואַלטער האָבען בעשטימט אַז מען דאַרף
דאָס ניצעלט מיט די מלבושים אויפ׳ן אָרט פערברענען. וואָרען אַז נישט
וועלען מענשען מורא האָבען פערבײַ צוגעהן פאַר דעם אָרט. זײַ האָבען
באַלד דעם פאָרשלאַג אויסגעפיהרט, און עס איז קײַן זכר נישט געבליבען
פון דער שידית. נאָך דעם האָט זיך יעקב אָנגעהויבען געזעגנען מיט׳ן
פערוואַלטער און מיט׳ן שעהפער. דאַן האָבען זײַ עם געבעהטען אַז ווען
זײַן ווײַב פײַגא וועט אַהיים קומען זאָל ער נאָך זײַ שיקען, בעווײַל זײַ
זענען זעהר נײַגעריג צו וויסען אויך די ווינדער וואָס מיט איר איז
געשעהן. יעקב האָט זײַ צוגעזאָגט, אַז ער וועט געוויס זייער פערלאַנג
נאָכגעבען טוהן, און איז באַלד פון דאָרט אַוועק געפאָהרען

אויפ׳ן

אויפ'ן וועג האָט יעקב אויפגעהויבען די הענד צום הימעל · און האָט מיט טרערען אויף די באַקען געלויבט דעם אויבערשטען, פאַר דעם חסד וואָס ער האָט מיט עם שוין געטוהן, אַז ער איז פּטור געוואָרען די צרה פון זיין שטיב. און האָט ניבעהטען ווייטער דעם אויבערשטען, אַז אַזוי ווי ער האָט אָנגעהויבען צו טוהן מיט עם אַ חסד, אַזוי זאָל ער עם ווייטער העלפען מיט אַלעם. עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז שוין עזריאל אַקעגען געקומען מיט זיינע פּיהרען, און זיי האָבען זיך ביידע באַגעגענט. מיט גרוים בעגייסטערונג זענען זיי אַרויפגעפאַלען איינער אויפ'ן צווייטען און האָבען זיך צוקישט פאַר פריינד. זיי האָבען זיך מוחל געווען איינער דעם אַנדערען, און האָבען זיך ניגעבען די הענד זאָלען פון היינט אָהן בלייבען גוטע פריינד איינער דעם צווייטען אויף עוויג אויך האָבען זיי זיך אָפּגעשמיסט, אַז אַזוי ווי דער אויבערשטער וועט נאָר העלפען, ווען פיינא וועט אַהיים קומען בשלום, זאָלען זיי זיין צוזאַממען קומען, משדך צו זיין זיך מיט זייערע קינדער, און אויף ד תנאים וועלען זיי זיך הערשט פרייען מיט אַ גרויסע שמחה. זיי האָבען זיך בעזעגענט מיט געוויין, און האָבען זיך געווינשען, אַז עס זאָל ביי זי מקוים ווערען דער פּסוק „הזורעים בדמעה, ברנה יקצורו“. דאָס אי טייטש, די וואָס זייען מיט טרערען, וועלען שניידען מיט געזאַנג.

---

## ווי אַזוי איז פיינע אַהיים געקומען?

פיינא יעקב'ס ווייב איז אַזוי געזעסען אויף די קעמפּא ביי דעם דנעפּער. ווייט פון איהר היים בערך צעהן מייל. די ידיעות וואָס זי האָ ניגעבען אויפ'ן דנעפּער דאָרך די קיישילעך, האָבען איר נישט געקאָננ ברענגען די ריכטיגע הילף. בעוויילע ביי די ברעגעס פון דנעפּער געפינען זי אַזעלכע קעמפּעס מיט זעהר גרויסע וועלדער זעהר פיעל. צווישען ד קעמפּעס מיט די וועלדער איז דאָ גרויסע שטרעקעס וויסטענישען, וועלכ באַשטעהן אָדער פון בלוים זאַמדיגע פעלדער. אָדער פון די סטעפּעס ווי עס וואַקסט דאָס ווילדע הויכע גראָז. אַלזאָ איז דאָס געווע אַ אונמעגליכע זאַך צו נעהן זיכען זי, וואָרען מען האָט נישט געקאָנט וויסע וועלכער וואַלד דאָס איז. אָבער פיינא האָט זיך געטוהן דאָס איהרעגע זי איז נישט מיד געוואָרען און האָט אַלע טאָג אַרויסגעשיקט אויפ דנעפּער צוויי קיישילעך מיט צוויי שטיקלעך צווייגען מיט אויפשריפט רעכענענדיג אַז עס איז אונמעגליך מענשען זאָלען אַזוי נאָהך פון אי נישט געוואָהר ווערען. זי וואָלט דאָרט געקאָנט אַזוי אָבזיצען ווי לאַנג אין די קיישילעך וואָלטען איהר נאָר וועניג געהאָלפען. אָבער אַז עס אי געקומען די צייט, וואָס דער אויבערשטער האָט זיך שוין איבער אי דערבאַרעמט, זי זאָל שוין צוריק אַהיים צו איהר נעסט, האָט זיך נאָה

געמאַכט אַנ'אַנדערע סיבה, פֿון וועלכע זי איז געהאָלפֿען געוואָרען, עס האָט זיך געמאַכט אַז דריי פּריצים פֿון דריי דערפֿער האָבען זיך צוזאַממען גענומען זאָלען רייטען אויף פּאָלעוואַניע אין די ווייטע סטעפּעס, אויך אין די גרויסע קעמפּעס נעבען דנעפּר, צו פֿאַנגען זייענצעס אָדער פוקסען, וועלכע פּלעגען זיך געפֿונען אויף די ערטער. און ווי דער שטייגער איז, האָבען די פּריצים מיט גענומען מיט זיך יאַגד=הונד, וועלכע זענען גילערענט ספּעציעל צו די פּאָלעוואַניע, און האָבען אַ שטאַרקען חוש הריח זאָלען דערשפּירען פֿון דערווייטענס, ווי עס בעהאַלט זיך נאָר עפּעס אַ לעבעדיג באַשעפֿעניש. עס האָט זיך געמאַכט פּונקט, אַז די פּריצים זענען נעריטען אויף דעם יאַגד אין די סטעפּעס נעבען די קעמפּא ווי פּיינא איז געווען. די פּריצים האָבען באַמערקט צווישען די הויכע גראָזער צוויי גרויסע פוקסען אַרום לויפֿען, אויף וועלכע די פּריצים האָבען אָנגערייצט די יאַגד=הונד. די הינד האָבען אָנגעהויבען אָנצופֿאַלען אויף די פוקסען און האָבען געוואָלט אַרויסיאָגען די פוקסען פֿון די סטעפּעס אויף אַ לעהדיגען פּלאַץ, כּדי די יעגערס זאָלען קאָנען שיסען צו זיי פֿון דער ווייטענס, די פוקסען זענען אָבער אויך נישט קיין נאַראָנים און זיי האָבען זיך פּערקערעווועט צו ענטלויפֿען אויף די קעמפּע צווישען די געדיכטע בוימער ווי מען קאָן נישט שיסען. אַזוי ווי פּיינא האָט דערהערט פֿון דערווייטענס דאָס בילען פֿון די הינד מיט דעם קול פֿון טראָמפּייטערען וואָס די יעגערס האָבען גינעבען אַלע מאָהל מיט זייערע טראָמפּייטלעך סיגנאַלען צו די הינד, זאָלען וויסען וואָס צו טוהן, איז זי זעהר דערשראָקען געוואָרען דאָס האַרץ האָט אין איר שטאַרק אָנגעהויבען צו קלאַפּען, טראַכטענדיג אַז דאָ איז שוין געקומען איהר סוף. אָבער ווער ווייסט וואָס דער סוף וועט דאָ זיין, צו צום גיטען, צו צום שלעכטען, זי האָט אָבער גיהערט אַז דאָס קול פֿון דעם בילען ווערט אַלע מאָהל נענטער צו איהר אָרט, האָט זי פּערשטאַנען אַז די הינד זענען שוין אויף די קעמפּא נישט ווייט פֿון איר, האָט זי מורא געקריגען, אַז די הינד זאָלען איר נישט בעפֿאַלען און בייסען, האָט זי זיך געשטאַרקט מיט אַלע קרעפֿטען, און האָט זיך אַרויף געחאַפּט אויף אַ בוים, און האָט געחאַפּט אַ לאַנגען שטעקען אין האַנד אַריין, זאָל זיך אָביאָגען פֿון די הינד אָבער דאָס אַלעס האָט נאָר נישט געהאָלפֿען. וואָרען אַזוי ווי די הינד זענען געקומען נענטער צו איר אָרט, האָבען זיי באַלד דערשפּירט אַז דאָ געפֿינט זיך עפּעס אַ מענש. און זענען באַלד צוגעלאָפֿען צו דעם אָרט ווו זי איז געשטאַנען. אָבער אַזוי ווי די הינד האָבען זי דערזעהן און די משונה'דיגע מלבושים, האָבען זיי זיך פֿאַר איר אויך אָנהויב אַביסעל געשראָקען, און זענען נישט באַלד צו געשפּרינגען צו איר. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, און די הינד האָבען אָנגעהויבען צו ערנענטערען זיך צו איר, און האָבען געוואָלט זי אַראָבשלעפּען פֿון בוים. זי האָט זיך פֿון זיי אַביסעל אָבגעיאָגט מיט דעם שטעקען. אָבער די הינד האָבען שוין נישט געוואָלט פֿון איהר

אבטרעטען

אָפּגעטרעטען, נאָר זיי האָבען שטאַרק געבּיללען אויף איהר, און האָבען געשפּרינגען אַרום דעם בּוים, און זי האָט נאָר געשריגען מיט דעם גאַנצען כּח אַוועק צו טרייבּען פון זיך די הינד, זי האָט שטאַרק געפּאַטשט אויף זיי מיט'ן שטעקען אַרום און אַרום, און די הינד זענען ווייטער דאָרך דעם אַלע מאָהל מעהר בּייזער געוואָרען, און עס האָט זיך געמאַכט אַ שטאַרקע מלחמה צווישען זיי. און דעם זענען די יעגערם אויך צוגעריטען אַלע מאָהל נעהנטער צו דעם אָרט, אָבּער ווי ערשטוינט זענען זיי געוואָרען אַז זיי האָבען ד'הערט פון דערווייטענס עפּעס אַ קול פון אַ מענש, וואָס וועהרט זיך שטאַרק קעגען די הינד. בּעווייל זיי האָבען געוויסט אַז אויף די ערטער קומט קיינמאָהל נישט קיין מענש, אויסער אַמאָהל וואָס יעגערם רייטען אויף פּאָלעוואַני אין די ערטער. די יעגערם האָבען קודם גינעבּען אַ סיגנאַל מיט די טראָמפּייטלעך צו די הינד, אַז זיי זאָלען נישט בּייסען, זאָלען נאָר בּלוים בּיללען און שטעהן אויפ'ן אָרט, וואַרטענדיג בּיז די יעגערם וועלען דאָרט צו קומען. די יעגערם זענען צו געריטען אַלע מאָהל נעהנטער מיט דעם קול פון בּיללען, בּיז זיי זענען צוגעקומען צו דעם אָרט.

די יעגערם זענען גראַדע געווען איידעלע פּריצים מיט גוטע הערצער, און אַזוי ווי זיי זענען געקומען צו דעם אָרט און האָבען גיהערט אַז דאָס איז אַ קול פון אַ פרויענצימער, וואָס שרייט אַזוי ווילד און איז געקליידעט אויך אַזוי ווילד, האָבען זיי זיך שטאַרק פערוואונדערט, זיי האָבען גערעכענט אַז דאָס איז, אָבּער עפּעס אַ מין וואַלד מענש, אָבּער עפּעס אַ מין טייוועל. אָבּער איינער פון זיי האָט זיך געשטאַרקט און האָט אַ געשריי געטוהן צו איר. „זאָג אונז ווער בּיזט דו"! פיינא האָט זיי בּאַלד גיענטפערט מיט די ווערטער. „שרעקט אייך נישט פאַר מיר, איך בּין אַזוי מענש ווי איר, איך בּין די פרוי פיינא רייף". די פּריצים ווייטער פלעגען אויך אַלע טאָג צו לעזען צייטונג, און זיי איז געווען שוין גאַנץ גוט בּעוויסט דער נאָמען פיינא רייף, אַלזאָ האָבען זיי בּאַלד פערשטאַנען אַז דאָס מוז דאָס זיין די זעלבּע פערוואָרפענע פרוי, וואָס די צייטונגען שרייבּען אַלע טאָג וועגען איר. די פּריצים האָבען בּאַלד אָבּגערופען פון איר די הינד, און זענען צו געריטען נעהנטער צו איר. זיי האָבען אָנגעהויבּען אויס צו פרעגען זי, ווי אַזוי זי איז דאָ אַהער פערוואָרפען געוואָרען. אָבּער זי האָט נישט געקאָנט זיי ערקלערען די זאַך פּינקטליך, זי האָט געזאָגט אַז זי ווייסט נישט מעהר נאָר דאָס אַז איז זיך געגאַנגען אויף די נאַכט אַבּיסעל אָנבּאָדען אין טייך איז זי אַריינגעפאַללען אין אַ טיפעניש, און פאַר שרעק איז זי בּאַלד פערחלשת געוואָרען, און וואָס מיט איר האָט זיך געמאַכט ווייסט זי נישט, נאָר דאָס איינע ווייסט זי אַז אין דער פריה איז זי אויפגעקומען פון חלשות, און איז דאַן געלעגען אויפ'ן זאַמד נעבּען וואַסער, איז זי ענטלאָפען אויף די קעמפּא און האָט זיך בּעהאַלטען צווישען די בּוימער, דאָ האָט זי זיך געמאַכט די מלבושים, אַזוי דאָ

האָט זי נעפּלאָכטען די קײשעלעך און האָט אַרױסגעשיקט אַלע טאָג צװײ קײשעלעך, אַז מענשען זאָלען פון איר געװאָר װערען. זי האָט אויך זײ געזאָגט פון װעלכען דאָרף זי איז, די פּריצים האָבען באַלד דערקאָנט דעם נאָמען פון דעם דאָרף, אַז דאָס איז אײנס פון דעם גראַף דאַדזיװילאָװס גיטער. זײ האָבען אויף איר גרױס רחמנות בעקומען, האָבען זײ זי געטרײסט, און זײ האָבען איר געזאָגט װער זײ זענען, אַז זי זאָל פאַר זײ גאָר קײן מורא נישט האָבען, נאָר אַדרבא זי איז גליקליך װאָס זי האָט אויף זײ אָנגעטראָפען. און זײ װעלען שוין זעהן זי אָבצושטעלען ביז אין איהר הויז אַרײן. באַלד האָבען די פּריצים געשיקט אײנעם פון זײ ער זאָל געשװינד רײטען אין דעם נאָנטען דאָרף. און זאָל ברענגען אַ קאַרעטא מיט גיטע פערד און אויך שעהנע מלבושים פאַר איר. די צװײ פּריצים זענען דאָ געבליבען מיט איר, און האָבען זי אויסגעפרעגט אויף אַלעם, װי אַזוי איר איז דאָ עפּעס דערגאַנגען. זײ האָבען אַלץ בעטראַכט און האָבען זיך זעהר פערװוּנדערט אויף די נסים װאָס איר איז דאָ געשעהן, און אויך אויף איר חכמה מיט אַלע איהרע אײנפאַלען, װאָס פאַר עצות זי האָט זיך דאָ געגעבען ביי יעדער זאַך. די פּריצים האָבען זיך געפרײד, װאָס זײ איז געלונגען מציל צו זײן די פרוי פײגא רײף, װאָס איז בעשריבען אין אַלע צײטונגען. דער ביי האָבען זײ געזאָגט מיט געלעכטער: „מיר זענען אַרױסגערײטען אויף דער יאַגד פאַנגען פוקסען מיט זײענצען, צום סוף האָבען מיר גאָר נייפאַנגען אַ פּרױענצימער".

אום אָבענד צײט איז געקומען צופאָהרען אויף די קעמפּא אַ שעהנע קאַרעטא, װעלכע האָט געבראַכט שעהנע מלבושים פאַר די פרוי פײגא. די פּריצים זענען פון דאָרט אַװעק געגאַנגען, זי זאָל זיך קאָנען אָנטוהן די מלבושים. נאָכהער האָט זי זיך אַלײן אַרײנגעזעצט אין די קאַרעטא און איז פון די קעמפּא אָבגעפאָהרען. די פּריצים זענען נאָהך געריטען נאָהך די קאַרעטא. און זײ זענען אַזוי געפאָהרען ביז זײ זענען אָנגעקומען אין אַ דאָרף אַרײן, װעלכעס האָט געהערט צו אײנעם פון די דרײ פּריצים. דאָרט האָט זי אָבגעשטײנט צום נעכטיגען, מען האָט זי גאַנץ שעהן אויפגענומען, און מען האָט זי דערקװיקט מיט זעמעל, טעה, מילך, אײער און גוטע פרוכטען. נאָהך דעם האָט מען איר אָבגעגעבען אַ בעזונדער שטיבעל צום שלאָפען. צומאָרגענס זענען זיך װײטער דיא דרײ פּריצים צוזאַמען געקומען, און האָבען זיך אָבגעשמועסט זײ זאָלען זי אָבשטעלען אַהײם אין אַ שעהנע קאַרעטא, און זײ זאָלען נאָכרײטען, צו ערקונדיגען זיך גוט װעגען די גאַנצע מעשה װאָס דאָ איז געשעהן מיט די פרוי. מען האָט זי װײטער אַרײנגעזעצט אין אַ שעהנע קאַרעטא, און מען איז מיט איר אָװעקגעפאָהרען, און די פּריצים זענען נאָהך געריטען, ביז זײ זענען געקומען

נעקומען אין דעם דאָרף אַריין, ווי זי האָט געוואָהנט בשעת זי איז אַרײַנגעפֿאַלען אין וואַסער אַרײַן.

אַזוי ווי זיי זענען נאָר אָנגעקומען אין דעם דאָרף אַרײַן, איז געוואָרען באַלד אַ גרויסער רעש, אַז די אמת׳ע פיינא יעקב רייפס ווײַב איז געקומען. פיינא איז באַלד אַרײַנגעלאָפען אין דעם הויז אַרײַן ווי זי האָט געוואָהנט. אָבער ווי ערשטוינט איז זי געוואָרען, אַז זי האָט דאָ נאָר געזעהן עזריאל׳ס ווײַב און קינדער, וועלכע האָבען זי באַדעקט מיט קישען און מיט טרערען פאַר גרויס שמחה. פיינא האָט נאָר נישט געוויסט וואָס דאָ טוהט זיך עפּעס. אָבער זיי האָבען באַלד איר דערצעהלט בקיצור ווי אַזוי עס איז געוואָרען שלום צווישען זיי. דער דערוואַלטער פֿון דאָרף, איז אויך באַלד געקומען צולויפען, זעהן און הערען די גרויסע וווּנדער און האָט זיך שטאַרק מיט איר געפֿרייט. פֿיינא האָט זיך אָנגעהויבען בעהטען מען זאָל זי באַלד אָבפֿיהרען אַהיים. דער פערוואַלטער פון דאָרף האָט באַלד געשיקט נאָך צוויי קאַרעטעס, איינע פאַר זיך, און איינע פאַר עזריאל׳ס הויזגעזונד. פיינא האָט זיך צוריק אַרײַנגעזעצט אין די קאַרעטא וואָס זי איז מיט איר געקומען צופאָהרען, און די אַלע דרײַ קאַרעטעס מיט די דרײַ פריצים רײַטענדיגע אויף פערד, זענען צוזאַממען געפֿאָהרען אין דעם דאָרף ווי יעקב רייף האָט הערשט געוואָהנט. מײַלא ווער איז דען אונשטאַנד צו בעשרײַבען די גרויסע שמחה וואָס דאָרט איז געווען, פונקט גלײַך אַזוי ווי די פֿיינא וואָלט אויפגעשטאַנען תחיית המתים. אַ גאַנצע נאַכט זענען דאָרט אַלע געסט געזעסען און שטאַרק געפרייד זיך. די פריצים וואָס האָבען פיינא געבראַכט האָבען פֿערלאַנגט מען זאָל זיי קלאָהר מאַכען אין דער גאַנצער מעשה פון אָנהויב ביז צום סוף, און זיי האָבען די גאַנצע מעשה אויפגעשריבען אויף זייער שפראַך, און האָבען דאָס אינגאַנצען דערנאָהך מפורסם געווען אין עטליכע צײַטונגען, דעסט גלײַכען יעקב רייף מיט עזריאל׳ן האָבען ווײַטער אויפֿגעשריבען די גאַנצע מעשה אויף יודיש, די וועלט זאָל וויסען דעם איבערשטענס ווינדער, און די ווינדער פון שפּאָלער זיידען. נאָהך דעם זענען די דרײַ פריצים אַהיים געפֿאָהרען. באַלד דעם צווייטען טאָג האָבען זיך עזריאל און יעקב משדך געווען מיט זייערע קינדער, און האָבען געשריבען תנאים. נאָהך די תנאים זענען בײַדע מחותנים מיט די חתן כלה געפֿאָהרען קיין שפּאָלי, און האָבען דערצעהלט פאַר׳ן שפּאָלער צדיק אַלס ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען. דער צדיק האָט זיך מיט זיי שטאַרק געפֿרייד און האָט זיי געבענשט. נאָהך דעם זענען זיי אַהיים געפאָהרען מיט גרויס פרייד. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און יעקב רייף האָט געמאַכט זעהר אַ גוט געשעפט בײַ דעם גראַף פּאָטאָצקי. פון וועלכען ער איז רײַך געוואָרען. און ער האָט זיך אָנגעהויבען צו פיהרען חסידיש, בעוויל ער האָט שוין געהאַט אמונה אין צדיקים. אויך איז ער געוואָרען אַ גרויסער מכניס אורח. די בײדע מחותנים זענען געווען שטענדיג גרויסע נגידים ווי לאַנג זיי האָבען געלעבט, און האָבען אויסגעפיהרט זייערע יאָהרען מיט אַלעם גוטען.

דאס איז די בעריהמטע און זעהר אינטערעסאנטע מעשה, וואס דער שפאלער זיידע האט בעוויזען ביי די צוויי מענדילעך, וואס זענען געווען באהעלפערס אין דער שפאלער תלמוד תורה, און זענען זיך געווען שטארקע גוטע פריינד. צום סוף האט איינער דעם צווייטען ג'מסר'ט צוליב געלד זאכען.

ווען דער שפאלער זיידע האט זיך באזעצט אין שפאלי, איז די שטאדט שפאלי געווען זעהר נידריג אין יודישקייט. די בעלי בתים זענען געווען זעהר פארגרעבט. און עס איז ביי זיי געווען אלעס הפקר און פריי. דאן איז געווען דער ערשטער תיקון פון שפאלער זיידען צו גרינדען אין שטאדט א תלמוד תורה, אז דאס נייע דור זאל חאטש נישט זיין אזוי פארגרעבט מען האט צו דעם אראבגעבראכט מלמדים פון אנדערע שטעדט, נור עס האט נאך געפעלט צוויי בחורים, זאלען קאנען זיין באהעלפערס ביי די מלמדים. אין יענע צייט איז אין רומעניא געווען גרויסע מלחמות, איבער וועלכען די יודען זענען דארט געווארען זעהר פארארעמט און פיעל גאנצע קהילות האבען געמוזט פון דארט עמיגרירען אין אנדערע לענדער אריין. אין שטאדט יאססי איז דאן געווען צוויי קלוגע בחורים פון איין משפחה, זיי זענען געווען געשוועסטערן=קינדער, און ביידע האבען געהאט גלייכע נאהמען. זייער נאמען איז געווען „מענדיל". די צוויי בחורים זענען געווען תמיד חברים און האבען זיך זעהר שטארק ליעב געהאט. ווען די צייט איז געווארען אזוי שלעכט, האט איינער צום צווייטען געזאגט, וואס וועט זיין אונזער תכלית, וואס וועלען מיר דא אויסזיצען אין צרות און לייד'ען, מיר וועלען פרובירען עמיגרירען נאך רוסלאנד, און דארט וועלען מיר נעכער קאנען זיך צו עפעס דערשלאגען. זיי האבען זיך גיגעבען תקיעת כף איינער דעם צווייטען, אז איינער דעם אנדערען זאל נישט פערלאזען, נאר אדרבא איינער דעם אנדערען זאל זיין בהילפינג, ביז זיי וועלען קומען צו עפעס א תכלית. זיי זענען אריבער די רוסישע גרענעץ און האבען אנגעהויבען צו וואנדערען אין רוסלאנד ביז זיי זענען געקומען אין שטעדטעל שפאלי. דארט האבען זיי זיך דערוויסט אז מען דארף אין תלמוד תורה צוויי באהעלפערס, זענען זיי געגאנגען צום שפאלער צדיק און האבען זיך געמאלדען אז זיי וועלען זיך פערדינגען פאר באהעלפערס, זיי זענען געפעלען געווארען און מען האט זיי צו גענומען. דער שפאלער צדיק דעסט גלייכען אלע בעלי בתים מיט די מלמדים זענען געווען פון זיי צופרידען, בעוויל זיי האבען ערליך און געטריי געארבייט אין מלומדות. און בעוויל זיי ביידע האבען געהאט איין נאמען, און זענען געווען איין געוויקס, האט מען געמוזט יעדען פון זיי אנרופען מיט א ביינאמען. אלזא האט מען דעם עלטערען גערופען „מענדיל=א". און דעם יונגערען האט מען גערופען „מענדיל=ב".

די צוויי מענדילעך זענען אויפגעוואקסען גרויס אין שפאלי. דער

יאהר

יאהר זענען זיי דארט געווען באהעלפערם, עס האט זיי נאר נישט געפעהלט. א ביסעל געלד האבען זיי אנגעזאמעלט. אבער ווען זיי זענען אלט געווארען צו אכטצעהן יאהר, האט שוין דער שפאלער זיידע נישט געוואלט ווייטער האלטען זיי, נאר ער האט זיי געהייסען חתונה האבען, אזוי ווי עס שטעהט „בן שמונה עשרה לחופה". און בעוויידל זיי האבען נישט געוואלט קיין שידוכים טוהן פון דעם קליינעם שטעדטיל שפאלי, האבען זיי צוריק געצויגען א היים קיין יאססי, ווי זייערע עלטערען האבען געוואהנט. דער שפאלער צדיק האט זיי אבגעזעגענט און האט זיי געבענשט, און זיי זענען אוועק געפאהרען קיין יאססי. חאטש רומעניא האט זיך נאך דאמאלס גערעכענט פאר מלחמה צושטאנד, פון דעסטוועגען איז שוין געווען אביסעל שטיל אין לאנד, פון איין מלחמה צו דער צווייטע האט לאנג געדויערט. אלזא האבען זיך אנגעפאסט די צוויי מענדילעך, זאלען פערבלייבען אין יאססי, אביסעל געלד האבען זיי שוין פערמאגט, אויך זענען זיי געווען גוט געניט ווי אזוי א חדר צו פיהרען, האבען זיי זיך מיישב געווען אז דאס גלייכסטע איז פאר זיי, זאלען זיך דינגען בשותפות א חדר. זיי האבען טאקי באלד געדינגען א שעהן חדר בשותפות און זענען געווען ביידי צוויי גוטע מלמדים. דאס חדר האבען זיי געפיהרט אין בעסטען ארדענונג, אלזא האט זיי קיין תלמודים נישט געפעהלט, און זיי האבען געהאט פרנסה בריות. עס האט נישט לאנג געדויערט, און די צוויי מענדליך האבען געטוהן גוטע שידוכים. זיי האבען גענומען צוויי שוועסטערן פאר ווייבער, זענען זיי שוין געווארען שוואגערם אויך. נאהך דער חתונה האבען זיי זיך ווייטער געהאלטען אין שטארק נוטפריינדשאפט, דאס חדר האבען זיי ווייטער געהאלטען בשותפות. און האבען עס אלע מאהל פארגרעסערט, האבען זיי געהאט פרנסה בריות.

נישט ווייט פון דעם הויז ווי די ביידע מענדילעך האבען דארט געוואהנט מיט זייער חדר, איז געשטאנען א אלטער פאלאץ, פערצייטענס איז עס געווען א קליין פעסטונג, ווי עס האט דארט א מאהל געוואהנט א מלך. נאר דארך די מלחמות איז דאס פעסטונג חרוב געווארען, און עס איז געווארען א פיסטקע. און דא אז עס האט זיך ווייטער געמאכט די שוועדישע מלחמות, איז אנגעקומען קיין יאססי א שוועדישער געניראל מיט א קארפוס זעלנער, וועלכע זענען דארט לאנג געשטאנען, און אזוי ווי זיי האבען נישט געהאט אויפ'ן ווינטער קיין דירות, האבען זיי צורעכט געמאכט א האלב פעסטונג און האבען געמאכט דערפון קאזארמעס פאר די זעלנער, און איין הויז פון פעסטונג האבען זיי צורעכט געמאכט אויף א וואהנונג פיר דעם גענעראל, און די אנדערע העלפט פעסטונג איז ווייטער געבליבען פוסט. דעפויר איידער די זעלנער זענען אנגעקומען אין דאס גאנצע פעסטונג איז געווען פוסט, האבען זיך פיעל איינוואהנער פון יאססי בענוצט מיט דער פוסטקע פאר א בית הכסא. אבער אז די זעלנער זענען אנגעקומען און האבען צורעכט געמאכט א האלב פעסטונג פאר קאזארמעס. האט מען
זיך

זיך שוין גענומען היטען דאָרט אַריין צו געהן, וואָרען אויב די זעלנער האָבען דאָרט עמעצען געחאַפּט האָבען זיי שוין דעם מענש גוט צוקלאַפּט, נאָר דאָך אַ מאָהל ביינאַכט, ווען מען האָט געוויסט אַז די זעלנער שלאָפען, האָט זיך נאָך געקאָנט טרעפען, אַז וועלכע פון די שכנים האָבען זיך דאָרט אַריין ג'גנבעט.

עס האָט זיך געמאַכט אין מיטען זומער, ענדע חודש תמוז אַז מענדילע=א' איז נישט געזונד געוואָרען אויף אָבפּיהרענג, האָט ער נעדאַרפט ביינאַכט אַרויס צו געהן. ווען ער האָט גיזעהן אַז עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען, האָט ער זיך געטראַכט, אַ צינד שלאָפען דאָך געוויס אַלע זעלנער, איז ער אַ רויסגעגאַנגען אין דער פוסטקע. און בעוויל ער איז ניש נישט געזונד געווען, האָט ער זיך דאָרט אַ ביסעל פערזאָמט. פלוצלונג האָט ער דערהערט עמעצען געהן האַסטיג פאַר די פוסטקע ווי ער איז גיזעסען, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען, און האָט מורא געהאַט אויב עס געהט נישט קיין זעלנער צו עם, מאַכען אויף עהם אַ אָנפאַל, האָט ער זיך בעהאַלטען אין אַ ווינקעל צווישען אַ באַרג ציגעל מיט שטיינער, אַזוי אַז מען האָט עם נישט אַ רויסגעזעהן, אין דער רגע איז אַריינגעקומען דאָרט אַ זעלנער, וועלכער האָט זיך דעפויר אומגעקוקט גוט, צו עס איז קיינער נישט דאָ, נאָהך דעם האָט ער אַ פערגענומען פון אונטער די פאָלע פון זיין מאַנטעל אַ קליין קעסטעלע, זעהר אַ שעהנס, און האָט עס בעהאַלטען אין דער ערד אונטער אַ אַלט שטיק ברעהט, און האָט דאָס אָרט פאַרדעקט מיט שטיקלעך ציגעל און שטיינער, און איז באַלד פון דאָרט אַ רויסגעלאָפען מענדילע=א' האָט דאָס אַלץ גיזעהן דאָרך אַ שפאַרע. ער האָט עטליכע מינוט איבערגעוואַרט, איז ער אַפּעהר נעגאַנגען און האָט דאָס קעסטעלע אַ רויסגענומען פון דעם באַהעלטעניש, דאָס אָרט האָט ער צוריק צוגעדעקט עס זאָל גאָר נישט זיין קענטליך, און איז מיט דער מציאה אַריינגעלאָפען צוריק צו זיך אין שטיב אַריין, ער האָט געזעהן אַז דאָס קעסטעלע איז שווער האָט ער פערשטאַנען אַז דאָרט ליגט עפּעס טייער'ס, אָבער ער האָט נישט געקאָנט עפענען דאָס קעסטעלע, בעוויל עס איז געווען פערשלאָסען. אויף צו ברעכען דאָס קעסטעלע האָט ער בעדאַרפט זיך צו באַניצען מיט אַ העקעל, האָט ער איבערגעקלערט אפשר ליגט נאָר דאָרט עפּעס אַ אויפרייסענדיג מאַטעריאַל. האָט ער זיך מיישב געווען און האָט דאָס קעסטעלע בעגראָבען ביי זיך אין קעהלער, אַזוי ווי עס איז, און האָט פּוי דעם סוד פאַר קיין שום מענש נישט דערצעהלט, רעכענענדיג, אַז נעה... וועט אין שטאָדט די גנבה מפורסם ווערן דאַן וועט ער פערשטעהן וואָס צו טוהן.

צומאָרגענס אין דערפריה איז פּליצלונג געוואָרען אַ גרויסער ליאַרעם אויף דעם הויף פון דעם אַלטען פעסטונג. די טראָמפּייטלעך מיט די פּייקלעך האָבען זיך געלאָזט הערען מיט אַ טרעוואָגע פונקט אַזוי ווי אויף אַ מלחמה אַלע זעלנער זענען אַ רויסגעשפּרינגען געשווינד פון די קאַזאַרמעס, און אין

דער

דער רגע זענען זיי אַלע שוין געשטאַנען אויף איין פּלאַץ. באַלד האָט זיך בעוויזען דער גענעראַל מיט זיין גאַנצע סוויטע, וועלכע האָבען בעזוכט די קאַזאַרמעס, זענען געגאַנגען שטיב ביי שטיב און האָבען איבערגעוואָרפען אַלע זעלנערשע זאַכען, אָבער זיי האָבען גאָר נישט געפונען. דערנאָך האָט דער גענעראַל אַ רויסגעלאָזט אַ אויפרוף צו אַלע זעלנער, כאשר אַזוי ווי מען האָט ביי עם די נאַכט אַ רויסגעגנב'ט צעהן טויזענד רענדלעך, אַלזאָ דער וואָס וועט עם אויסגעבען ווי די גנבה איז, מאָג זיין אַפילו דער גנב זעלבסט, וועט ער עם גאָר נישט באַשטראָפען, נאָר ער וועט עם נאָך געבען אַ מתנה טויזענד רענדלעך, און אויב קיינער וועט עם נישט אויסגעבען די גנבה דאַן וועט ער אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען אויס צוזוכען די גנבה, און ביי ווען די גנבה וועט געפונען ווערען, וועט ער נישט וואַרטען אויף קיין דין ומשפּט, נאָר ער אַליין וועט באַלד אויפ'ן אָרט דעם גנב דערשיסען. נאָכדעם האָט מען שטרענג באַזוכט יעדען זעלנער, אָבער דאָס אַלץ האָט צו קיין שום רעזולטאַט נישט געבראַכט, דערווייל איז דורך דער טרעוואָגא מפורסם געוואָרען אויף דער גאַנצע שטאָט, אַז מען האָט די נאַכט בעגנב'ט דעם גענעראַל צעהן טויזענד רענדלעך, און צו די ביידע מענדילעך אין חדר אַריין איז אויך אַריינגע־בראַכט געוואָרען די ידיעה, דאַן האָט שוין מענדילע־א' פערשטאַנען מיט וואָס פאַר אַ מציאה ער איז בעגליקט געוואָרען. ער האָט געמוזט די שמחה טיעף אין האַרץ בעהאַלטען. און האָט זיך איינגעהאַלטען מיט אַלע קרעפטען קיין אויסטערלישע פרייליכע מינע נישט אַרויס צו ווייזען. כדי די זאַך זאָל קאָנען בלייבען גוט בסוד.

דער שוועדישער גענעראַל, וואָס מען האָט עם בעגנב'ט, האָט נישט געהאַט קיין ווייב און קינדער, נאָר קנעכט מיט דינסטען. וועלכע האָבען עם בעדינט. אַז עס איז פערביי געגאַנגען עטליכע טאָג, און עס האָט זיך נאָך נישט אַ רויסגעוויזען קיין שום שפּור פון די גנבה, האָט דער גענעראַל פערשטאַנען אַז דאָס האָט דאָך קיין פרעמדער גנב נישט געמאַכט נאָר פון זיינע שטוב מענשען, האָט ער געוואָרפען אַ חשד אויף איין זעלנער וועלכער האָט עם אַממייסטענס בעדינט, און איז געווען אַ גאַנצער יוצא ונכנס אין זיין שלאָף צימער, דער גענעראַל האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט געלאָזט דעם זעלנער שמייסען מיט ריטען, כדי ער זאָל זיך מודה זיין פון דער גנבה. דער גענעראַל האָט טאַקי געטראָפען פונקט אין דער ציעל אַריין, וואָרען דער זעלנער איז טאַקי געווען דער גנב און אַז ער האָט געזעהן אַז דאָס שמייסען איז נישט אויף קיין קאַטאָוועס, האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען אַז ער וועט די גנבה אויסגעבען, אַבי מען זאָל אויפהערען צו שמייסען. מען האָט עם געבראַכט פאַר'ן גענעראַל איז ער געפאַלען דעם גענעראַל צו די פיס מיט אַגעוויין און האָט געזאָגט אַז ער וועט אַלץ דערצעהלען, נאָר דער גענעראַל זאָל עם צו זאָגען, אַז ער וועט עם שענקען דאָס לעבען. דער גענעראַל האָט אויף עם רחמנות

בעקומען

בעקומען און האט עס צוגעזאגט, אז אויב די גנבה וועט אפגעגעבען ווערען גאנץ, שענקט ער עס דאס לעבען. דאן האט דער זעלנער געזאגט אז ער האט עס טאקי געגנב'ט, און ער האט עס בעהאלטען אין דער פוסטקע.
דער גענעראל האט מיט גערופען עטליכע גרויסע לייט פון זיין סוויטע און א ביסעל פראסטע זעלנער אויך, און זענען אלע געגאנגען אין דער פוסטקע אריין. ווי דער גנב האט זיי געפיהרט. דאן האט דער גנב אנגעהויבען אויפ-צוגראבען דאס קעסטילע. אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארען, אז ער האט גאר נישט געפונען. דער אומגליקליכער גנב האט א געשריי געטוהן. „אי געוואלד! מען האט שוין דאס קעסטעלע פון דאנעט א רויסגעגנב'ט"!.
אזוי ווי דער גענעראל האט דאס דערהערט, איז ער זעהר בייז געווארען אויף דעם גנב. און האט אויף עס א געשריי געטוהן. „די פערפליכטער הונד! האסט נאך אונז דא אהער געפיהרט צו מאכען שפאס פון אונז"! ביי דעם שרייען האט דער גענעראל ארויסגעכאפט די שווערד, און האט אבגעהאקט דעם קאפ פון גנב באלד אויפ'ן ארט אין דער פוסטקע. נאהך דעם זענען זיי אלע זיך צוגאנגען. אין א קליינע צייט ארום איז דער גענעראל מיט'ן גאנצען קארפוס זעלנער א וועק פון יאססי, און זענען געגאנגען ווייטער פיהרען די מלחמה. דער סוף איז געוועזן אז דער גענעראל איז געהרג'ט געווארען אין דער מלחמה, און די זעלנער זענען אויך שוין מעהר נישט צוריק געקומען קיין יאססי. און פון די גנבה איז אינגאנצען שטיל געווארען.
עס איז שוין געהאט פערבייגעגאנגען א האלב יאהר, צייט מענדילע-א' האט בעהאלטען אין קעלער דעם אוצר. ביז דאמאלס האט ער נאך אלץ מורא געהאט צו עפענען דאס קעסטעלי, נאר אז ער איז געוואהר געווארען אז דער גענעראל לעבט שוין נישט, און פון די גנבה איז אינגאנצען שטיל געווארען אין שטאדט, האט ער זיך שוין ערלויבט צו עפענען דעם אוצר. שפעהט ביינאכט איז ער אריין אין קעלער איינער אליין און האט אויפגעהאקט דאס קעסטעלי. אינוויינינג איז גילעגען צעהן פעקעלעך רענדלעך.
ער האט איבערגעצעהלט איין פעקעלע איז געווען דערינען טויזענד רענדלעך, האט ער שוין פערשטאנען, אז דא ליגען די גאנצע צעהן טויזענד רענדלעך. ער האט דאס גאלד איבערגעלעגט אין א אייזערנעם טאפ אין האט עס צוריק בעהאלטען אין דער ערד פון קעלער, דאס קעסטעלי האט ער צוהאקט אויף שטיקלעך און האט עס פארברענט. נאהך דעם האט ער ווייטער אלץ געהאלטען די זאך בסוד. און באמת האט די זאך געמוזט בלייבען בסוד, בעווייל אין רומעניא האט דאמאלס עקזיסטירט א גיזעץ, אז אלע אוצרות וואס איינער געפינט, אדער אזוי אז איינער געפונט עפעס א מציאה און קיינער רופט זיך נישט אהן דערצו, דאס אלץ גיהער צו דער רעגירונג. נאהך דערצו אויב אין דער צייט פון מלחמה צושטאנד, אז עס איז עפעס געבליבען פון די פרעמדע זעלנער, האט עס געווים גיהערט צו דער רעגירונג. אלזא ווען די רעגירונג וואלט זיך נאר דערוויסט, אז מענדעלי-א' האט געפונען דעם אוצר, וואלט זי

אומבעדינגט

אומבעדינגט פון עם געפאדערט דאס געלד, און ער וואלט נאך אויך געווארען א תושב אין דער יאססער טיורמא. דאס אלץ האט טאקי מענדעלי=א' גוט פערשטאנען, און האט טאקי די זאך געהאלטען אזוי לאנג שטארק בסוד, עס האט אבער שוין עם א רויסגענומען פון געדולד, סטאטש היתכן צעהן טויזענד רענדלעך ליגען אין קעלער, און דא זאל ער מוזען קנעלען מיט די יאססער לאבוסלעך, אנרייסען זיך דאס הארץ מיט זיי א גאנצען טאג, דאס איז דאך עפעס גאר קיין יושר נישט, דארך דעם איז מענדילע=א' ארום געגאנגען ווי אהן א קאפ. בקיצור ער איז געפאלען אויף איין עצה, אזוי ווי מענדעלי=ב' איז דאך זיין בעסטער גוטער פריינד פון יונגעלוויי אהן, און היינט א שותף אויך, און א שוואגער אויך, און פאר א שטיקעל חכם האט ער אויך געהאלטען דעם מענדילע=ב', נו וואס דארף מען א בעסערען בעל עצה. איז ביי עם געווארען אנגעפאסט ער זאל מגלה סוד זיין צו מענדילע=ב', און פון עם פאדערען א עצה וואס ער זאל טוהן, ווי אזוי ער זאל זיך קאנען מיט דעם עשירות א רויסווייזען פאר די גאנצע וועלט.

אמאהל אין א הייסען זומערטאג פארנאכט, ווען די חדר יונגלעך זענען שוין ענטלאפען פון חדר, האט מענדילע=א' געזאגט צו מענדילע=ב', ווייסט דו וואס מיין בעסטער פריינד, לאמיר זיך א ביסעל איבערגעהן שפאצירען אונטער די שטאדט צו געניסען פון דער פרישער לופט. מענדילע=ב' האט באלד איינגעשטימט אויף דעם פארשלאג און זענען ביידע א וועק=געגאנגען שפאצירען. ווען זיי זענען שוין געווען צווישען די פעלדער ווייט פון שטאדט, האט מענדילע=א' געזאגט צו מענדילע=ב'. אזוי ווי איך האלט דיך פאר מיין בעסטען גוטען פריינד, וויל איך מיך פאר דיר פערטרויען מיט א גרויסען סוד, נאר דאך כדי איך זאל זיין אין גאנצען בערוהיגט, פערלאנג איך פון דיר זאלסט מיר געבען תקיעת כף, אז די זאלסט דעם סוד קיינמאהל נישט א רויסגעבען פאר קיין שום מענש. מענדילע=ב' האט אזוי געטוהן. נאהך דעם האט מענדיל=א' עם דערצעהלט, וואס פאר א גליק עס האט עם געטראפען. דערביי האט ער עם צו געזאגט באלד צו געבען עם פון דעם געלד א מתנה טויזענד רענדלעך אלס מעשר, דארך וועלכען מענדילע=ב' וועט אויך שוין נישט זיין גענויטיגט צו זיין ווייטער מלמד. און דער עיקר האט מענדילע=א' פערלאנגט פון מענדילע=ב', מען זאל אויסקלערען א גוטען פלאן, ווי אזוי זיי זאלען זיך אנהויבען צו פיהרען, זאלען קאנען ארויסווייזען דאס עשירות, און עס זאל אויף זיי נישט פאלען קיין שום חשד. אזוי ווי מענדילע=ב' האט דערהערט די בשורה, איז ער ארויפגעפאלען אויפ'ן האלדז פון מענדילע=א', און האבען זיך ביידע שטארק צוקישט מיט גרוים פרייד, אויף דער גרויסע הילף וואס דער אויבערשטער האט זיי בעשערט, און נאהך א לאנג בעראהטונג איז ביי זיי געווארען בעשטימט, אז מענדילע=א' זאל זיך איינגאנצען אוועק ציהן פון רומעניא. און זאל זיך אריינצוהען אין רוסלאנד קיין קעשינוב. דארט איז א גרויסע

שטאדט

שטאדט, וועט עם קיינער נישט נאכקוקען, און מענדילע=ב' זאל בלייבען ווייטער וואהנען אין יאססי, און ווען דאס האלבע יאהר וועט זיך אויסלאזען, זאל ער דאס מלומדות אוועק לעהגען, און זאל אנהויבען צו האנדל ן מיט אזוי מסחר, וואס ער וועט זיך קאנען אויסגעבען, אז ער פערדינט זעהר גוט און מאכט גלענצענדע געשעפטען, ביי וועלכען מען וועט קאנען אויף עם זאגען אין שטאדט, אז ער וואקסט אלע טאג אין זיינע גליקליכע געשעפטען, ביז ער וועט קאנען מאכען א גרוים געשעפט. ער האט זיך אויסגעקליבען צו האנדלען מיט האלץ. אין אנהויב וועט ער קויפען אביסעל בוימער, דערנאהך א קליין שטיקעלע וואלד, ביז ער וועט שוין קויפען טאקי א גאנצען וואלד. נאהך דער בעראהטונג זענען זיי ביידע אהיים געגאנגען מיט פרייליכע הערצער און מיט גרוים גוטפריינדשאפט. די זעלבע נאכט האט באלד מענדילע=א' מקיים געווען זיין צוזאג, און האט נישענקט מענדעלי=ב' טויזענד רענדלעך. און האבען זיך ביידע בעווינטשען מיט הצלחה:

עס איז פערביי געגאנגען נאהך דעם עטליכע וואכען, איז ארוים א קול אויף די שטאדט, אז די צוויי מענדילעך קריגען זיך, און זיי קאנען זיך נישט פערגלייכען וועגען די געשעפטען פון חדר. און דארך דעם איז ביי זיי פערבליבען, אז מענדילע=א' טרעט אב אינגאנצען פון חדר, אין מענדילע=ב' אליין בלייבט ביי דעם חדר. און לויט דעם קול, וואס זיי זעלבסט האבען במכיון ארוים=געלאזט, האט שוין געהאט מענדילע=א' א גוטען תירץ פאר וואס ער ציהט זיך אוועק פון יאסי, און די זאך איז ביי קיינעם קיין וואונדער ניט געווען. עס האט נישט לאנג געדויערט און מענדילע=א' האט זיך איבערגעצוינען קיין קעשינוב. דארט האט עם קיינער נישט געקאנט, און קיין מענש האט נישט געוואוסט וואס ער איז געווען דיפויער, אלזא האט ער זיך באלד אויסגינעבען פאר א גרויסען נביר א סוחר. ער האט זיך באלד געקויפט אין קעשינוב א גרוים הויז, און האט אנגעהויבען צו מאכען גרויסע געשעפטען. די הצלחה האט עם געשיינט, און ער האט מצליח געווען אין אלע געשעפטען, און איז געוואקסען מיט א גרוים עשירות למעלה מעלה. מענדילע=ב' האט נאך געהאלטען דאס חדר א האלב יאהר. דערנאהך האט ער ארויסגעלאזט א קול, אז ער האט בעקומען הארץ=וועהטאג, און קאן שוין מעהר נישט זיין קיין מלמד. לויט דעם קול האט ער דאס חדר אינגאנצען אבגעלאזט, און האט זיך גענומען צו האנדלען מיט האלץ. ער האט אנגעהויבען צו קויפען בוימער, דערנאהך האט ער זיך געפרובט אמאהל קויפען א קליין שטיקעלע וואלד, און אזוי אלע מאהל א ביסעל א גרעסער שטיקעל וואלד, ביי דעם האט ער זיך בערימט אז ער מאכט גלענצענדע געשעפטען און ווערט רייך, אין שטאדט האט ער שוין געהאט א שם פאר א גנידישען סוחר. אבער אין אמת איז נישט אזוי געווען. די הצלחה האט עם נישט אזוי גוט געשיינט און ער האט געמאכט פעהלהאפטיגע געשעפטען.

צוויי

צוויי יאָהר איז פערביי נעגאַנגען פון דער צייט וואָס די בּיידע מענדילעך זענען געוואָרען סוחרים. במשך די צייט האָבּען זיי זיך אָפּטער געשריבּען פריינדליכע בּריף מיט גרוים ליבּשאַפט. אין די בּריף האָט מענדילע=ב׳ נישט בּעהאַלטען דעם סוד פאַר מענדילע=א׳, נאָר ער האָט עס געשריבּען דעם אמת, אַז ער איז נישט זעהר מצליח. אָבּער מענדילע=א׳ האָט עם געטרייסט מיט גוטע רייד און האָט עם מבטיח געווען אַז ער וועט עם נישט לאָזען פאַללען. נאָר אויבּ ער וועט דאַרפען צו אַ געשעפט נאָך געלד זאָל ער עם בּאַלד שרייבּען, אָדער ער זאָל זעלבּסט קומען צו פאָהרען קיין קעשינוב, וועט ער עם אַלע מאָהל בּאָרגען עטליכע הונדערט רובּעל. און עס איז ווירקליך אַזוי געווען, אַז מענדילע=א׳ האָט במשך די צוויי יאָהר שוין עטליכע מאָהל געהאַט געבּאָרגט מענדילע=ב׳ צו עטליכע הונדערט רובּעל. אָבּער דער סוף איז געווען, אַז מענדילע=ב׳ איז פאַרקערט געוואָרען פאַר אַן׳אַנדערען מענש, און האָט געפעלטשט אין דעם גוטפריינדשאַפט. עס האָט אין עם אָנגעהויבּען צו בּרענגען אַ פייער פון קנאה אויף מענדילע=א׳. סטאַטש, היתכן! בּיידע זענען מיר געשוועסטער׳ן קינדער פון איין משפחה. בּיידע זענען מיר געוואָרען שוואָגערס, וואָס מיר האָבּען גענומען פאַר ווייבּער צוויי שוועסטערן. בּיידע זענען מיר צוזאַממען פערשוואַרצט געוואָרען יונגעלוויי, און מיר זענען געווען צוזאַממען אַ לאַנגע צייט בּאַהעלפערם. בּיידע האָבּען מיר געהאַלטען צוזאַממען בּשותפות אַ חדר אַ לאַנגע צייט. און היינט זאָל ער וואַקסען אַרויף און איך אַראָבּ, איך זאָל דאַרפען צו עם אָנצוקומען אַלע מאָהל, ער זאָל מיר בּאָרגען אַ גמילת חסד עטליכע הונדערט רובּל. און ווער ווייסט וואָס דער סוף וועט זיין, אויבּ איך וועל נישט מוזען ווערען צוריק מלמד. מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט זיך אָנגעהויבּען מענדילע=ב׳ אַרומצוטראָגען, בּיז ער איז אַרוים פון געדולד, און האָט אָנגעשריבּען צו מענדילע=א׳ אַזאַ בּריף.

## לכבוד ידידי הגביר ר׳ מענדיל.

„זאָלסט וויסען ידידי יקירי! אמת טאַקי אַז מיר זענען בּיז אַהער געווען אַזוי לאַנג שטאַרקע ידידים. לײדער אָבּער היינט מוז איך אַרוים טרעטען קעגען דיר מיט שאַרפע רייד. וואָרען איך בּין שוין מיהד געוואָרען צו פאָדערען פון דיר ווייטער אַ גמילת חסד עטליכע הונדערט רובּל. און לויט מיין יושר דאַרף זיין, אַז אַזוי ווי מיר זענען שטענדיג פון יונגעלוויי אָהן פונקט ווי אַ צווילינג, דאַרפען מיר אַזוי זיין לעולם סלה. און דאָס גליק וואָס דיך האָט געטראָפען, דאַרף זיין פאַר אונז בּיידע גלייך בשותפות. אַלזאָ אַזוי ווי איך האָבּ שוין בּיי דיר גענומען טויזענד רענדלעך, און דערנאָהך ווייטער דריי מאָהל גמילת חסד, וועלכע בּאַטרעפען צוזאַמען זיבּען הונדערט פונפציג רובּל,

קומט אויס דער חשבון אז די דארפסט נאך מיר צו געבען פיער טויזענד רענדלעך, וועהניגער זיבען הונדערט פונפציג רובעל. פערלאנג איך פון דיר קודם מיט גוטען, זאלסט מיר דאס געלד אב שיקען. איך גיב דיר אויף דעם צייט א גאנצען חודש. אויב די וועסט מיר נישט אבשיקען דאס געלד ביז דער צייט, וועל איך זעלבסט קומען צו פאהרען צו דיר פונקט אין דעם טאג וואס דער חודש וועט זיך אויסלאזען. בעהט איך דיך פעם שנית זאלסט אנדערש נישט מאכען, נאר אזוי ווי איך וועל ארייננקומען צו דיר, זאלסט די מיר באלד אויפצעהלען דאס געלד. דאן וועלען מיר בלייבען וויטער ידידים. באם די וועסט נישט מקיים זיין מיין פאדערונג, וועסט די געוויס גרויס חרטה האבען. ווארען איך וועל זיין געצווינגען מגלה סוד צו זיין פון דעם אוצר דער רומענישע רעגירונג, וועלכע וועט געוויס פון דיר אבפאדערען די גאנצע צעהן טויזענד רענדלעך. און די וועסט נאך אויך שטרענג בעשטראפט ווערען, פאר וואס דער גענעראל האט דורך דיר א מענש געהרג'ט. אלזא ידידי יקירי! רעכען דיך גוט איבער וועסט די פערשטעהן אז איך בין באמת גירעכט. און איך בין נאך געוועזען געגנוג א צדיק, וואס איך האב ביז אהער געשוויגען.

ידידך מענדיל

אז מענדילע=א' האט דערהאלטען דעם בריף איז עם געווארען פינצטער פאר די אויגען, און איז געווארען זעהר אין כעס אויף מענדיל=ב'. א צינד האט ער הערשט פערשטאנען, אז ער האט זיך בענארעשט וואס ער האט זיך אנגעטרויעט מיט דעם סוד פאר מענדיל=ב', וועלכער איז א בעהאלטענער פערדארבענער מענש, און נאר לפנים האט ער זיך א רויסגעוויזען פאר א שטארקען ידיד, אבער דאס הארץ איז אזוי ווי פון א וואלף. מענדילע=א' איז איבער דעם א רומגעגאנגען אזוי צוקאכט, אז ער האט גאר נישט געוויסט וואס מען רעדט צו עם, און ער האט זיך שיעור נישט אליין אויפגינעסען פאר כעס, וואס ער זעלבסט האט אויף זיך געבראכט די צרה. די וועלט זאגט אבער א ווערטעל „יאך בידא, טא דא זשידא". דאס הייסט. „אז די צרה בריהט, מוז מען זיך ווענדען צו א גוטען יוד". אזוי האט זיך שוין מענדילע=א' דערמאנט אן שפאלער זיידען, און האט זיך געטראכט, איך בין דאך דאמאלס געוועזען ביי עם שטארק געליעבט, ער האט מיך געהאלטען אזוי ווי א קינד. דערצו איז דער נאמען פון שפאלער זיידען געוועזען דאמאלס שטארק מפורסם פאר א גרויסען בעל מופת, און האט נאך דאס אויך גיהערט, אז קעגען א מסור און א משיג גבול, איז דער שפאלער צדיק א נוקם ונוטר, טאקי אזוי ווי א שלאנג. אלזא האט ער זיך מיישב געוועזען אז דער גלייכסטער וועג פאר עם איז צו פאהרען קיין שפאלי, און אויס=

צוניסען

צוזיסען פֿער דעם שפּאָלער צדיק זײַן בּיטער הארץ. ער האָט צו מענדילע־ב׳ נאָר נישט אָנגעשריבּען, נאָר איז בּאַלד אין עטליכע טעג אַרום געפֿאָהרען קײַן שפּאָלי.

ווען מענדילע־א׳ איז געקומען קײַן שפּאָלי, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין בית המדרש פֿון שפּאָלער צדיק, און האָט געטראָפֿען פּונקט פֿאַר׳ן דאַווינען. אַז דער צדיק איז אַרײַנגעקומען צום דאַווינען האָט ער דערזעהן מענדילע־א׳, און האָט זיך מיט עם שטאַרק געפֿרײַד, זאָגענדיג די ווערטער. „עס טהוט מיר זעהר אַ הנאה וואָס איך זעה, אַז גדיים נעשו תישים״. דאָס איז טײַטש, אַז פֿון אַ קלײַן ציגעלע איז געוואָרען אַ גרויסער קאַזיאָל. אויף דעם האָט מענדילע־א׳ שווער אָבּגעזיפֿצט און האָט גיענטפֿערט. „וואָס קומט אָבּער דערויס, הײַליגער צדיק, אַז עס שטעהט אויף אַ וואָלף און וויל דעם קאַזיאָל דורס זײַן״! האָט דער שפּאָלער זיידע ווײַטער עם גיענטפֿערט. נו אַזעלכע געשעפֿטען וויל איך אַצינד פֿון דיר נישט הערען, בּעוויַל פֿאַר׳ן דאַווינען נעם איך נישט אָהן קײַן סקאַרגעס אויף קײַן שום איד. שפּעהטער דעם זעלבּען טאָג איז מענדילע־א׳ אַרײַנגעקומען צום שפּאָלער זיידען, און האָט פֿאַר עם דערצעהלט אַלס וואָס מיט עם האָט זיך פּאַסירט, זונד ער איז אַוועק פֿון שפּאָלי בּיז דעם הײַנטיגען טאָג. ער האָט דעם צדיק געוויזען דעם בּריף וואָס מענדילע־ב׳ האָט עם געשיקט. און האָט זעהר געוויינט פֿאַר וואָס מענדילע־ב׳ וויל עם אַײַנשלינגען בּחנם. און איז קענען עם אַ משלם רעה תּחת טובה. דער שפּאָלער צדיק האָט עם גיענטפֿערט. „אמת אַז דו האָסט דיך זעלבּסט בּענאַרעשט, וואָס די האָסט דיך אָנגעטרויעט, מיט דעם סוד פֿאַר עם, בּעוויַל ער איז אַ שלעכטער מענש און דערצו אַ גרויסען עקשן. אָבּער אַ צינד איז דאָך דאָס שוין פֿערפֿאַלען, פֿון דעסטוועגען ציטער נישט אַזוי, מיט׳ן אויבּערשטענס הילף וועל איך זעהן, אַז ער זאָל דיר נישט קאָנען קײַן שלעכטס טהון. נאָר ראשית מוזט די מיר געבּען פֿונף הונדערט רובּל, וואָס איך דאַרף חתונת צו מאַכען חתן כלה צווײַ יתומים. מענדילע־א׳ האָט דאָס געלד בּאַלד בּעלעהגט. נאָהך דעם האָט ווײַטער דער שפּאָלער זיידע עם געפֿרעגט, צו ער האָט שוין די זעלבּע זכיות׳ן וואָס אַ געבּוירענער רוסישער מענש האָט דאָס הײַסט צו ער ווערט שוין אָנגערופֿען אַ רוסישער אונטערטהאַן. האָט מענדילע־א׳ עם גיענטפֿערט, אַז אויף דעם האָט ער בּאַלד דאָס ערשטע יאָהר, אַזוי ווי ער איז נאָר אָנגעקומען קײַן קעשינוב, פֿערלעהגט אַ נאַרבּײַט, און האָט טאַקי דאַמאָלס בּאַלד געפּועלט, אַז ער זאָל שוין הײַסען אַ רוסישער מענש. האָט ווײַטער דער שפּאָלער זיידע געזאָגט, נו אויבּ אַזוי זאָלסט דו נאָר קײַן מורא נישט האָבּען. אויבּ מענדיל־ב׳ וועט קומען צו דיר פֿאָדערען דאָס געלד, זאָלסט דו קודם מיט עם רײַדען אין גוטען, און זאָלסט עם זאָגען. אויבּ ער האָט עפּעס אַ טענה צו דיר זאָל ער מיט דיר אַ הערקומען צו מיר וועל איך אײַך פֿערגלײַכען. נאָר אויבּ ער וועט דאָס נישט וועלען נאָר ער וועט קענען דיר אַרויסטרעטען מיט עזות מצח. זאָלסטו בּאַשטעלען מיט

דיינע משרתים, אַז אַזוי באַלד דו וועסט נאָר אַ ווינק טוהן צו זיי, זאָלען זיי עם אָנחאַפּען און אַרויסוואַרפען. און אויב ער וועט אויף דיר איינגעבען אַ מסירה פאַר דער רומעניִשע רעגירונג, און עס וועט ווערען פון דעם אַ משפט זאָלסט דו פּועל'ן ביי דער רוסישער רעגירונג, מען זאָל אָבשרייבען, אַז אַזוי ווי דו ביזט היינט אַ רוסישער אונטערטהאַן, דאַרף מען דיך משפט'ן אין רוסלאַנד נאָר די רומעניִשע רעגירונג האָט אַ ברירה אהער צו שיקען צום משפט איהרם אַ פּראָקוראָר. ווייטער וואָס עס וועט נאָר פאָרפאַלען עפּעס אַ נייעס וועגען דעם, זאָלסט דו מיר תיכף אַ ידיעה געבען, וועל איך שוין דיר שרייבען וואָס דו זאָלסט טוהן. נאָהך דעם האָט דער שפּאָלער צדיק אָבגעזעגענט מענדילע=א' מיט אַ גוטע ברכה, און מענדילע=א' איז אַהיים געפאָהרען.

אין לעצטען טאָג פון דעם חודש איז טאַקי מענדילע=ב' געקומען צופאָהרען קיין קעשינוב, און איז אַריינגעקומען צו מענדילע=א' גאַנץ ברייט, און האָט געפאָדערט פון עם דאָרכאויס ער זאָל עם באַלד אויפצעהלען די פיער טויזענד רענדלעך וואָס עס קומט. מענדילע=א' האָט אָנגעהויבען טענה'ן צו עם מיט גוטען. „היתכן אדרבא! וואָס איז עפּעס פון דיר געוואָרען. נאָהך אַזוי גוטפריינדשאַפט, און נאָהך אַזוי פיעל טובות וואָס איך האָב דיר געטוהן, טרעטסט דו קעגען מיר אַזוי גראָב אַרוים? וואָס בין איך דען שולדיג אַז דו ביזט נישט מצליח, דאָס איז דאָך אַ הימעל זאַך". אָבער מענדילע=ב' האָט זיך נאָך אויסגעלאַכט אויף די רייד און האָט עם גיענטפערט מיט חוצפּה. „דו שוטה איינער! איך האָב מיט דיר מעהר גוטס געטוהן ווי דו מיט מיר, וואָרען ווען איך וואָלט אַרויסגיגעבען דעם סוד פאַר די רומעניִשע רעגירונג וואָלסט דו שוין לאַנג געווען אַ תושב אין דער יאַסער רויטער טיורמאָ. אצינד בעהט איך דיך מאַך נישט מיט מיר קיין לאַנגע טענות. נאָר בעצאָהל וואָס מיר קומט, אויב נישט וועסט דו דערנאָהך גרויס חרטה האָבען, און דו וועסט שוין דאַמאָלס קיין שום עצה נישט האָבען". מענדילע=א' האָט ווייטער אָנגעהויבען רייידען צו עם מיט גוטען. „ווייסט דו וואָס מענדיל, אויב דו האָסט עפּעס צו מיר אַ טענה, איז גלייך מיר זאָלען ביידע פאָהרען צום שפּאָלער צדיק, און וואָס פאַר אַ פּסק ער וועט מאַכען, וועל איך באַשטעהן". אויף דעם האָט זיך ווייטער מענדילע=ב' אויסגעלאַכט און האָט געזאָגט. „וואָס! צו בין איך נאָך היינט זיין באַהעלפער, איך זאָל מוזען עם פאָלגען"? דאַן האָט שוין מענדילע=א' גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז מיט גוטען וועט ער נאָר נישט מאַכען, האָט ער געזאָגט צו מענדילע=ב'. „נו מיילא עס איז פערפאַלען, אַז דו ביזט מיך אַזוי שטאַרק נונש, מוז איך טאַקי דיר געבען וואָס דיר קומט", נאָהך די ווערטער האָט מענדילע=א' אַ ווינק געטוהן אויף זיינע משרתים, וועלכע זענען שוין געשטאַנען גרייט צו דעם עסק. די משרתים האָבען זיך באַלד אַרויפגעוואָרפען אויף מענדילע=ב', און האָבען עם מכבד געווען שטילערהייט מוט וואָס איינער האָט נאָר געקאָנט, און זיי האָבען עם גינעבען אַוואָרף אַרוים, אַז ער האָט זיך קוים אויפגעהויבען פון

דער

דער ערד. דאן האט שוין מענדילע=ב׳ פערשטאנען, וואס פאר א פנים ער האט ביי מענדילע=א׳. איז ער באלד אהיים געפאהרען מיט גרויס כעס.

אזוי ווי נאר מענדילע=ב׳ איז אהיים געקומען, האט ער זיך באלד געווענדעט צו דער רומעניעשע רעגירונג מיט א גרויסע מסירה אויף מענדילע=א׳ באשר אז ער האט ארויסגענב׳ט די צעהן טויזענד רענדלעך, וועלכע זענען געלעגען בעהאלטען אין דער ערד פון דער פוסטקע, וואס געהער צו דער רעגירונג, איבער וועלכען דער אוצר דארף געהערען צו דער רומענישע רעגירונג, און דארך דעם פארברעך האט דער גענעראל געהרג׳ט א זעלנער צום טויט אין דער פוסטקע. און צוליעב דעם איז דער מענדיל=א׳ אנטלאפען קיין רוסלאנד, און האט זיך באזעצט אין קעשינוב, ווי ער פיהרט א ראלע פון א גרויסען נגיר. און דאס האט אויך מענדיל=ב׳ איינגעשריבען אין דער מסירה, אז ער וויל זיין א עדות און סאנד און שווערען אויף דעם אלעם, בעוויל דער מענדיל=א׳ האט עם אליין אלץ דערצעהלט, און האט עם גינעבען געלט ער זאל די זאך נישט אויסגעבען. ער האט אפילו געמיזט עם צו שווערען אויך, אז ער זאל דאס האלטען שטענדיג בסוד. אבער בעוויל ער האט קיין מנוחה נישט אויפ׳ן הארץ דארך דעם וואס ער פארדעקט אזוי גרויסען פארברעך קעגען זיין פאטער=לאנד, אלזא מיז ער היינט ברעכען די שבועה, און די זאך אינגאנצען איבערגעבען די רעגירונג פון זיין פאטער=לאנד.

די רומענישע רעגירונג האט די מסירה צוגענומען מיט ביידע הענד, און עס איז באלד אוועקגעשיקט געווארען א באפעהל צו דער רוסישער רעגירונג אין קעשינוב, מען זאל דעם מענדילע=א׳ שליסען אין קייטען און אבשיקען קיין יאססי צו דער ארטיגע רעגירונג, בעוויל ער איז א פארברעכער וואס האט בערויבט די רומענישע רעגירונג צעהן טויזענד רענדלעך. אבער מענדילע=א׳ האט בעלעהגט זיינע פאפירען מיט פעסטע דאקומענטען, אז ער איז שוין פון לאנג א רוסישער אונטערטהאן, און ער קאן זיך שוין בענוצען מיט אלע פריווילעגען, וועלכע געהערען צו א געבוירענעם רוסישען מענש, אלזא קאן נישט די רומענישע רעגירונג עם נויטען מען זאל עם משפט׳ן אין רומעניא. ער האט געפועל׳ט אז די ארטיגע רעגירונג האט אזוי צוריק געשריבען צו די רומעניעשע רעגירונג, אז דעם מענש קאן מען נאר משפט׳ן אין קעשינוב, אלזא אויב די רומענישע רעגירונג האט עפעס א טענה צו עם, דארף זי עם איינקלאגען אין דעם סאנד פון קעשינוב. נאר די רומענישע רעגירונג האט א ברירה צו צושיקען צום משפט אהרם א פראקוראר מיט עדות:

מענדילע=א׳ איז באלד זעלבסט געפאהרען קיין שפאלי, און האט דערצעהלט פאר דעם צדיק אלץ ווי אזוי די זאך באשטעהט. האט עם דער שפאלער זיידע געענטפערט. זאלסט גאהר קיין מורא נישט האבען פאר דעם משפט, נאר דאס איינע דארפסט דו יא זעהן צו פועל׳ן אין דעם קעשינובער סאנד, אז דאס משפט זאל אבגעלעגט ווערען אויף דעם טאג פון פורים. און דו זאלסט נאר נישט באשטעלען קיין שום אדוואקאט אויף

דעם

דעם משפּט, נאָר איך וועל שוין דאָרט אַהינשיקן אַ גוטן מליץ און סאַנד אַרײַן. האָט מענדילע=א׳ געפרעגט, ווי פיל געלד וועט דער מליץ דאַרפן נעמען. האָט דער שפּאָלער זיידע געענטפערט, אַזוי ווי איך דאַרף די צייטן ווײַטער חתונה צו מאַכן אַ אָרימע יתומה, אויף וועלכן איך מוז האָבן לכל הפּחות דרײַ הונדערט רובל, זאָלסט דו מיר געבן די דרײַ הונדערט רובל, און איך וועל שוין דיר שיקן דעם מליץ. האָט ווײַטער מענדילע=א׳ געפרעגט. אויב די הוצאות פון די חתונה דאַרף קאָסטן דרײַ הונדערט רובל וועט דאָך שוין ווײַטער נאָר נישט בלײַבן וואָס צו געבן דעם מליץ. האָט דער שפּאָלער זיידע געענטפערט. נו אויף דעם זאָלסט דו נישט זאָרגן, איך האָב אַ גוטן מליץ, וואָס ער וועט בײַ מיר קיין געלד נישט נעמען. נאָך האָט עם דער שפּאָלער זיידע אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נידערקן אָנצוגרייטען אויף דעם טאָג פון משפּט אַ פּאַפּיר, אַז ער גיבט איבער דאָס משפּט דעם מליץ וואָס וועט בעקומען אין האַנד אַרײַן דאָס פּאַפּיר. און דער מליץ וועט שוין צו דיר צוקומען אין סאַנד פאַר דעם משפּט. אַ סימן וועסט די האָבן, אַז ער וועט געהן אָנגעטוהן אין אַ ווײַס היטעל מיט רויטע הענטשקעלעך, זאָלסט דו באַלד עם איבערגעבן דאָס פּאַפּיר אין האַנד אַרײַן. אויך זאָלסט די עם איבערגעבן די אַלע קוויטלעך וואָס דו האָסט גענומען פון מענדיל=ב׳ אויף די געלדער וואָס די האָסט עם עטליכע מאָהל געבאָרגט אויף גמילת חסד. און אַ צוויי עדות זאָלסט דו אויך צו שטעלן, וואָס זאָלן זאָגן עדות, אַז דו האָסט געלאָזט מענדילע=ב׳ אַרויסוואַרפן, בעוויַל ער האָט ווײַטער געפאָדערט פון דיר געלט, אײדער ער האָט געהאַט בעצאָהלט די ערשטע חובות. נאָהך דעם וועט שוין דער מליץ וויסען וואָס צו טענה׳ן פאַר דיר. מענדילע=א׳ האָט באַלעהגט די דרײַ הונדערט רובל. דער שפּאָלער זיידע האָט עם געבענטשט און ער איז אַהיים געפאָהרען.

אוף דער צווייטע וואָך איז געקומען אַ פּאַפּיר פון די רומענישא רעגירונג מיט אַ פאָדערונג צו דער אָרטיגער רעגירונג פון קעשינוב. אַז אויב די רוסישע רעגירונג וויל נישט צו שטעלן דעם פעברעכער קיין יאַססי. זאָל מען חאָטש דעם פעברעכער אַרעסטירען ביז צו דעם טאָג פון משפּט, אדער ער זאָל פאַר זיך לעהגען קאָלסיע צעהן טויזענד רענדלעך, דאַן זאָל מען עם לאָזען פרײַ ביז צום משפּט. די רוסישע רעגירונג האָט נישט געקאָנט די פאָדערונג אָבזאָגען, און זי האָט צו געשיקט צו מענדילע=א׳ ער זאָל באַלעהגען די קאָלסיע, און אויב נישט מוז ער אַרעסטירט ווערען ביז צום טאָג פון משפּט. מענדילע=א׳ האָט די קאָלסיע באַלעהגט, און ער האָט דאָס אויך געפּועל׳ט אַז דער משפּט זאָל זײַן אין דעם טאָג פון פּורים, און ביז צו דעם טאָג פון משפּט זאָל ער זײַן פרײַ

פיער וואָכען פאַר פּורים איז צוגעשיקט געוואָרען פון קעשינובער סאַנד דער בעשולדיגונגס=אַקט צו מענדילע=א׳, ער זאָל וויסען גענוי אין וואָס די רומענישע רעגירונג בעשולדיגט עם. צו דעם אַקט צו איז באַלד אויך מיט געקומען

בעקומען נאָך אַ פּאַפּיר, אַז ער ווערט איינגעלאַדען צום משפּט אויף דעם בעשטימטען טאָג. דעסט גלייכען איז צו געשיקט געוואָרען אַ פּאַפּיר קיין יאַססי, ווען דער משפּט וועט זיין, און אַז די רומעניעשע רעגירונג זאָל צו שטעלען צו דעם בעשטימטען טאָג איהר'ם אַ פּראָקוראָר מיט איהרע עדות. ווען די צייט פון משפּט האָט אָנגערוקט, און עס איז שוין גיוועזען נאָהנט צו פּורים, האָט מענדילע=א' געשיקט פּליטסינג אַ מענש קיין שפּאָלי. ער זאָל דאָרט זיין שוין איבער פּורים, און ער האָט עס מיט גיגעבען אַ קוויטל מיט אַ שעהנעם פּדיון פאַר דעם צדיק, און אויסער דעם האָט ער עס מיט גיגעבען אַ שעהנע מטבע צו צוטהיילען מתנות לאביונים, דאָס אַלץ האָט מענדילע=א' בעהייסען געבען דעם שפּאָלער זיידען, ער זאָל עס צוטהיילען אָרימע לייט. דער שפּאָלער זיידע האָט געהאַט אַזאַ בעהאַלטענעם דרך. אַז ווען ער האָט געוואָלט פּועל זיין אין הימעל עפּעס אַ גרויסע ישועה אויף דער וועלט, סיי פאַר אַ יחיד, און סיי פאַר אַ כלל ישראל, האָט ער דאָס אָבגעאַרבייט אין דעם טאָג פון פּורים. דאָס איז נאָר געווען ביי אַזוי עסק וואָס עס האָט זיך געווענדעט אין אַ ממשלה פון דער וועלט. ער האָט געפלעגט צו מאַכען פאַרשטעלטערס אויף פּורים. אַמאָהל איז עס אויסגעקומען צו מאַכען אַ פּורים=רב, אַמאָהל אַ פּורים=מלך, אַמאָהל אַ פּורים=געגעראַל, און אַמאָהל אַ פּורים=שופט, און די זאַך וואָס ער האָט געוואָלט אויספיהרען, האָט ער פאָרגילעגט פאַר די פאַרשטעלטערס מיט גאַנצע טענות, פונקט גלייך די זאַך וואָלט דאָ טאַקי פאָרגעקומען ווירקליך, און די פערשטעלטערס האָבען אויסגעוויזען מיט פערשידענע טעמים און קלינע שפּיצלעך, אַז עס דאַרף זיין אַזוי און אַזוי, אַלץ לויט ווי אַזוי זיי האָבען פערשטאַנען אַז דער שפּאָלער זיידע פערלאַנגט עס זאָל אַזוי זיין. מען האָט געפּרעגט זעהן שרעקליכע מופתים אין דעם היגזיכט, און גרויסע ישועות האָט געפלעגט דער שפּאָלער זיידע אויס צו אַרבייטען פּורים דאָרך אַזעלכע פאַרשטעלטערס. עס האָט גיפלעגט אַמאָהל זיך טרעפען אַז דער שפּאָלער זיידע זעלבסט איז אויך גיוועזען איינער פון די פאַרשטעלטערס.

אויף דעם פּורים וואָס עס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין קעשינוב דאָס משפּט פון מענדילע=א'. האָט דער שפּאָלער זיידע אויסגעקליבען פון זיינע חסידים קלינע מענשען, און האָט זיי געהייסען זיך פאַרשטעלען אַזוי נאָהך, אַז עס זאָל קאָנען פאָרקומען ביי עס אין שטוב דאָס גאַנצע משפּט פון מענדילע=א'. דעם שטאָדטס רב האָט מען פאַרשטעלט פאַר אַ פּרעזעס. נאָך צוויי חסידים האָט מען פאַרשטעלט פאַר צוויי ריכטער, וועלכע מען האָט אַנידערגעזעצט איינעם ביי די רעכטע האַנד פון פּרעזעס. אין דעם צווייטען ביי די לינקער האַנד. איין חסיד האָט מען אַביסעל איינגעריסט מיט סאַדזשע דאָס פּנים, ער זאָל אויסזעהן ווי אַן אַרמיענער, און מען האָט עס פאַרשטעלט פאַר אַ פּראָקוראָר. דער שפּאָלער זיידע זעלבסט האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מליץ. דאָס שטרייטעל האָט מען עס איבערגעצוינען מיט אַ ווייסע זיידענע פערטשייליע, און אויף די הענד האָט ער אָנגעטוהן רויטע הענטשקילעך.

[די אנדערע העלפט מעשה זעה אין צווייטע טייל]

נאָך צוויי חסידים האָבען זיך פאַרשטעלט, איינער זאָל זיין אויף דעם אָרט פון מענדעלי=א׳, און איינער זאָל זיין אויף דעם אָרט פון דעם מסור מענדילע=ב׳ נאָך צוויי חסידים האָבען זיך פאַרשטעלט זיי זאָלען זיין אויף דעם אָרט פון מענדילע=א׳ס עדות, אַז זיי האָבען גיזעהן ווי מען האָט דעם מסור אַרויסגעוואָרפען׳ דער משולח וואָס מענדילע=א׳ האָט אַהער געשיקט אויף פורים, איז אויך אַריינגעריפען געוואָרען אין דער שטיב אַריין. עס האָט מען פאַרשטעלט פאַר אַ שרייבער. בסך הכל איז גיוועזן אין דער שטיב צעהן מענשען, ווייטער האָט מען קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. אַז דער קאָמפּלעט איז שוין גיוועזן פערפילט, האָט אָנגעהויבען דאָס משפט פאָרצוקומען פונקט אַזוי ווי אין סאָנד. דער פּרעזעס האָט פאָרגעלייענט דעם בעשולדיגונגס=אַקט, נאַכהער האָט דער שוואַרצער פּראָקוראָר געטענה׳ט פאַר דער רומעניעשער רעגירונג. אָבער עס איז אַלע מאָהל געוואָרען אַ גרויס גילעכטער פון דעם פּראָקוראָר, און אַלע האָבען פון עס ליצנות געמאַכט. דער מסור האָט זיך אויך אָבגעזאָגט דאָס זיינינע. דערנאָהך האָבען די צוויי עדות געזאָגט, אַז זיי ווייסען אַז דער מסור האָט געפלעגט אַלע מאָהל קומען באָרגען געלד פון דעם מענדילע א׳, וועלכער האָט עס נישט פאַרזאָגט, בעוויל זיי זענען אין די יונגע יאָהרען געוועזן ליבליכע חברים, און האָט עס געבאָרגט אויף גמילת חסד אָהן שום פּראָצענט, נאָר דאָס לעצטע מאָהל האָט דער מסור ווייטער פערלאַנגט אַ גרויסע הלואה. איז שוין דער מענדילע=א׳ אַרויס פון געדולד און האָט צו עס געזאָגט. היתכן די האָסט נאָך מיר קיין איין חוב נישט געצאָהלט, ווי אַזוי קאָנסט דו שוין ווייטער פערלאַנגען אַזוי פיעל געלד. דאָרך דעם איז אַרויסגעקומען צווישען זיי אַ מחלוקת, האָבען מענדילע א׳ס משרתים געחאַפּט דעם מסור און האָבען עס אַרויסגעוואָרפען אַזוי ווי אַ כלב האָט ער געשריגען אַז ער וועט שוין ווייסען ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין. דערנאָהך האָט דער פּרעזעס געפּרעגט דעם שפּאָלער זיידען אַלס מליץ. וואָס ער האָט עפּעס מלמד זכות צו זיין אויף דעם בעשילדיגטען.

דאַן האָט דער שפּאָלער זיידע אָנגעהויבען מסדר צו זיין פאַר די ריכטער זיין מליצה, מיט זעהר אַ שעהנע און אַ קלוגע רעהדע. ער האָט זיי אויפגעקלעהרט אַז דאָס איז נאָר אַ פאַלשער בלבול וואָס דער מסור זעלבסט האָט אויסגיקלעהרט, כדי זיך נוקם צו זיין אין דעם מענדילע=א׳, בעוויל ער האָט עס שוין פאַרזאָגט פון געלד באָרגען, און האָט עס דערצו מכבד גיוועזן מיט אַוואָרף אַרויס. אויך האָט דער מליץ גינעבען צו פאַרשטעהן, אַז דאָס איז נאָר נישט קיין פעסטער גרונד צו גלויבען די גאַנצע מעשה פון דעם זעלנער אַז ער האָט דאָס קעסטילע רענדלעך גענגב׳ט און האָט עס בעהאַלטען אין דער פוסטקא. דאָס זענען מיר שוין גוט פּראַקטעקירט, אַז דאָס וואָס אַ מענש איז מודה דורך יסורים, איז אויף דעם גאָר נישט קיין פעסטע זאַך צו שטעלען, געבער קאָן זיין אַז דער זעלנער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטען די יסורים פון שמייסען, האָט ער זיך מיישב געווען, אַז עס איז עס גלייכער איינמאָהל געהרג׳ט צו ווערן, איידער צו ליידען אַזוי לאַנג אַזעלכע מערדערישע

שמערצען. נאָך אַ פּאַקט האָט דער מליץ אויפגיקלעהרט פאַר די ריכטער אַז דאָס איז אויך שווער צו גלייבען דעם מסור׳ס רייד, אַז פּונקט ווען דער גנב האָט בעהאַלטען די גנבה, איז מענדילע=א׳ דאַמאָלס געווען אין דער פּוסטקא אין מיטען די נאַכט. וואָרען דאָס איז בעוואוסט אַז אידען גלויבען אַז עס געפינען זיך שדים און מזיקים, און אַז אַמיינסטענס האַלטען זיי זיך אויף אין די פּוסטקעס און אויף אַלע אומרייניגע ערטער. נו ווי אַזוי קאָן דאָס דער גלייכער פערשטאַנד צו לאָזען אין קאָפּ אַריין, אַז דער מענדילע=א׳, וועלכער לויט ווי מען זעהט איז ער אַ פּשוטער פרומער איד, האָט געזאָלט אין מיטען די נאַכט אַריין געהן אין אַ פּוסטקע אריין צוליעב קיין שום נויטיגע זאַך נישט. אַלזאָ ווייזט זיך אויס פאַר יעדען פערשטענדליכען מענש, אַז די גאַנצע מסירה איז נאָר אַ פאַלשער בלבול, וואָס דער מסור האָט אויסגעטראַכט, כדי זיך נוקם צו זיין אין דעם איד. בעווייל ער האָט עס שוין מעהר נישט געוואָלט באָרגען קיין געלד, און האָט נאָך געלאָזט עס אַרויסוואַרפען אויך. האָט זיך אַלזאָ ביי דעם מסור צופלאַקערט צוויי פייערען איינס פון קנאה, בעוויל זיי זענען געווען אין די יונגע יאָהרען צוויי חברים אָרימע קינדער, און היינט וואַקסט דער מענדיל=א׳ אַרויף, און דער מסור וואַקסט אַראָב, איז די קנאה אויף עם זעהר גרויס. אַצינד האָט זיך צו דעם פייער צופלאַקערט דאָס צווייטע פייער פון נקמה, איז נאָר קיין חידוש נישט וואָס דער מסור האָט אויסגעטראַכט אויף עם אַזוי בלבול. בעוויל די אידען זענען בטבע זעהר שטאָלציג, און אַז אַ איד פערלעהגט זיך אויף וועמען זיך נוקם צו זיין אין עם, קאָן ער אָנשרויפען אַ זעלכע זאַכען וואָס קיינער איז נישט אין שטאַנד דאָס צו בעווייזען, איך וועל אייך, קליגע ריכטער, דערצעהלען אַ מעשה, וועלכעס האָט נישט לאַנג פּאַסירט אין פּוילען, וועט איר שוין פאַרשטעהן וואָס אַ איד קאָן טוהן צוליעב נקמה.

געוויס איז אייך בוואוסט די נאַטור פון די פּוילנישע שלאַכטעס, אַז ווען זיי האָבען זיך נאָר צוזאַמען אַמאָהל געפרייד אויף אַ באַל, איז ביי זיי דאָס גרעסטע פערגעניגען געווען צו מאַכען אַ טיאַטער מיט גרויס געשפּאָט פון עפּעס אַ אידעל, וואָס זיי זענען נאָר געווען בכח צו הערשען איבער עם. און פיעל מאָהל פערלויפט זיך אויך אַז זיי פלעגען וועלכען איד אָנטוהן גרויסע שמערצען, און זיי האָבען געלאַכט און געהאַט גרויס פערגעניגען דערפון, פּונקט אַזוי ווי די קאַטץ שפּילט זיך מיט דעם מייזעל איידער זי דערווערגט עם. האָט זיך פערלאָפען אַזוי מעשה. אַ פּוילישער שלעכטשיץ איז צוריק אַהיים געפאָהרען פון אַ גרויסען באַל, ווי ער איז געווען פערבעהטען צו אַנ׳אַנדערען שלעכטשיץ, זיינם אַ גוטער פריינד. ווי געוועהנליך האָבען זיי זיך גוט געוויילט אויף דעם באַל. אַ אידעל פאַר אַ קרבן צו מאַכען פון עם אַ טיאַטער האָבען זיי געהאַט. קיין שאָמפּאַנער וויין האָט אויך דאָרט נישט געפעהלט, אַזוי אַז דער שלעכטשיץ וואָס איז דאָ אַהיים געפאָהרען, איז נאָך געווען גאַנץ גוט בשמחה׳דיג פון דעם שאָמפּאַנער. דער פאַן האָט דערזעהן אויפ׳ן וועג, ווי אַ אידל פיהרט אַ קעלבעל אויף אַ שטריקעל. האָט דער פאַן

געהייסען

געהייסען שטעלען זיך מיט די קאַרעטא. כדי צוזאַכען פון דעם אידער עפּעס אַ געשפּאַט. אַז דאָס אידעל מיט דעם קעלבעל זענען פערביי געגאַנגען פאַר זיין קאַרעטא. האָט דער פּאַן צונעריפען דעם איד און האָט עם געפרעגט. „וואָס פיהרסטו דו דאָ״? דאָס אידעל האָט זיך אַ בויג איין געטוהן און צווייען. צו נייגען זיך פאַר דעם פּאַן, און האָט עם גיענטפערט. „יאַשניע וויעלמאָזני פּאַניע! אָט פיהר איך אַהיים פון יעריד אַ קעלבעל צום שחט׳ן, אפשר וועל איך פערדינען עטליכע גילדען אויף שבת״. דער פּאַן האָט אָנגעהויבען צו שרייען אויף דעם אידעל. „אַבאָ טאָ טשעליע! אַריטש טאָ פּיעס״! דאָס איז טייטש, איז דען דאָס אַ קאַלב! דאָס איז דאָך גאָהר ך׳ ונד״! דאָס אידעל ניט זיך וויטער אַ בויג איין אין צווייען פאַר דעם פּאַן, זאָגט און האַפּט אַראָב זיין היטעל פון קאָפּ, און הויבט זיך אָהן צו פאַרענטפערען. „זייט מיר מוחל. יאַשניע וויעלמאָזני פּאַניע! איך בעהט זעהר איבער דעם יאַשניע וויעלמאָזני פּאַניע! אַבאָ טאָ פּיעס! אַדיטש טאָ טשעליע״! דאָס איז טייטש. איז דען דאָס אַ הינד! דאָס איז דאָך אַ קאַלב! דער פּאַן הויבט אָהן צו קריטצען מיט די ציין, און שרייט נאָך העכער מיט געבייזער אויף דעם אידעל. די פערפלוכטער זשידעק! די פאַרשיווי זשידעק! וואָס פאַר אַ העזה האָסט דו צומאַכען מיך פאַר אַ ליגנער! מיט דעם פּאַן איז געפאָהרען אַ לאָקיי „יאַנטעק״ און אַ פערד־שטייסער „וואַלעק״. דער פּאַן האָט באַלד אַ געשריי געטוהן. „וואַלעק! יאַנטעק! וואַליי דאָ ראָבאָטי״! אַראָב! און נעמט איהך צו דער אַרבייט! די לייט ווייזט אוים זענען שוין געווען גילערענט דערצו, און האָבען באַלד פערשטאַנען וואָס דער פּאַן זייערער מיינט. זיי האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דעם אידעל ווי די וועלף אויף אַ שעפּסעל, האָבען עם אויסגעצויגען אויף דער ערד, און דער פּאַן זעלבסט איז אויך אַראָב און האָט קאָמאַנדירועט. „וואַלעק נאַ קאַרג, יאַנטעק נאַ נאָגאַח״. איינער זאָל זיך אַרויפזעצען אויף דעם אידעלס קאַרג, דער צווייטער אויף די פיס און דער פּאַן האָט אַרויסגענומען פון די שטיוועל אַ ראַפּניק און האָט אָנגעהויבען אין דעם אידעל אַריינצושניידען, אַזוי ווי אין אַ קרויט, און ביי יעדען שמיץ האָט דער פּאַן אַ געשריי געטוהן. „אַבאָ טאָ טשעליע! אַדיטש טאָ פּיעס״! און דאָס אידעל וויטער האָט מיט אַ פערשטיקטע שטימע צוריק געשריגען „אַבאָ טאָ פּיעס! אַדיטש טאָ טשעליע״! דער פּאַן האָט אַזוי לאַנג געשניטען. ביז דאָס אידעל איז געוואָרען גוט בעגאָסען מיט בלוט, און האָט שוין גישט געהאַט קיין כח צוריק צו ענטפערען קיין וואָרט דעם פּאַן. דערנאָהך האָבען זיי אָבגעצויגען פון דעם איד די קאַפּאָטאָ, און האָבען זי אָנגעטוהן אויף דעם קאַלב. די צוויי אַרבעל האָבען זיי אָנגעטוהן אויף די פעדערשטע צוויי פיסלעך פון קאַלב, און אויפ׳ן ריקען פון קאַלב האָבען זיי די קאַפּאָטאָ פאַרקנעפּעלט. די צוויי לאַנגע פּאות פון דעם איד האָבען זיי אָבגעשניטן. דעסט גלייכען די פיער ציצית וואָס האָבען ביי דעם איד נאָכגעהאָנגען, האָבען זיי אויך אָבגעשניטען, און זיי האָבען די צוויי פּאות צוגעבינדען צו די צוויי אויערען פון קאַלב מיט די פעדעם פון די ציצית,

דאס

דאָס היטעל פון דעם איד האָבען זיי אויך אָנגעטוהן אויף דעם קאָפּ פון קאַלב, און האָבען עס פערבינדען מיט דירעשט פעדעם פון די ציצית, ס'זאָל זיך גוט האַלטען אויפ'ן קאָפּ. נאָהך דעם האָט דער פּאַן געזאָגט צו זיינע צוויי חברה=ליַיט, אַז דאָס קאַלב זאָל הייסען „מאָשקאַ״. און מען זאָל דעם מאָשקאַ אַהיים נעמען. יאַנטעק און וואַלעק האָבען דאָס קאַלב אַריינגעשטעלט אין די קאַרעטאָ. און זיי האָבען זיך אַלע אויפגעזעצט און זענען אַוועק געפאָהרען זעהר פריילינ. און דאָס צופּלטע אידעל איז זיך אַזוי געבליבען ליגען אויף דער ערד, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין כח אַפילו אויפצוזעצען זיך. אַז דער פּאַן האָט אַהיים געבּרענגט די מציאה איז געוואָרען אין גאַנצען הויף אַ שמחה. און אויף דער צווייטע וואָך האָט וויטער דער פּאַן געדאַרפט מאַכען אַ באַל, האָט ער אויף דעם באַל געמאַכט אַ טעאַטער פון דעם קאַלב=מאָשקאַ. אַלע געסט האָבען געפּאַטשט בראַוואָ פאַר שמחה. און יעדער האָט געמיזט זאָגען אַן אַנדער ליצנות איבער דעם קאַלב=מאָשקאַ, וועלכעס די מיינונג זייערע איז געוועזן אָב צו שפּאָטען פון גאַנצען פאָלק אידען.

דאָס געשמיסענע אידל האָט דעם פּאַן גאַנץ גוט געקאָנט, אָבער דער פּאַן האָט דאָס אידעל נישט געקאָנט. דער איד איז אַזוי געלעגען אין ביטערע שמערצען עטליכע שעה אויפ'ן וועג, ביז עס זענען אַדאָרך געפאָהרען דאָרט פוהרען מיט מענשען, האָבען זיי זיך דערבאַרעמט איבער דעם איד, האָבען עם אויפגעלעגט אויף אַ פוהר און זענען מיט עם געפאָהרען אין זיין שטעדטעל אַריין. דאָרט האָט מען דעם איד אַריינגעטראָגען אין זיין וואָהנונג מען האָט עם אָבגעוואַשען און פערבאַנדעזירט. זיין וויב און קינדער האָבען זעהר שטאַרק געוויינט אויף עם קוקענדיג. ער האָט אָבער קיין כח נישט געהאַט אַפילו צו זאָגען זיי וואָס מיט עם איז עפּעס געשעהן. דער קראַנקער איד איז אַזוי אָבגעלעגען אַ גאַנצען חודש אין בעט. אויף דעם צווייטען חודש האָט ער שוין אָנגעהויבען קוים אַרום צו קריכען, און עס האָט אַזוי געדויערט גאַנצע צוויי חדשים ביז דער איד איז פעליג געזונד געוואָרען. דער איד האָט פערמאָגט צוויי זיהן און צוויי איידעמס יונגעלייט. וועלכע זענען נישט געוועזן קיין נאַראָנעם און נישט קיין בטלנים, דערצו זענען זיי געוועזן שטאַרקע יונגעלייט. עס האָט אין זיי געבּרענט אַ פייער פון נקמה ווען זיי האָבען זיך דערוויסט וואָס מיט זייער פאָטער איז פאָרגעקומען. און זיי האָבען די גאַנצע צייט נאָר געקלערט פלענער, ווי אַזוי זיי זאָלען זיך אין דעם שלאַכטשיץ נוקם זיין.

---

## דאָס איז געוועזן די ערשטע נקמה

איין יונגער מאַן פון דעם געשמיסענעם אידס זוהן, האָט זיך אָנגעהויבען צוזדרעהן ביי דעם שלאַכטשיץ, אויסגעבענדיג זיך אַלס מעקלער פון וואַלד פערקויפען. דער שלאַכטשיץ האָט געהאַט אַגרויסען וואַלד, פון וועלכען ער

האט

האט ארויספערקויפט אלע יאהר הונדערט גרויסע און גראבע בוימער, וועלכע דופען זיך בודילצעס. האט דער מעקלער פארגעשטעלט דעם שלאכטשיץ אז ער האט א גוטען סוחר אויף די בוימער. דער שלאכטשיץ האט אויסגעשטעלט א טאג, ווען דער מעקלער זאל קומען צופאהרען מיט דעם סוחר. דער שטייגער פון דעם גישעפט מאכען איז אזוי, אז מען ווערט פארטיג מיט׳ן פרייז, פאהרט ארוים דער שלאכטשיץ מיט דעם סוחר מיט׳ן מעקלער אין וואלד אריין, צום אויסקלייבען און בעצייכענען, וועלכע הונדערט בוימער זענען פערקויפט געווארען צום אויסהאקען. און ווי געוועהנליך קאן מען נישט מיט די קארעטא אריין פאהרען אין וואלד אריין, נאר די קארעטא בלייבט שטעהן פאר׳ן וואלד און די מענטשען געהן אריין טיעף אין וואלד, און מען בעצייכענט די בוימער דאס איז אן ארבייט אויף עטליכע שעה. דער געשמיסענער איד האט זיך פארשטעלט פאר א וואלד סוחר. ער האט זיך געמאכט א גראבען בויך און האט זיך אנגעטוהן שעהנע מלבושים מיט א קאפעלוש אויפ׳ן קאפ. בקיצור עס איז עס נאר נישט געווען צו דערקענען. דער מעקלער מיט דעם סוחר דאס הייסט דער פאטער מיט דעם זוהן זענען געקומען צום שלאכטשיץ מיט׳ן פרייז זענען זיי געווים באלד פערטיג געווארען, דער שלאכטשיץ האט אויפגענו־מען אויף זיין קארעטא דעם סוחר מיט׳ן מעקלער, און זענען געפאהרן אין וואלד אריין בעצייכענען די בוימער. ווען זיי זענען שוין געווען טיעף אין וואלד האט זיך דער פאטער מיט דעם זוהן פלוצלונג ארויפגעווארפען אויף דעם שלאכטשיץ, אזוי אז ער האט נישט אויספייעט קיין געשריי צו טוהן. זיי האבען עס באלד דעם קאפ מיט׳ן מויל גוט פערבינדען, נאכהער האבען זיי עס צוגעבינדען שטעהנדיגערהייט צו א בוים, די אויבער מלבושים האבען זיי פון עם אראבגע־צויגען, און דער סוחר האט ארויסגעצויגען א גאנץ גוטען ראפניק פון דעם שטיוועל, און האט אנגעהויבען אריינצושניידען אין דעם שלאכטשיץ גאנץ פעסט, אזוי שטייגער ווי דער שלאכטשיץ האט עס געשניטען. דער חילוק איז נאר געווען אז דער שלאכטשיץ האט דאמאלס געשריגען ביי דעם שלאגען. אבא טא טשעליע! אדיטש טא פיעס״! און דער איד האט אצינד געשריגען ביים שלאגען. „יאשניע וויעלמאזני פאניע! אבא טא פיעס! אדיטש טא טשעליע״! דער איד האט געשניטען אזוי לאנג ביז דאס בלוט האט שוין גוט גערינען פון דעם שלאכטשיץ. נאך דעם האבען זיי ביידע, דער סוחר מיט דעם מעקלער געמאכט פלטה, און זענען ארוים פון וואלד דארך א נאנדערע זייט ווי זיי זענען ארויסגעקומען אויף א וועג און זענען זיך אהיים געפאהרען:

דער פערד־שמייסער, וועלכער איז געשטאנען פאר׳ן וואלד מיט די קארעטא. האט זיך דערוויל אביסעל גילעגט שלאפען נעבען די קארעטא אונטער׳ן שאטען פון די בוימער, און איז אזוי גאנץ גוט געשלאפען ביז פארנאכט אז ער איז אויפגעקומען און האט גיזעהן אז עס איז שוין אזוי שפעהט, האט ער זיך שטארק פערוואונדערט וואס דער פאן איז נאך נישט דא צוריק. ער האט אבער נישט געוויסט וואס צו טוהן, זאל ער אריינלויפען טיעף אין וואלד אריין זוכען דעם פאן, האט ער ווייטער מורא געהאט מען זאל דא נישט דערוויל

צו גנב'ענען די פערד. ער איז אַריינגעגאַנגען אַביסעל אין וואַלד אַריין נישט ווייט, און האָט אָנגעהויבען צו שרייען און צו רופען. אָבער אויסער זיין אייגען ווידער־קול האָט ער גאָר נישט גיהערט. דער שטיסער האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז עפּעס נישט קיין פּשוט'ע זאַך, איז ער באַלד אַהיים געפאָהרען און הויף אַריין און האָט די זאַך בעשאָלדען. אין הויף איז געוואָרען אַ גרויסער רעש, עס האָבען זיך באַלד געלאָזט אין וואַלד אַריין עטליכע רייטער מיט גיוועהר אָבזיכען זייער פּאַן. זיי האָבען לאַנג געזיכט ביז זיי האָבען דערהערט עפּעס אַ קול פון קרעכטצען, אַזוי נאָך האָבען זיי געפונען זייער פּאַן אין אַ פינצטערע לאָנע, אַז ער האָט שוין קוים געזיפּיעט. זיי האָבען עם אויפגעבינדען. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין כח צו געהן אויף די פיס, האָבען זיי עם אַרויפגע־לעגט אויף אַ פערד און זענען מיט עם אַהיים געריטען, מען האָט עם אָנגעהויבען צו ראַטיווען אָבער דאָך איז ער נישט אינשטאַנד געווען צו דערצעהלען וואָס דאָ איז גישעהן. הערשט דעם צווייטען טאָג האָט ער שוין קוים געקאָנט דערצעהלען וואָס מיט עם האָט זיך פּאַסירט, און האָט פערשטאַנען גאַנץ גוט אַז דאָס האָט עם אָבגעטוהן דער פערפלוכטער זשידעק, דער פּאַרשיווי זשידעק אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טוהן. ער האָט קיין עצה נישט געהאַט, האָט ער פערשטאַנען אַז דער קלאַפּ איז פערפאַלען, און האָט געמוזט שווייגען. עס פערשטעהט זיך, אַז כדי צו היילען זיך, האָט דער שלאַכטשיץ געמוזט שיקען אַלע מאָהל נאָך אַ דאָקטאָר. אָבער נישט אַזוי גיך איז ער געגצליך געהיילט געוואָרען.

---

## די צווייטע נקמה

עס זענען פערביי געלאָפען עטליכע חדשים און דער שלאַכטשיץ האָט שוין אָנגעהויבען אַביסעל צו בעקומען זיינע קרעפטען, און האָט שוין אָנגעהוי־בען אַרום צוקריכען אין דרויסען, און אַזוי אַלע מאָהל מעהר און מעהר איז דער שלאַכטשיץ געזונדער געוואָרען אַז ער האָט שוין געקאָנט אַרום געהן ווי אַלע מענשען, אָבעראיינגאַנצען געזונד ווערען האָט ער נאָך ניט געקאָנט, בעווייל פון גרויס קרענקונג און באָזט, וואָס ער האָט אַרום געטראָגען אין הערץ אויף דעם איד, איז ער קראַנק געוואָרען אויף די נערווען. און האָט נישט געקאָנט רוהען און נישט שלאָפען. ער איז נאָר אַרומגעלאָפען הין און צוריק, און האָט געשעפטשעט מיט'ן מויל שטילערהייט די ווערטער. „אָ וואַ! אָ וואַ! אַזאַ פער־פלוכטער זשידעק! אַזאַ פּאַרשיווע זשידעק! זאָל מיר קאָנען אַזוינס אָבטוהן"! אָבער דאָס אידעל האָט אויך נישט גערוהט איבער די גאַנצע צייט. און איז אויך אַזוי אַרום געלאָפען הין און צוריק און האָט מיט'ן מויל שטילער הייט גשעפּטשיט. „אָ וואַ! אָ וואַ! דער יאַשני וויעלמאָזני פּאַן מיינט אַז ער איז שוין מיינע פּטור! יאָ טאַקי איך האָב עם שוין צוריק געשלאָגען, אָבער פאַר דעם קאָלב וואָס ער האָט ביי מיר צו געגזל'ט, האָב איך דאָך זיך מיט עם נאָך נאָר נישט

אָפּגעריבענט. איך האָב דאָך בעצאָהלט דערפאַר מזומן געלד, נו זאָל דער גרויסער פאַן מיר נישט בעצאָהלען כפל כפלים, ווי פיל דאָס קאַלב האָט מיך געקאָסט"? דער זייד האָט בסוד געשיקט אַלע מאָהל געוואָר ווערען וואָס מען הערט ביי דעם שלאַכטשיץ. און אַז ער איז געוואָר געוואָרען, אַז דער שלאַכטשיץ איז שוין צו זיך געקומען מיט'ן כח, האָט שוין דער זייד אויס געאַרבייט אַ נייעם פּלאַן פון אַ נקמה. אַזוי ווי דער זייד האָט געהאַט איין אייִדעם אַ פעלדשער האָבען זיי זיך אָנגעגרייט אַלע דאָקטאָרסקע זאַכען וואָס מען ברויך אויס צו פיהרען דעם פּלאַן. דער זייד האָט זיך דאָס ווייסע בערדעל אָנגעפאַרבט אויף שוואַרץ, און דורך אַפּאַריק האָט ער אויך זיך געמאַכט אַלענגערע און אַ ברייטערע באָרד, מיט געקרייזעלטע לאַנגע שוואַרצע לאָקען אויפ'ן קאָפּ אַרום און אַרום. בקיצור דער זייד האָט אויסגעזעהן טאַקי ווי אַ רעכטער פּראָפעסער. דעם אייִדעם האָט ער איינגעריכטעט ער זאָל אויס זעהן ווי אַ גויעשער פעלדשער וויי האָבען זיך געדינגען אַ קאַרעטא מיט טייערע פערד. איין זוהן האָט ער אָנגעטוהן מלבושים פון אַ רייכען גרויסאַרטיגען פערד=שמייסער. זיי אַלע דריי זענען געפאָהרען אין דעם דאָרף אַריין פון דעם געשטיסינעם שלאַכטשיץ, און זענען פערפאָהרען פאַר די קרעטשמע פאַשען די פערד. דאָרט האָבען זיי זיך אָנגענומען אַ בעזונדער שטיבעל אַלץ גרויסאַרטיג. דער בעזיטצער פון דער קרעטשמא איז געוועזען אַ גוי. ער האָט זיך באַלד געפרעגט. ווער דער רייכער גאַסט איז. האָבען זיי עם געזאָגט אַז דאָס איז דער גרויסער פּראָפעסאָר פון ווינא, וועלכער איז אַהער גערופען געוואָרען צו אַ רייכען פּריץ, וואָס וואָהנט אין דעם געגענד צוליעב אַ שווער שלאַפקייט. וויל זיך דער פּראָפעסער דאָ אַ צוויי שעה אָפּרוהען אַביסעל. דער קרעטשמער האָט ליב געהאַט זיין פּריץ. און איז באַלד געלאָפען אין הויף אַריין געבען אַ ידיעה אַז דאָ פאָהרט אַדורך אַזאַ גרויסער פּראָפעסער, כדי מען זאָל עם פאַר בעהטען צום פּריץ. מען האָט טאַקי באַלד געשיקט דעם לאָקיי נאָך דעם פּראָפעסער, אָבער מען האָט עם נאָר נישט אַריינגעלאָזט. נאָר דער פעלדשער איז אַריינגעגאַנגען דאָס באַמעלדען, און האָט אַרויסגעבראַכט אַ תשובה, אַז דער פּראָפעסער האָט קיין כח נישט און עם גליסט עם נישט דאָ אָב צו שטייגען אויף אַ וויזיטאָ. דער לאָקיי איז געלאָפען זאָגען דעם ביטערען ענטפער, איז באַלד געקומען די פּריציטע זעלבסט מיט נאָך הויף=מענשען, און זי האָט געוויינט פאַר דעם פּראָפעסער ער זאָל רחמנות בעקומען, און פאָהרען אויף אַ וויזיטאָ אין הויף אַריין צו איהר מאַן. האָט דער פּראָפעסער געזאָגט, אַז מען וועט עם אַנידער לעהגען פופציג רובל וועט ער מאַכען די וויזיטאָ. זיין פערלאַנג איז באַלד ערפילט געוואָרען. מען האָט געשפּאַנט די פערד און זיי זענען אַריין געפאָהרען אין הויף אַריין.

דער פּראָפעסער מיט דעם פעלדשער זענען אַריינגעגאַנגען צום קראַנקען שלאַכטשיץ. זיי האָבען מיט זיך באַלד מיטגענומען דאָס קעסטעלע מיט די דאָקטאָרסקע כלים. דער פּראָפעסער האָט בעהאָרכט און בעטאַפּט דעם קראַנקען פון אַלע זייטען, דעם דפק אויך גוט בעטראַכט, טאַקי ווי אַ גרויסער

פּראַפּעסער

פראפעסער. נאהך דעם האט ער געזאגט צו די פריצטע, אז זי מעג זיך בערוהיגען, ער ווייסט שוין ניט די קראנקהייט. און ער וועט נישט אוועק פאהרען ביז דער פריץ וועט גוט שלאפען. נאר אזוי ווי ער דארף קודם כל צו שטעלען דעם פריץ ביינקעס און אויס צו שמירען דאס גאנצע לייב וועט דער פריץ מוזען ליגען נאקעט בערך א שעה, אלזא בעהט ער אז אלע זאלען פון דער שטיב ארויסגעהן נאר ער מיט'ן פעלדשער זאלען בלייבען. ער האט געהייסען מען זאל א ריינגעבען וואדעם וואסער, און האט די טיהר אב געשלאסען. נאהך דעם האט ער ארויסגענומען פון קעסטעלע א פלעשילע מעדיצין, אין וועלכען עס איז געווען אריינגעמישט שלאף־געטראנק, און האט איינגעגעבען דעם קראנקען עטליכע לעפעל, ביז דער קראנקער איז גוט אנטשלאפען געווארען, אזוי אז מען האט שוין געקאנט פון עם שטיקער שניידען און ער זאל זיך נישט ריהרען. זיי האבען זיך באלד גענומען צו דער ארבייט, קודם האבען זיי מיט געהאט א שווארצע פארב זעהר א שטארקע, מיט וועלכע זיי האבען אנגעשריבען ביי דעם קראנקען אויפ'ן בלויסען לייב פון פארענט אויף דער ברוסט די ווערטער. „יאשניע ווועלמאזני פאניע! אבא טא פיעס? אדיטש טא טשעליע"! נאהך דעם האבען זיי עם אנגעשטעלט אויף די פלייצעס פיל און פיל מיט ביינקעס, ווי פיעל עס האט נאר געקאנט ארויף. זיי האבען דעם קראנקען צו גידעקט אזוי, אז מען זאל גאר נישט אנזעהן אז ער האט נאך אויף זיך ביינקעס. עס האט זיך אויסגעוויזען, אז דער קראנקער שלאפט גאנץ האסטיג, און זיי זענען זיך נאהר פאמעליך און שטילער הייט ארויסגעגאנגען אין דער פאדער שטיב, און האבען געוויזען די פריצטע ווי שעהן דער פריץ שלאפט שוין. דער פראפעסער האט אנגעזאגט אז מען זאל די טיר פאטיעהלעך און שטיל פערמאכען, און קיינער זאל זיך נישט דערוואגען אריין צו געהן, כדי מען זאל דעם קראנקען נישט איבער־וועקען. ביי דעם האט דער פראפעסער גיגעבען די פריצטע א פלעשילע, און האט געזאגט אז פון דעם זאל מען מארגען דעם קראנקען איינגעבען א לעפעל אלע שעה. און ער האט מבטיח געווען, אז דער קראנקער וועט שוין זיין געזינד. פאר דעם פלעשעלע האט זיך דער פראפעסער געהייסען בעצאהלען דריי רובל דעם פעלדשער פאר זיין טרחא אויך דריי רובל. מען האט זיי ארענטליך בעפרידענט, און זיי זענען באלד אוועקגעפאהרען ווען עס איז שוין געוועזן גוט פינצטער. זיי האבען געמאכט פלטה מיט זייער קארעטא נאהר אויף אנאנדערען וועג, בעוויל זיי האבען מורא געהאט מען זאל זיי נישט באלד נאכיאגען. און זיי זענען זיך גאנץ רוהיג אהיים געפאהרען.

גאנץ פריה אזוי ווי עס האט נאר אנגעהויבען עפעס ליכטיג צו ווערען, האט שוין דער פריץ אנגעהויבען צו שפירען אלע מאהל מעהר און מעהר עפעס א גרויסע וועהטאג אויף די פלייצעס פון די ביינקעס, וואס זיי זענען אזוי לאנג געשטאנען. זיי האבען אנגעצוינען פיעל בלוט, וועלכעס איז געווארען פערגליווערט. און דאס פלייש איז אינוועניג פערשוואלען געווארען. דער קראנקער איז אויסער דעם געוועזן נאך אביסעל צומישט פון דעם שלאף־

נעטראנק

געטראַנק, און האָט גאָר נישט גידענקט וואָס מיט עס האָט זיך געטוהן. האָט ער גלאַט אָנגעהויבען צו שרייען און צו מריטשען. און האָט אויך אָנגעהויבען ברעכען. עס איז באַלד געוואָרען אַ גרויסער לאַרעם אין גאַנצען הויף. אַלע האָבען זיך אויפגעחאַפּט אין אַריינגעלאָפען. אָבער ווי ערשטווינט זענען זיי געוואָרען. אַז זיי האָבען גיזעהן ווי די פליציעס זענען פיל מיט ביינקים. זיי האָבען געפּרובט די ביינקעס אַראָב צו רייסען. אָבער עס איז אוממעגליך געווען. בקיצור זיי האָבען געמיזט מיט אַ צוועגנגעל צו ברעכען אויפ'ן לייב די ביינקעס און אַראָבנעמען זיי שטיקלעכווייז. זיי האָבען נישט אַזוי גיך פערשטאַנען וואָס דאָ איז עפּעס גישעהן. אָבער אַז זיי האָבען דערזעהן פאָרענט דעם שוואַרצען אויפשריפט אויפ'ן לייב, דאַן האָבען זיי שוין פערשטאַנען אַז דאָ איז נישט גיוועזען קיין פּראָפעסער, נאָר געווים דער פערפלוכטער זשידעק, דער פאַרשיוועזשידעק פון קאַלב. זיי האָבען אָבער צו דעם קיין שום עצה נישט געהאַט און האָבען געמוזט שוויינען. דער שלאַכטשיץ איז קראַנק געוואָרען אויפסנייען. פיעל דאָקטוירים זענען צו עס געפאָהרען און עס האָט געדויערט נאָהנט פון אַ האַלב יאָהר, ביז דער שלאַכטשיץ האָט שוין געקאָנט גוט אַרום געהן.

---

## די דריטע נקמה

אַזוי ווי דער געשמיסענער איד איז געוואָהר געוואָרען, אַז דער פּאַן ווערט שוין צוריק געזונד, האָט און עס ווידער אָנגעהויבען צו ברענען דאָס פייער פון נקמה. ער האָט אַזוי געזאָגט. „יאָ אמת טאַקי וועגען דעם שלאָגען האָב איך זיך שוין אין עס נוקם גיוועזען. פאַר דעם קאַלב האָט ער מיר אויך שוין גאַנץ גוט בעצאָהלט. אָבער ווי זענען מיינע לאַנגע געקרויזעלטע פּאה'לעך, מיינע ציציות, מיין קאַפּאָטא און מיין היטעל? ווי קאָן איך דאָס עס פערשווייגען!" דער איד האָט צוזאַמען געריפען זיינע צוויי זיהן מיט ביידע איידעמעס און האָט זיי פאָרגעלעגט מען זאָל ווייטער אויסטראַכטען אַ פּלאַן חאָטש נאָך איינמאָהל זיך נוקם צו זיין אין דעם פּאַן. אָבער זיינע קינדער האָבען נישט געוואָלט שוין מיט האַלטען מיט עס. דאַן האָט זיך דער אַלטער אויף זיי אָנגעבייזערט און האָט געזאָגט. „וואָס מיינט איר, טרוסעס! אַז אָהן אייך וועל איך מיר נישט קאָנען קיין עצה געבען? דאָ וועט איר זעהן אַז איך איינער אַליין וועל מיך נאָך בעסער מיט דעם פּאַן אָברעכענען". דער איד האָט זיך אָנגעגרייט בסוד אַביסעל אַלטע צוריסענע גוישע מלבושים, אַזוי ווי די אַלטע גוישע בעטלערס געהן געקליידערט. די באָרד האָט ער צורעכט געמאַכט מיט אַביסעל גראָהע קאָלטענעס. דעסט גלייכען אויפ'ן קאָפּ האָט ער אָנגעטוהן אַזוי מאָדנע פּאַריק. פון אַלטע גראָהע לאַנגע קאָלטעניוואַטע האָהר. אויך האָט ער זיך אָנגעגרייט צוויי קירעס מיט אַ טאָרבע מיט אַלטע שטיקלעך ברויט. אויסער דעם אַלעם האָט ער זיך געשאַפּט אַ

פאפיר

פאפיר מיט א תתימה פון א גרויסען מאן, וועלכער בעהט פאר דעם לאמען קאליקע אז יעדער זאל זיך איבער עם דערבארימען. דאס אלעס האט ער מיט זיך גענומען און איז אוועק געפאהרען ביינאכט אין דעם דארף אריין פון דעם פאן=שמיסער. איידער עס איז גוט טאג געווארען האט זיך דער איד אונטערן דארף דאס אלץ אנגעטוהן. איין פיס האט ער זיך פערבאנדעזשירט מיט אלטע שמאטעס אזוי נאך, אז ער איז געווארען אהינטער געבויגען און קערצער, אז ער האט נאר געקאנט גיין אויף איין פיס מיט דער הילף פון די צוויי קילעס. בקיצור ער האט אויסגעזעהן פונקט ווי די אלטע נוישע בעטלערס. און אזוי נאהך איז ער אריינגעקומען אין דארף אריין. און האט אנגעהויבען צו געהן אין די הייזער ביי די פויערען. ער האט זיך ביי די פויערען אויסגעפרעגט שטילערהייט בכבוד, צו דארף נישט עפעס עמיצער פון זיי צו בעהעלפען זיך מיט כישוף, אדער עפעס קראנקהייטען צו פארשפרעכען. און האט זיך אוים געגעבען פאר א כישוף=מאכער. אמטיינסטענס האט ער זיך אויסגעפרעגט צו די פערד שפרינגען נישט ביינאכט, דארך דעם וואס א טייוועל רייט ארום אויף זיי א גאנצע נאכט, און אין דער פריה גיסט זיך דער שווייס פון דעם פערד פאר מיהדעקייט. ער האט געזאגט אז דאס פערטרייבט ער באלד. מיט אזעלכע שאלות האט ער זיך אזוי ארום=געשלעפט עטליכע טעג איבערן דארף צווישען די פויערען. בקיצור עס איז ארוים א שם אויפ'ן גאנצען דארף, אז דער לאמער בעטלער איז א גרויסער מכשף, און מען האט שוין אנגעהויבען צו דערצעהלען פון עם אותות ומופתים. קיין געלד האט ער ביי קיינעם נישט געוואלט נעמען, מען זאל נישט איבערקלערען אז ער איז א אויסגנייער. זיין נעמעכץ איז נאר געוועזען א שטיק ברויט מיט קעהז, א הערינג, א טעפעל מילך. און אזוי נאהך האט זיך דער בעטלער אלע מאהל מעהר צוגעריקט נעהנטער צום הויף פון דעם דארף, ביז ער איז אריינגעקומען אין די הייזלעך נעבען הויף ווי די הויפעשע קנעכט וואהנען. ער האט ביי די קנעכט אויך אזוי ניבעטעלט, און האט זיך אויסגעפרעגט צו די הויפעשע פערד רוהן ביינאכט. אזוי נאך איז ער אריינגעגאנגען אין לאנגע שמיעסען מיט די קנעכט, ביז זיי האבען עם דערצעהלט, וואס זייער פריץ האט שוין צוויי מאהל אזוי געליטען פון א פארשייווע זשידעק, וואס מען ווייסט גאר נישט ווי ער געפינט זיך. דאן האט זיך דער בעטלער שטארק צולאכט און האט אנגעהויבען צו שרייען. „וואס טהוט זיך עפעס אויף דער וועלט! אז פון א פערפליכטען זשידעק, א פארשייווע זשידעק זאל אזוי ליידען אזא עהדילער פריץ! אה נייך! דאס קאן איך נישט צו לאזען. זאגט'ץ דעם פריץ ער זאל זיך זעהן מיט מיר, און איך וועל מיך שוין מיט דעם זשידעק אברעכענען, אז ער וועט שוין וויסען מיט וועמען ער האט אנגעהויבען". די קנעכט האבען די ווערטער איבערגעגעבען זייער פריץ, און דער פריץ האט זיי געזאגט, זיי זאלען דעם לאהמען בעטלער אריינפיהרען אין הויף אריין.

אז דער בעטלער איז געקומען אין הויף אריין, האט מען עם אריינגעריפען געהייסען.

צום פריץ; האט ער געזאגט אז ער קאן אפילו אויף איין ביינעלע אויך נישט ארויף געהן, נאר מען מוז עם טראגען, אלזא האט ער פערלאנגט דער פריץ זאל צו עם ארויסקומען, און ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף דער ערד. ער האט געזאגט אז ער איז אזוי קאלעקא, אז ער קאן נישט, נאר געהן אויף די קילעס, אדער זיצען אויף דער ערד. דער פריץ האט עם געפרעגט צו ער קאן כשוף טוהן זיין שונא דעם פערפלוכטען זשידעק, דעם פארשיווע זשידעק, וועלכער האט עם שוין צוויי מאהל אנגעטוהן גרויסע צרות. האט דער בעטלער געענטפערט, אז פון אזעלכע זאכען טויג נישט צו רעדען אז זייטיגע מענשען זאלען הערען, עס קאן נאך אמאהל זיין אין א לאנגע צייט ארום וועט עמעצער פון זיי וועלען עדות זאגען אין א סאנד אז איך בין א מכשף, און האב דעם זשידעק געקלאגט. אלזא וויל איך פון דעם רעדען נאר צווישען פיער אויגען. דער פריץ האט געהייסען אלע זייטיגע מענשען אוועק געהן. דאן האט דער בעטלער געפרעגט דעם פריץ אויב עס געפינט זיך נישט עפעס דא דעם זשידעקס א זאך. האט דער פריץ געזאגט, אז עס געפינען זיך ביי עם דעם זשידעקס פאות מיט זיינס א היטעל. דאן האט זיך דער בעטלער שטארק צולאכט און האט געזאגט. „נו גוט! גאנץ גוט! אויב איך בעקום נאר זיינע האר אין מיין האנד אריין, דאן איז ער שוין אינגאנצען אין מיין האנד". דער פריץ איז געלאפען און האט ארויסגעברענגט די פאות מיט דעם היטעל און האט זיי געגעבען דעם בעטלער. דאן האט דער בעטלער געזאגט מיט א שמייכעל. „נו דער פאן מעג שוין זיכער זיין, אז מעהר וועט שוין דער זשידעק נישט מאכען קיין אנפאל. אבער דאס זאל דער פאן וויסען, אז איך קאן מיך נאהר זעהן מיט מיינע טייוולאנים ביינאכט פון זייגער עלף ביז צוועלף, אלזא פערלאנג איך דער פאן זאל מיר אבגעבען דא אין הויף א זייטיג שטיבעל, ווי קיינער דרעהט זיך נישט, איך זאל מיך קאנען איגוועניג פערמאכען, וועל איך מיך זעהן ביינאכט מיט מיינע חברה לייט, וועט מען שוין אויסארבייטען א פלאן, וואס מען זאל מיט דעם פארשיווע זשידעק טהון. דער פאן האט זיך זעהר געפרייט. און האט באלד עם אבגעגעבען אזוי פאסענדיג שטיבעל. דערביי האט דער בעטלער געווארענט דעם פאן, אז דער עיקר איז, אז וואס זיי רעדען זאל זיין בסוד. ווארען טאמער וועט נאך עמעצער פון דער זאך געוואר ווערען, איז שוין אוממעגליך אז די זאך זאל ווערען גוט אויסגעפיהרט. דער פריץ האט עם פארזיכערט אז די זאך וועט זיין שטארק בסוד און איז זיך פון עם אוועקגעגאנגען, און דעם בעטלער האט ער אליין געלאזט אין דעם שטיבעל.

באלד אין דער פריה איז דער פריץ געקומען צום בעטלער הערען זיין עצה. האט דער בעטלער צו עם געזאגט. עס איז דא פאר דעם פאן צוויי ברירות. אדער איך וועל צו עם אהינשיקען מיינע חברה לייט זאלען עם דארט מכבד זיין מיט א גוטע קרענק, אז ער וועט שוין ליגען און פוילען אין בעט ביז צום טויט. און אויב דער פאן וויל, קאנען מיינע חברה

לײַט דעם זשידעק אַרויסחאַפּען בײַנאַכט פון בעט שלאָפענדיג, און עס אַהער ברענגען לעבעדיגערהייט פאַר אונז, און דאָ וועט דער פּאַן קאָנען עס נעמען אין גיפענגעניש ערגיץ אין אַקעלער אַרײַן, און דער פּאַן וועט קאָנען מאַכען מיט עס וואָס ער וועט וועלען. דער פּאַן האָט באַלד אויסגעשריגען מיט גרוים פרייד, אַז דער צווייטער פּלאַן געפעלט עס בעסער, און האָט אָנגעהויבען קריטצען מיט די ציין פאַר כעס און האָט געזאָגט. „אַצינד וועל איך שוין וויסען וואָס צו טוהן מיט דעם פערפלוכטען זשידעק, מיט דעם פּאַרשיווע זשידעק! מען וועט עס בינדען ווי אַ שעפּס און אַלע טאָג וועל איך פון עס אָבשנײַדען אַ שטיק פלייש, און וועל אַרײַנרופען צו עס מײַן הונד „קראָצעק", און וועל עס געבען אויפצופרעסען דאָס שטיק פלייש. דער זשידעק זאָל אַליין זעהן ווי מײַן „קראָצעק" וועט פרעסען זײַן פלייש. אַזוי וועל איך מיך מיט עס זיך אָבשפּילען ביז ער וועט פּייגערען". דער בעטלער האָט געזאָגט. גאַנץ גוט, געוויס איז דער צווייטער פּלאַן בעסער און געשמאַקער. אָבער ביי דעם צווייטען פּלאַן וועלען מיר האָבען אַ שטיקעל אַרבייט. וואָרען די טײַוולנים מײַנע זענען נאָר בכח שלעכטץ צו טוהן, אַזוי ווי איך וועל אויף זיי באַפעהלען, נאָר אויף אַ שטרעקע פון צעהן מײַל אויף צעהן מײַל. און די גרענעץ פון זייערע צעהן מײַל לאָזט זיך אויס אונטער אַ הויכע בריק ווײַט פון דעם דאָרף אַ מײַל וועגס איז אַלזאָ אַזוי, אַז זיי וועלען קאָנען ברענגען דעם זשידעק און אַנידער שטעלען עס אונטער יענער בריק. און דאָס קאָן געמאַכט ווערען אין דער שעה פון זייגער עלף ביז צוועלף בײַנאַכט. וואָרען זייגער צוועלף, אַזוי ווי די העגער הויבען אָהן קרײַהען, פערלירען זיי זייער קראַפט, און זיי ווערען באַלד פערשווינדען. אין דער בעשטימטער שעה וועל איך זעלבסט מיזען זײַן דאָרט אונטער דער בריק. אָבער אַזוי ווי איך בין אַציבראָכענע קאַליקאָ, און קאָן מיך קוים ריקען פּאַמעהלעך אויף די צוויי קילעס, בין איך דאָך אַליין נישט בכח איך זאָל קאָנען מיר אַ עצה טוהן מיט דעם זשידעק. מיט צו נעמען עמעצען קאָן איך נישט, בעווײַל עס טויג נאָר נישט אַז עס זאָל נאָך עמעצער וויסען פון דעם סוד. אַלזאָ איז קיין עצה נישט דאָ, נאָר אַז מיר ביידע זאָלען בײַנאַכט פאָהרען אויף יענעם אָרט, נאָר בסוד עס זאָל קיינער נישט וויסען. אָבער אַזוי איז נאָך אויך דאָ אַ פעהלער. אַז די טײַוולנים וועלען זעהן מיט מיר אַ פרעמדען מענש, האָבען זיי שוין אַ ברירה מיך נישט צו פאָלגען ביז דער פּאַן זאָל אויך זיי פערקויפען די נשמה, אַזוי ווי איך האָב זיי פערקויפט מײַן נשמה. אַלזאָ וועט דער פּאַן זיך מיזען דאָרט ערגיץ בעהאַלטען אויף דער שעה, און נאָר שטיל שווײַגען ביז די העגער וועלען אָנהויבען קרײַען. מיר מיזען אָבער דאָס אויך איבערקלערען. אפשר וועט דער פּאַן אַליין נישט קאָנען זיך קיין עצה טוהן מיט דעם זשידעק און ער וועט שרײַען און לאַרמען, קאָן נאָך עמעצער דערהערען. און דאָס טויג פאַר אונז ביידע נישט. אַלזאָ איז מײַן עצה אַז הײַנט בײַטאָג זאָל דער פּאַן אָנגרייטען אַ לאַנגען קאַסטען פון ברעטער.

ברעטער, אַזוי ווי אַ טרומנע פאַר אַ טויטען. דער קאַסטען זאָל זיין מיט עטליכע לעכער. און אויך מיט אַ קייטעל, עס זאָל זיין גרינג צו פערשליסען עס. און ביינאַכט אַרום זייגער צעהן וועלען מיר ביידע בסוד אַרויספאָהרען אויף דעם בעשטימטען אָרט מיט'ן קאַסטען. דעם קאַסטען וועט דער פּאַן באַלד אַראָבנעמען פון דער פוהר אויף דער ערד אַ שטריק וועט מען אויך מיטנעמען, וועלכען איך וועל נעמען צו מיר. דער פּאַן וועט זיך ערגעץ בעהאַלטען און איך וועל אַריינטער קריכען אונטער דער בריק, און וועל רופען מיינע חברה לייט, זיי זאָלען דעם זשידעק אַרויס חאַפּען פון בעט, און עס דאָ פאַר מיר אָבשטעלען. דער זשידעק וועט זיין עהר איבערגעשראָקען, און וועט אפילו נישט קאָנען אַזוי גענוך קיין עשריי טוהן. דאַן וועלען מיינע חברה לייט עם צו האַלטען, און איך וועל ...עם בינדען ווי אַ שעפּס. ער וועט אַזוי ליגען פאַר מיר ביז די הענער ...וועלען אָנהויבען קרייען. און מיינע לייט וועלען פערשווינדען ווערען, דאַן ...וועל איך אַפּערקריכען און וועל שרייען אויפ'ן פּאַן, זאָל שוין דער פּאַן ...אָר נישט קיין מורא האָבען נאָר באַלד צו קומען און שלעפּען דעם ...שידעק צום קאַסטען, אַריינלעגען עם דאָרט און פערשליסען. נאָהך דעם ...וועט שוין קאָנען דער פּאַן פּאַמעלעך עם אַרויפלעגען אויף די פוהר. ...און מען וועט זיך אַהיימפאָהרען. דאָ ווייטער אין דעם הויף, וועט ביינאַכט ...דער פּאַן אַליין פּאַמעלעך אַריינשלעפּען דעם קאַסטען ערגיץ אין אַ קעלער ...אַריין. אָבער זאָל נאָר דער פּאַן גידענקען אַז דאָס אַלס זאָל זיין שטאַרק ...בסוד. דעם פּריץ איז די עצה זעהר גוט געפאַלען, און האָט געזאָגט צום ...מכשף. אַצינד זעה איך, אַז אויסער וואָס דו ביזט אַ מכשף, ביזט דו נאָך ...אויך אַ גרויסער קלוגער.

דער פּריץ האָט ביטאָג אַלס פאָרברייטיגט. ביינאַכט האָט ער ...איינגעשפּאַנט צוויי גוטע פערד אין אַ פוהר. דעם קאַסטען מיט אַ ...שטריק האָט מען אויפגעלעגט. און זייגער צעהן ביינאַכט האָט דער ...פּריץ מיט זיינע אַלע קרעפטען אַרויפגילעגט דעם בעטלער אויף די ...פוהר, אַלץ בסוד קיינער האָט נישט גיזעהן און זיי זענען אַוועקגעפאָהרען ...צו דער בריק. די פוהר האָבען זיי אָבגעשטעלט אַ שטיקעל פאַר די בריק. ...דער פּריץ האָט דעם בעטלער צוריק אַראָב געטראָגען פון דער פוהר, ...דעם קאַסטען האָט אויך דער פּריץ אַראָב גענומען און האָט עם אַנידער ...געלעגט נעבען די פוהר. נאָהך דעם האָבען זיי אָנגעהויבען צו זוכען עפּעס ...אַ גוט אָרט ווי דער פּריץ זאָל זיך בעהאַלטען. עס איז אָבער דאָרט נישט ...געווען קיין באַהעלטעניש, האָט דער בעטלער געזאָגט צום פּריץ. מיר ...קאָנען שוין לאַנג נישט באַלימיטשען, וואָרען זייגער עלף מיז איך דאָך ...שוין זיין אונטער די בריק. אָבער מיר זענען דאָך פערנאַרט וואָס מיר ...זוכען אַ באַהעלטעניש, וואָרען דאָס בעסטע באַהעלטעניש קאָן זיין אין ...דעם קאַסטען, לאָז דער פּאַן נישט באַלימוטשען נאָר שוין אַריינלעגען ...זיך אין קאַסטען און ליגען שטיל און רוהיג די גאַנצע שעה. ביז איך

וועל

וועל אַרויסקומען און נעבען אַ נעשריי אויפ'ן פּאַן, דאַן זאָל דער פּאַן
באַלד אַרויס קריכען פון קאַסטען. דער פּריץ האָט זיך באַלד אַריינ־
געלענט אין קאַסטען. ביי דעם קאַסטען איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ קייטעל
מיט אַ סקאָבעל אָנצוהענגען אַ שלאָס. דער בעטלער האָט זיך אָבער
געהאַט אָנגעגרייט אַ לענגעכדיגע שטיקעל אייזען. און אַזוי ווי דער פּריץ האָט
זיך נאָר אַריינגעלעגט אין קאַסטען האָט דער בעטלער באַלד געשווינד
פאַרלענט די קייטעל אויפ'ן סקאָבעל און האָט פאַרשטעקט פעסט מיט
דעם שטיקעל אייזען. נאָהך דעם האָט באַלד דער בעטלער אַראָבגעוואָר־
פען פון זיך די בעטלערישע מלבושים, דעם קאָרצען פּיס האָט ער
אויסגעצויגען און האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. ער האָט אָנגעהויב־
בען דעם קאַסטען צו קאָלערען אינטער די בריק אַרונטער. דער פּריי
האָט נאָר נישט פערשטאַנען ווער דאָס טהוט עס. און אַז ער האָט
אָנגעהויבען שרייען, האָט עס דער איד עטליכע מאָהל געענטפערט
„יאַשניע וועלמאָזני פּאַניע! אַבאָ טאָ פּיעס? אַדיטש טאָ טשע... רעו
פּריץ האָט שוין פערשטאַנען אַז זיין קלאָנג איז פערטיג. האָט ער זיין
אָנגעהויבען צו בעהטען, דער איד זאָל עם חאָטש נישט הרג'ענען. האָט
דער איד עם געענטפערט. אמת איך האָב גערעכענט דיך דאָ צו פּאַברענגע
מיט'ן קאַסטען. אָבער וויל דו בעהטסט דיך ביי מיר שענק איך דיר דאָס
לעבען, און דו וועסט דאָ אַזוי לאַנג ליגען ביז מען וועט דיך געפונען
דער איד האָט אַרויפגעוואָרפען די אַלע בעטלערישע זאַכען אויף דעם
קאַסטען, מען זאָל נישט אַזוי שטאַרק הערען זיין שרייען, נאָר וואָס ער
האָט אויפ'ן געלאָזט די לעכער, כדי ער זאָל נישט דערשטיקט ווערען
דער נאָך איז ער זיך אויפגעזעסען אויף די פיהר און האָט געמאַכט פּלטו
ערגיץ אין אַ ווייטע שטאָדט, ווי ער האָט געוויסט אַז דאָרט איז יעריד
דעם פערד און וואָגען האָט ער דאָרט פערקויפט פאַר צוויי הונדערט
רובל און איז זיך אַהיים געפאָהרען. אין הויף ביי דעם פּריץ איז געוואָרע
אַ גרויסער לאַרעם, אַז מען האָט געזעהן אַז דער פּריץ מיט'ן בעטלע
זענען פלוצלינג פערשווינדען געוואָרען. זיי האָבען באַלד פערשטאַנע
אַז דאָס איז נישט קיין פּשוט'ע זאַך. מען האָט באַלד אַרויסגעשיקט
פיעל מענשען זיכען זיי. נאָהך צוויי טעג זיכען איז דער קאַסטען געפונע
געוואָרען אונטער די בריק. מען האָט דעם פּריץ פון דאָרט אַרויס
געשלעפּט האַלב טויט, און ער איז ווייטער אָבגילעגען קראַנק אַ לאַנגי
צייט, ווען ער איז געזונד געוואָרען, האָט ער מורא געהאַט מיט
פרעמדען מענש צו ריידען, טאָמער איז דאָס ווייטער דער זשידעק
און האָט געמיזט אַלס פערקויפען און איז אַנטלאָפען קיין אויס־לאַנד

אַז דער שפּאָלער זיידע האָט אויסגעלאָזט די מעשה. האָט ער
געזאָגט צו די ריכטער. נו אַציינד האָט איר שוין געהערט וואָס אַ איד
קאָן אויסטראַכטען כדי זיך נוקם צו זיין אין זיין שונא. און אָט דאָ בין
דעם

דעם משפּט איז אונז אויך פֿאָרגעקומען די זעלבע סצענע. אַז אַזוי ווי מיר האָבען נישט קיין פעסטע פאַקטען, אַז די גאַנצע מעשה מיט די צעהן טויזענד רענדלעך איז אמת, איז פיעל נעכער וואַרשיינליך, אַז דער מסור, וואָס אין עם ברענט אַ פייער פון נקמה, האָט זעלבסט אויסגעטראַכט דעם בלבול.

נאָהך דעם האָט ווייטער דער שפּאָלער זיידע אַזוי געזאָגט. אַצינד וועל איך אָנהייבען ריידען אויפ'ן צווייטען אופן. אפילו מען זאָל טאַקי אָננעמען אַז די מעשה איז אמת אַזוי ווי דער מסור זאָגט. אָבער וואָס פאַר אַ טענה האָט דאָ די רומענישע רעגירונג צו דעם געלד, זי זאָל דאָס רעכענען פאַר אַ געפונענעם אוצר אין איהר לאַנד? צו בעווייל דער מענדילע-א' איז פונקט גיווען דאַלמאַלס אין דער פּוסטקא, ווען דער גנב האָט דאָרט בעהאַלטען די גנבה, און דער מענדילע-א' האָט באַלד אין דער רגע אַוועק געגנב'עט די גנבה פון גנב, זאָל דאָס שוין גירעכענט ווערען פאַר אַ בעהאַלטענעם אוצר אָהן אַ בעל הבית? ווי קאָן מען דאָס אַזוי זאָגען. דאָס הייסט דאָך נאָר, אַז אַ גנב האָט געגנב'עט אַ גנבה, איז געקומען אַ צווייטער און האָט פון עם די גנבה אַוועקגעכאַפּט, אָדער אַוועק געגנב'עט, נו וואָס פאַר אַ מחותן איז די רעגירונג דער צו? קאָן מען דען זאָגען אַז די רומענישע רעגירונג האָט ארויסגעגעבען אַזאַ גיזעץ. אַז אויב אַ צווייטער גנב חאַפּט אַוועק אָדער גנב'עט אַוועק אַ גנבה פון ערשטען גנב, זאָל ער דאָס מוזען אַוועק געבען דער רעגירונג? אדרבא! זאָל דער פּראָקוראָר ווייזען דעם רומענישען קאָדעקס, אַז דאָרט שטעהט אַזוי. אַלזאָ קומט אויס ערליך, אַז די רומענישע רעגירונג האָט נישט קיין שום צוטריט צו דעם מענש זי זאָל עם בעשולדיגען וואָרען אפילו אויב מען זאָל יאָ בעשולדיגען דעם מענש אין דער שולד פון אַ גנבה, קאָן אַלץ נישט די רומענישע רעגירונג זיין דער בעשולדיגער, בעווייל דער בעל הבית פון די גנבה איז דאָך נאָר אַ שוועדישער גענעראַל, נישט קיין רומענישער אונטערטהאַן. און איך בעהט אייך, ערליכער ריכטער, בעטראַכט גוט די זאַך, וועט איר זעהן אַז איך האָב רעכט. און איך בין זיכער אַז איר וועט דעם מענדילע-א' באַלד בעפרייען פון דעם משפּט.

אַזוי ווי דער שפּאָלער זיידע האָט געענדיגט די רעדע האָבען באַלד די דריי פערשטעלטע ריכטער אויסגעשריגען, אַז מענדילע-א' איז גירעכט, און ער ווערט באַלד בעפרייט פון דעם משפּט. צווישען די פערשטעלטע איז געוואָרען אַ שמחה. דעם איינגריסטען פּראָקוראָר האָבען זיי געהייסען באַלד אָבוואַשען זיך. דערנאָך איז דער שפּאָלער זיידע געגאַנגען צום טיש, עסען סעודת פורים. ביינאַכט איז אָנגעקומען אַ דעפּעשאָ פון קעשינוב אַז מענדילע-א' האָט געווינען דאָס משפּט. מענדילע-א' זעלבסט איז באַלד געפּאָהרען קיין שפּאָלי. ווען ער איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, איז געוואָרען אַ שמחה צווישען די חסידים. זיי האָבען

עם

עם באלד אנגעהויבען אוים צו פרעגען ווי אזוי איז עפעם צו געגאנגען. האט ער זיי דערצעהלט אז ער האט געהאט זעהר א קליגען אדוואקאט, וועלכער האט געזאגט פאר די ריכטער זעהר א שעהנע רעהדע, און האט זיי דערצעהלט זעהר א שעהנע מעשה, אז אלע האבען געלאכט. מענדילע=א' האט זיי געמוזט דערצעהלען די שעהנע מעשה. דאן האבען זיך אלע חסידים זעהר פערוואונדערט, אז זיי האבען געהערט פון מענדילע=א' די זעלבע מעשה ווארט ביי ווארט, אזוי ווי דער שפאלער זיידע האט דערצעהלט, און ווען מענדילע=א' איז אריינגעקומען צום שפאלער צדיק, איז געוועזן די ערשטע שאלה די ווערטער. "נו מענדילע. ווי איז דיר עפעס געפאלען דער מליץ וואס איך האב דיר געשיקט"? האט מענדילע געענטפערט. זעהר א וואהלער מליץ. ער האט געמאכט פריילעך דעם גאנצען סאנד, און איך בין ב"ה ארוים ריין. האט דער שפאלער זיידע צו עם געזאגט. זאלסט וויסען, אז דער מליץ איז געוועזן א מלאך פון הימעל, וועלכער איז בעשאפען געווארען פון די אכט הונדערט רובל צדקה וואס דו האסט מיר געגעבען, חתונה צו מאכען דריי יתומים. און אויב דו וועסט זוכה זיין וועסט דו איבער הונדערט און צוואנציג יאהר ווידער זעהן דעם זעלבען מליץ יושר אויף יענער וועלט, ווען דו וועסט דארפען אבגעבען דין וחשבון אויף דיינע מעשים. ביי דער סעודה האבען חסידים איבערגעפרעגט דעם שפאלער צדיק וואס דער ענין פון די שעהנע מעשה איז. האט ער זיי געענטפערט אז אין דער מעשה שטעקט גרוסע סודות, דאס קאלב בעווייזט אויפ'ן חטא פון עגל. דער פריץ וואס האט געשמיסען דעם איד בעווייזט אויף מלחמת עמלק. די דריי נקמות בעווייזען אויף די דריי נקמות, וואס שאול המלך און דוד המלך און מרדכי הצדיק האבען זיך נוקם געוועזען אין עמלק'ן. און די פיערטע נקמה וועט זיין ווען דער הייליגער משיח וועט קומען במהרה בימינו אמן.

## דאס איז דאס וואונדערליכע מופת וואס דער שפאלער זיידע האט בעוויזען ביי צוויי וואלד סוחרים, וואס איינער האט געוואלט דעם אנדערען משיג גבול זיין ביי דעם גראף „פאטאצקי״.

אַ געוויסער גרויסער סוחר פון רוסלאַנד וואָס מען האָט איהם גערופען דער ווייסער ר׳ בער, ווייל נאָך איידער ער איז אַלט געוואָרען פערציג יאָהר, זענען איהם פלוצלונג אַלע זיינע האָר ווייס געוואָרען פון אַ אומגעריכטע שרעק. ער האָט זעהר שטאַרק מאַמין געווען אין דעם היילינגען צדיק דער שפאָלער זיידע ז״ל. דער סוחר האָט קיין איין זאַך אין זיין לעבען, סיי געשעפטליכע, סיי פאַמיליענע. נישט געטהון אָן די הסכמה פון דעם שפאָלער זיידען. זעהר פיל ישועות האָט איהם זיין אמונה פועל געווען, און ער איז דורך דעם שפאָלער זיידען׳ס ברכות געוואָרען אַ גרויסער עושר. זיין מסחר איז געווען פון האָלץ. ער האָט אָבגעקויפט ביי די פריצים וואַלד=בעזיצערס די גרויסע ביימער, וועלכע ווערען אָנגערופען „בודילצעס״ און ער האָט די ביימער אַוועק געשיקט נאָך „דייטשלאַנד״ אין דער שטאָדט „דאַנציג״, ווי ער האָט זיי פערקויפט, און דאַביי זעהר פיל געלד פערדינט. אויסער ביי אַנדערע פריצים האָט דער ווייסער ר׳ בער אויך געהאַנדעלט ביים גראף „פאָטאָצקי״ דער בעוויסטער גרויסער און רייכער גוט=בעזיצער. דער גראַף האָט געהאַט ביי זיינס אַ נחלה זעהר אַ גרויסען וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגען אויף עטליכע מייל די לענג און די ברייט. פון דעם וואַלד האָט דער גראַף אויספערקויפט אַלע יאָהר טויזענד ביימער צו פינף רובל פאַר אַ בוים, און בערך צעהן יאָהר האָט זיך אַזוי געפיהרט, אַז זיין שטענדיגער קונה וואָס האָט ביי איהם די ביימער אָבגעקויפט פון יאָהר צו יאָהר, איז געווען נישט קיין אַנדערער נאָר דער ווייסער ר׳ בער. דאָרט ביים גראַף האָט דער ווייסער ר׳ בער שוין געהאַט אַזוי ווי אַ חזקה אויף די טויזענד ביימער, און עס איז גאָר קיינמאָל נישט געקומען אויף דעם געדאַנק פון אַנאַנדערען סוחר צו וועלען משיג גבול זיין דעם ווייסען ר׳ בער, ווייל אויסער דעם וואָס דער ווייסער ר׳ בער איז געווען זעהר אַנ׳עהרליכער סוחר, אַ למדן, אַ בעל צדקה, און ער האָט געהאַט זעהר אַ גוט האַרץ, האָט ער אויך שוין געהאַט זוהן און איידעמס, וועלכע האָבען געגעסען ביי זיין טיש און האָבען שטענדיג געלערענט תורה צוזאַממען. אַמאָהל אָבער האָט איהם שטאַרק מקנא געווען אַנאַנדערער סוחר וואָס מען האָט איהם גערופען מאיר פינסקער, און ער האָט ביי זיך בעשלאָסען אַז ער זאָל משיג גבול זיין דעם ווייסען ר׳ בער און אויסדינגען איהם די טויזענד ביימער ביי דעם גראַף פאָטאָצקי.

דער גראַף פּאָטאָצקי איז אָבער קיינמאָל נישט געזעסען אויף איין אָרט, ווייל ער האָט געהאַט זעהר פיל נחלאות, דערפער, פעלדער, וועלדער, גערטנער וכדומה, וועלכע זענען נישט געווען אויף איין אָרט, האָט ער דאָך געמוזט אויף זיין פערמעגען אומעדום אכטונג געבען. אין אויסער דעם האָט ער פשוט ליב געהאַט אָפט צו פאָרען און צו פערברענגען אין אַנדערע לענדער, ווי עס געפינען זיך פערשידענע בערגער און פערגעניגענס ערטער, האָט ער דאָך נישט געהאַט קיין צייט צו פער־ברענגען און זיינע נחלאות, מעהר ווי העכסטענס אַ חודש אויף איין אָרט. על כן האָט ער אַליין נישט געקאָנט פיהרען זיינע עסקים, נאָר ביים קויפען און פערקויפען זענען געזעסען איבעראַל געטריַע מענשען.

דאָס פערקויפען איז אַלזאָ ביי איהם אויף אַזאַ אופן צוגעגאַנגען. אומעדום ווי נאָר דער גראַף פּאָטאָצקי האָט געהאַט עפּעס וואָס צו פער־קויפען, איז געווען אַ קאַנצעלאַריע. און אין די קאַנצעלאַריע האָט געהאַנגען אַ „ליסטע" אויף וועלכע עס איז געווען אויפגעשריבען אַלץ וואָס עס איז דאָ צו פערקויפען דאָס יאָהר. ווי פיל האָלץ, ווי פיל ווייץ וכדומה. דער סוחר וואָס האָט געוואָלט קויפען יעלכעס מין סחורה האָט בעדאַרפען נאָך איידער דער גראַף איז דאָרט אַהין געקומען אַריינ־צושיקען אין דער קאַנצעלאַריע אַ דעקלעראַציע מיט „קאַלציע" געלד, באַשר ער וויל קויפען דעם און דעם מין סחורה פאַר אַזאַ און אַזאַ פּרייז. אַז דער גראַף איז געקומען האָט מען געעפענט די דעקלעראַציעס און מען האָט געזעהן ווער ס'האָט דעקלערירט מיט אַ גרעסערען פּרייז, דער איז געבליבען דער קונה, און דאָס געלד וואָס די איבעריגע סוחרים האָבען אריינגעשיקט האָט מען זיי באַלד אומגעקעהרט. אויב עס האָט זיך אַמאָהל געטראָפען אַז צוויי סוחרים אָדער מעהר האָבען דעקלערירט מיט איין און דעם זעלבען פּרייז, דאַמאָלס איז דער קונה געבליבען וואָס האָט פריהער אַריין געשיקט זיין דעקלעראַציע.

דער ווייסער ר' בער וועלכער איז תמיד געווען זיכער, אַז ער איז דער קונה. האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעאיילט, און ער האָט זיך אַזוי געפיהרט. צום ערשט האָט ער אריינגעשיקט אַ דעקלעראַציע אויף די טויזענד ביימער, און האָט ביינעלענט באַלד טויזענד רובל קאַלציע. דער נאָך ביים קאָנטראַקט שרייבען האָט ער צוגעצאָהלט דאָס איבעריגע. דאָס אַלץ האָט גאַנץ גוט געוואוסט דער מאיר פינסקער, וואָס האָט דעם ווייסען ר' בער געוואָלט משיג גבול זיין. האָט ער אויך אָבגעגעבען אַ דעקלעראַציע נישט מיט טויזענד רובל קאַלציע, נאָר מיט דריי טויזענד רובל, בעווייל ער האָט געהעכערט דעם פּרייז מיט צוויי רובל מעהר אויף יעדען בוים. ער האָט אַפילו דאָס אַלץ אָבגעטוהן אין דער שטיל, אַזוי אַז דער ווייסער ר' בער זאָל זיך דערפון נישט דערוויסען. אָבער ווען ער איז געקומען אין דער קאַנצעלאַריע אָבצוגעבען די דעקלעראַציע

האָט,

האט ער זיך געוואלט מאכען [illegible]אַפט מיט דעם מענש וואס פיהרט דארט דעם גראפס עסקים, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטען. און ער האט זיך פאר דעם מענשען גענומען ריהמען אז ער וויל מאכען אזא געשעפט. און וויל דעם גראף בעגליקען מיט צוויי רובל מעהר אויף יעדען בוים. עס איז איהם נאר נישט איינגעפאלען צו איבערקלערען אז דער זעלבער מענש וועט דערנאך אויס זאגען דעם סוד. און עס איז טאקי אזוי געווען. דער ווייסער ר' בער האט זיך דאס מאל אויך נישט געהאט צוגע-איילט מיט זיין דעקלעראציע, נאר ערשט אין א חודש ארום איידער דער גראף איז געקומען. איז ער אוועק מיט זיין דעקלעראציע אין דער קאנצעלאריע אריין. אלע האבען איהם דארט געקענט שוין פון לאנג, פאר זיין ערליכקייט און גוטסקייט האבען איהם אלע ליעב געהאט. און ווי נאר ער איז אריינגעקומען האט איהם גלייך דער געשעפטס פיהרער דערצעהלט דעם סוד, אז עס איז דארט געקומען איינער א סוחר. מיט דעם נאמען מאיר פינסקער. וועלכער האט אויך אבגעגעבען א דעקלע-ראציע, אויף די זעלבע טויזענד ביימער, און ער האט געהעכערט מיט צוויי טויזענד רובל אויף דעם קנין. אלזא זאל ער זעהן זיך אנ'עצה צו טהון כל זמן עס איז נאך צייט. דער ווייסער ר' בער איז געבליבען שטעהן פון זיינע רייד צו מישט און דערשראקען. און ער האט דעם געשעפטס-פיהרער ראשית געדאנקט פאר זיין גוטסקייט צו איהם, און ער האט איהם געזאגט אז אויף אזא אופן מיז ער שוין אהיים פארען זיך מישב זיין וואס ער האט דא צוטהון. דער ווייסער ר' בער איז אבער נישט אהיים געפארען נאר ער איז גלייך געפאהרען זיך בעקלאגען פאר דעם שפאלער זיידען, צו הערען פון זיין הייליג מויל עפעס אנ'עצה וואס ער זאל טהון.

די חסידים וואס זענען אפט געפארען צום שפאלער זיידען, האבען שוין אלע געוואוסט זיין דרך, אז ווען ער האט געוואלט אראבציהען פון הימעל עפעס א גרויסע ישועה פאר א יוד, וואס ער האט בעדארפען פון איהם מבטל צו מאכען א גרויסע צרה. האט ער זיך גענומען בייזערען אויף דעם מענש. און ער האט איהם שטארק מבזה געווען. טיילמאל האט ער אויך גוט אנגעשאלטען דעם מענש, און אפילו א פאר קלעפ מיט זיין שטעקען אויך איהם צוגעגעבען. איינצושטילען איהם איז נאר געווען די בעסטע עצה צו דערמאנען איהם, אז נישט צוליב זיך אליין איז דער יוד געקומען בעטען פון איהם די ישועה נאר צוליב דעם כבוד פון די הייליגע תורה. דאמאלס איז שוין דער שפאלער זיידע געווארען א ביסעל וויכער. דאס זעלבע איז אויך דא פארגעקומען. ווען דער ווייסער ר' בער איז זיך געקומען בעקלאגען פאר דעם שפאלער זיידען. ער איז שטארק צורודערט געווארען, און האט גענומען רויכערען זיין לולקע-ציבעך און האט ארויס געלאזט גרויסע שטיקער רויך מיט א מאל. ער איז אומגעגאנגען הין און צוריק אין זיין חדר. פלוצלונג האט ער זיך אבגעשטעלט און ער

האט

האָט מיט דעם ווייסען ר׳ בער גענומען רעדען אַזעלכע האַרטע רייד „. אמת מאַקי אַז דער מאיר פּינסקער האָט עובר געווען אויף דעם אסור פון השגת גבול, אָבער ווי אַזוי האָט זיך צו דיר גענומען אַ העזה צו קומען צוליב דעם צו מיר, און מיך מטריח זיין מיט אַזעלכע נידריגע ענינים, וואָס זענען נאָך דערצו לשון הרע אויך? פאַר וואָס האָסטו נישט געזאָגט קיין תהלים? פאַר וואָס האָסטו נישט מיט טרערען געבעטען פאַר השי״ת, אַז עס זאָל דיר קיינער נישט קענען קיין שלעכטס טהון? דאַמאָלס וואָלסטו דאָך צו דעם אַלעם נישט געווען געקומען. מענסט זיין זיכער, האָט איהם ווייטער דער שפּאָלער זיידע געשטראָפט, אַז ווען נישט דאָס וואָס איך האָב רחמנות אויף דיין ווייסע באָרד, וואָלט איך דיך אַוודאי געהייסען אַרויס וואַרפען פון דאַנען״. דער ווייסער ר׳ בער, וועלכער האָט גוט געוואוסט דעם שפּאָלער זיידענס דרך, האָט זיך געשטאַרקט און איהם גענומען בעטען בזה הלשון. „היילינער רבי און גרויסער צדיק. איך אַליין רעכען זיך פאַר גאָר נישט, און איך וואָל גאָר נישט בעטען פאַר מיר, נאָר ווי איז דער כבוד פון די היילינע תורה? איר ווייסט דאָך אַז איך האַלט אויף זוהן און איידעמ׳ס, וועלכע זיצען און לערנען תורה. היינט אַז איך וועל חס ושלום נישט האָבען מיט וואָס זיי מפרנס צו זיין, וועלען זיי זיך דאָך מוזען אַרויס לאָזען אין גאַס און זיכען פרנסה, וועט דאָך דורך דעם בטל ווערען זייער תלמוד תורה, נישט צוליב מיין זכות, האָט דער ווייסער ר׳ בער זיך ווייטער געבעטען, נאָר צוליב דעם זכות און דעם כבוד פון דער היילינער תורה בעהט איך פון אייך, איר זאָלט מיר אַרויס העלפען פון מיין צרה״. דער שפּאָלער זיידע איז דאַמאָלס שטיל געבליבען אַ פּאָר מינוטען, דערנאָך האָט ער איהם שוין גאָר מיט אַן׳אַנדער לשון געפרעגט. „האָסטו נאָך עפּעס אַ קאָנטראַקט פון דעם גראַף פּאָטאָצקי אויף ביימער, וואָס דו האָסט ביי איהם ביז יעצט געקויפט״? האָט איהם דער ווייסער ר׳ בער געענטפערט, אַז ער האָט נאָך דעם קאָנטראַקט פון פאַר אַ יאָהרען. און ער האָט איהם באַלד אַרויס גענומען פון זיין טאַש און אַנידער געלעגט אויף דעם טיש. האָט איהם ווייטער דער שפּאָלער זיידע געפרעגט. „נו וואָס זשע ווילסטו פון מיר? צו בין איך עפּעס דער גראַף פּאָטאָצקי אַז איך זאָל דיר געבען אַ נייען קאָנטראַקט? האָט איהם דער ווייסער ר׳ בער געענטפערט. איך גלייב מיט אַן׳אמונה שלימה, אַז ווי באַלד דער היילינער רבי וועט וועלען, וועט ער מיר זיכער קענען געבען אַ נייען קאָנטראַקט. נו אַז אַזוי? האָט דער שפּאָלער זיידע זיך אָנגערופען. גיה און ברענג מיר אַ מענש, וואָס ער זאָל קענען שרייבען פּויליש. דער ווייסער ר׳ בער האָט באַלד אַזאַ מענש געבראַכט. האָט איהם דער שפּאָלער זיידע געזאָגט, שרייב מיר אַ נייען קאָנטראַקט אויף דעם יעצטיגען יאָהר, אות באות אַזוי ווי עס שטעהט אין דעם אַלטען קאָנטראַקט. דער נאָך אַז דער שרייבער איז שוין אַוועק געגאַנגען, האָט דער שפּאָלער זיידע גענומען דעם קאָנטראַקט און ער האָט זיך אויף דעם קאָנטראַקט אונטער געשריבען מיט יודישע אותיות „פּאָטאָצקי״. ער האָט

איהם

איהם אַוועק געגעבען דעם ווײַסען ר׳ בער און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט. הויב אויף דעם קאָנטראַקט, און דו זאָלסט איהם קונה זײַן מיט דײַן אויפהויבען דערנאָך האָט דער שפּאָלער זײדע פון איהם צוריק צוגענומען דעם קאָנטראַקט און האָט איהם געהייסען בעצאָהלען חתימה=געלד. „איך האָב היינט מעהר ווי פופציג אָרימע לײַט, האָט דער שפּאָלער זײדע געזאָגט, וועלכע האָבען נאָך גאָר נישט אויף פּסח, אַלזאָ זאָלסטו מיר געבען פאַר זיי פינף הונדערט רובל״. דער ווײַסער ר׳ בער האָט גלײַך געפאָלגט דעם שפּאָלער זײדען, און ער האָט געגעבען דאָס געלד. וואָס ער האָט פון איהם פערלאַנגט. דערנאָך האָט איהם דער שפּאָלער זײדע אָנגעזאָגט בזה הלשון. „זאָלסט ווײסען אַז דו בעדאַרפסט זיך פיהרען דאָס יאָהר מיט דעם גראַף פּאָטאָצקי אַזוי ווי אַלע יאָהר. דהײַנו דו זאָלסט אָבגעבען אַדעקלעראַציע אויף פינף טויזענד רובל, און דו זאָלסט געבען טויזענד רובל קאַליציע. אויך זאָלסטו זיך צו שטעלען דאַמאָלס ווען מען בעדאַרף אין דעם טאָג וואָס אַלעם ווערט אויספערקויפט, אַזוי ווי דו האָסט געטהון אַלע יאָהר. און אַז מען וועט דיר אָבגעבען דײַן דעקלעראַציע מיט דײַנע טויזענד רובל, זאָלסטו עס צונעמען זאָלסט נישט רעדען מיט זיי נישט גוט און נישט שלעכט. נאָר אין ל״ג בעומר איה״ש זאָלסטו דאָרט אַהינקומען מיט דײַן שרײַבער, אַזוי ווי אַלע יאָהר, דו זאָלסט מיט דײַן שרײַבער אַרײַנגעהן אין דעם גראַפס וואַלד אַרײַן, און זאָלסט זיך אָנצייכענען די טויזענד בײמער וואָס טויגען צום אָניהאַקען. אַז דו וועסט אַרײַנקומען אין וואַלד אַרײַן, וועסטו בעגעגנען צוויי רײַטערס אויף פערד אין דעם געשטאַלט פון די וואַלד=שומרים. וואָס הערען אָנגערופען „נאַדעלשנים״. זיי וועלען זיך פרעהגן מיט דיר, און זיי וועלען דיך פרעגען צו דו האָסט אויך אַזוי דאָס יאָהר געקויפט די טויזענד בײמער. אויף דעם זאָלסטו זיי אָנטפערען אַז יאָ, און זאָלסט זיי זאָגען אַז דו האָסט עטוואַס עגמת נפש, ווײַל דו האָסט פערלוירען דעם קאָנטראַקט פון גראַף פּאָטאָצקי אויף דאָס יאָהר. דאַמאָלס וועלען דיר די „נאַדרעשנים״ געבען אַ נײַען קאָנטראַקט פון דאָס יאָהר אויף טויזענד בוימער, און דער קאָנטראַקט וועט זײַן אויסגעשריבען אויף דײַן נאָמען, אַזוי ווי אַלע יאָהר ביז יעצט. און ער וועט זײַן געחתמ׳ט מיט דעם גראַפס אייגענע חתימה. און דו זאָלסט איהם צונעמען פון זייערע הענד, און זאָלסט זיי זאָגען אַז דאָס איז טאַקי דער קאָנטראַקט וואָס דו האָסט עם פערלוירען, פאַר אַ סימן זאָלסטו זיי ווײַזען דעם קאָנטראַקט וואָס דו האָסט יעצט בײַ דיר, וואָס ער איז נאָך פון פאַר אַ יאָהרען, בכדי זיי זאָלען זעהן אַז די נעמען פון די בײדע קאָנטראַקטען זענען גלײַך. דערנאָך זאָלסטו זיי דאַנקען פאַר דעם וואָס זיי האָבען דיר אומגעקעהרט דײַן אַבידה. אוי זיי וועלען אַוועק רײַטען ווײַטער אין וואַלד אַרײַן, און דו וועסט ווײַטער בלײַבען דער סוחר פון די בײמער אַזוי ווי אַלע יאָהר. אויב אָבער אַז דער מאיר פינסקער וועט צו דיר אַהיים קומען און וועט דיך וועלען רופען

אויף

אויף אַ דין תּורה, זאָלסטו איהם ענטפערען, אַז דו ווילסט דאָס די דין תורה זאָל זיין ביי מיר אין שפּאָלע. און איך וועל אייך שוין אַרויס געבען אַ פּסק ווען איר וועט קומען צו מיר. דער וויל זאָלסטו דאָרט מפורסם מאַכען אין דעם חאַלד פאַר דעם גראַפס אַלע מענשען, אַז אויך אויף דאָס יאָהר האָסטו געקויפט די טויזענד ביימער, און וועסט זיי אויך קענען ווייזען דעם נייען קאָנטראַקט, וואָס וועט זיין געחתמ'הט מיט דעם גראַפס אייגענע חתימה, דו זאָלסט נאָר נישט קיין מורא האָבען, נאָר זאָלסט אַלעס טהון פּעסט און זיכער אַזוי ווי אַלע יאָהר. נאָך די אַלע רייד האָט איהם דער שפּאָלער זיידע געבענשט. און דער ווייסער ר' בער איז פון דאָרט אַהיים געפאָרען און ער האָט געטהון אַלץ, אַזוי ווי דער שפּאָלער זיידע האָט איהם געהייסען.

דער גראַף פּאָטאָצקי איז פאַר פּסח געקומען דאָרט אין יענער נחלה ווי עס איז געוועזען דער וואַלד, און ער איז דאָרט פערבליבען אַ גאַנצען חודש. צו דעם בעשטימטען טאָג זענען געקומען אַלע סוחרים, וואָס האָבען אָבגעגעבען דעקלעראַציעס צו קויפען ביים גראַף פערשידענע מינים סחורות. און אין דעם דאָרטיגען קאַנצעלאַר זענען געזעסען דעם גראַפס פערוואַלטערס און האָבען אָבגעשטימט, וועד ס'זאָל בלייבען ביים קויפען, און וועד ס'זאָל צוריק בעקומען זיין קאָלציע מיט זיין דעקלעראַציע. דער ווייסער ר' בער איז פערשטעהט זיך געבליבען צווישען די וואָס האָבען צוריק בעקומען זייער געלד. און די וואָס זענען יאָ געבליבען ביי די געשעפטען, זענען צוגעגאַנגען צו אַ בעשטימטען טיש ווי עס זענען געזעסען ספּעציעלע שרייבערס, וועלכע האָבען אויסגעשריבען און געחתמ'עט פאַר די סוחרים זייערע קאָנטראַקטען. אַלץ איז צוגעגאַנגען אין דער קאַנצעלאַריע שטיל און רוהיג. דער גראַף איז זיך אַוועק געפאָהרען ווייטער, און די סוחרים זענען זיך פריילין אַהיים געפאָרען יעדער מיט זיין קאָנטראַקט. און האָבען געהאָפּט אין אַ קורצע צייט אַרום ווידער צו קומען נעמען די סחורה וואָס זיי האָבען געקויפט. צווישען די סוחרים וואָס האָבען בעקומען קאָנטראַקטען, איז אויך געוועזען אויסגערעכענט מאיר פינסקער.

נאָר מיט איהם האָט זיך זעהר אַ וואונדערליכע זאַך געטראָפען, ווען מען האָט איהם אָנגעשריבען זיין קאָנטראַקט. עס איז געוועזען אויף אַזאַ אופן. אַזוי ווי מאיר פינסקער האָט בעקומען דאָס קוויטעל פון דעם פערוואַלטער און ער איז געגאַנגען מיט דעם קוויטעל צו דעם שרייבער, אַז ער זאָל איהם אָנשרייבען אַ קאָנטראַקט אויף די טויזענד ביימער, מיט דעם תנאי אַז ווען ער מאיר פינסקער וועט קומען צונעמען די ביימער פון וואַלד, זאָל ער צו צאָהלען אין דער קאַנצעלאַריע די איבריגע פיר טויזענד רובל. וואָרען דער מאיר פינסקער האָט נישט געהאַט איינגעלעגט נאָר טויזענד רובל קאָלציע, אַזוי ווי דער ווייסער ר' בער האָט זיך תמיד געפיהרט, נאָר ער האָט צוזאַמען מיט די דעקלעראַציע באַלד אויך איינ-

געלעהגט

נעלענט דאָס געלד וואָס ער האָט מוסיף געווען, דאָס הייסט בסך־הכל דריי טויזענד רובל. איז דאָך אויס געקומען לויט חשבון, אַז ער זאָל ניט מעהר בעדאַרפֿען צוצאָהלען דאַמאָלס ווען ער וועט אַרויס נעמען די ביימער נאָר פֿיר טויזענד רובל. גראַדע אַזוי ווי דער וויסער ר׳ בער האָט אַלע מאָל בעדאַרפֿט צוצאָהלען. האָט זיך אַזוי נאָך דער שרייבער פֿון די קאָנטראַקטען איינגאַנצען פֿערגעסען. דהיינו ער האָט אויפגעמישט דעם בוך פֿון די פֿאָריגע יאָהרען. און ער האָט דורך געקוקט דעם נוסח פֿון די פֿאָריגע קאָנטראַקטען, האָט ער געזעהן אַז זיי זענען אויך אויף אַזאַ אופֿן אָנגעשריבען. דאָס הייסט אַז כמעט אָבגעטען די בויטער דאַרף דער סוחר צוצאָלען פֿיר טויזענד רובל. איז דעם שרייבער נאָר ניט געקומען אויפ׳ן געדאַנק אַז דער סוחר וואָס שטעהט פֿאַר איהם איז ניט דער איינענער פֿון אַלע מאָל, דאָס הייסט דער וויסער ר׳ בער אָדער ער האָט פֿערגעסען זיך איבער צופֿרעגען דעם נאָמען מאיר פּינסקער. דערצו נאָך איז מאיר פּינסקער אויך געווען זעהר אויפגערעגט, און ער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. על כן האָט דער שרייבער אויסגעשריבען דעם קאָנטראַקט מיט דעם זעלבען נוסח וואָרט ביי וואָרט אַזוי ווי עס איז געשטאַנען איינגעשריבען אין בוך. ער האָט דעם קאָנטראַקט אויך געחתמ׳ט צוזאַמען מיט אַלע קאָנטראַקטען מיט דעם גראַף פּאָטאָצקיס חתימה, און ער האָט דעם קאָנטראַקט אַוועק געגעבען דעם מאיר פּינסקער. און אַזוי ווי דער מאיר פּינסקער איז דאָך אָבער געווען פֿון רוסלאַנד, האָט ער נאָר קיין פּויליש ניט געקאָנט לייענען און ניט שרייבען, האָט ער דעם קאָנטראַקט אפילו ניט רעכט אָנגעקוקט, נאָר ער האָט איהם גלייך בעהאַלטען אין זיין טאַש, און איז זיך אַהיים געפֿאָרען אויף פסח מיט דער גרעסטער שמחה.

ראש חודש אייר איז זיך מאיר פּינסקער געקומען צופֿאָרען אין דעם וואַלד אַריין, מיט נאָך אַ מענש אַ שרייבער זיינער, בכדי זיי זאָלען זיך אויסקלויבען טויזענד גוטע ביימער, און זיי אָנצייכנען, אַז די האָלץ־העקערס זאָלען זיי אָבשניידען. מאיר פּינסקער מיט זיין שרייבער זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם גרויסען וואַלד אַריין, און האָבען אָנגעהויבען באַטראַכטען יעדען בוים און אויסקלויבען די בעסערע. דערווייל האָבען זיי זיך אָבגעטהיילט איינער פֿון דעם אַנדערען. פּלוצלונג זענען אָנגעקומען צוויי בעוואָפֿענטע פערד־רייטער, וואָס האָבען אויסגעזעהן אַזוי ווי וואַלד וועכטערס וואָס ווערען אָנגערופֿען „נאַדלעשנים“. און אַז זיי האָבען דערזעהן דער סוחר מאיר פּינסקער ווי ער בעטראַכט און טעסט אוים יעדען בוים, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און האָבען איהם געפֿרעגט ווער ער איז, ווי ער הייסט, און וואָס ער טהוט דאָ. מאיר פּינסקער איז זעהר דערשראָקען געוואָרען פֿאַר זיי און האָט זיי געזאָגט אַז ער הייסט מאיר פּינסקער און אַז ער האָט דאָ געקויפט טויזענד ביימער. די רייטערס האָבען איהם אָבער ניט געוואָלט גלויבען אויפ׳ן וואָרט, און האָבען איהם געהייסען וויזען דעם קאָנטראַקט,

בכדי

כּבדי זיי זאָלען זעהן צו ער נאַרט זיי נישט. מאיר פּינסקער האָט זיי באַלד
געוויזען זיין קאָנטראַקט. נאָר אַזוי ווי די רייטער האָבען דורכגעלעזען דעם
קאָנטראַקט, האָבען זיי איהם נאָך אַ מאָל געפרעגט ווי ער הייסט. דער סוחר
האָט זיי נאָך אַ מאָל גיענטפערט אַז ער הייסט מאיר פּינסקער. דאַמאָלס
האָבען זיי אָנגעהויבען צו שרייען אויף איהם און האָבען זיך שטאַרק געבייזערט
אויף איהם, כּאַשר אַז ער איז אַ גנב און ער האָט זיי אָבגענאַרט, בּעוויל
אין דעם קאָנטראַקט שטעהט נאָר פֿערשריבען אַנאַנדערער נאָמען, קומט
אַלזאָ אויס אַז ער האָט דעם קאָנטראַקט צוגעגנב׳ט פֿון דעם אמת׳ן סוחר.
זיי האָבען זיך אָבער נישט בּעגנוגענט מיט בּלויז רעדען און שרייען, נאָר
זיי האָבען איהם אויך טכבד געוועזען מיט די נאַגייקעס וואָס זיי האָבען געהאַט
פיר זייערע פֿערד. און האָבען איהם אַזוי לאַנג געשלאָגען בּיז ער איז אַנידער
געפֿאַלען, און ער האָט זיך בּעגאָסען מיט בּלוט. אָבער אויך דאַמאָלס
האָבען זיי איהם נישט געלאָזט צורוה, נאָר זיי האָבען איהם בּעפוילען, אַז
זאָל תּיכף מאַכען פּליטה פון דעם וואַלד. און מאיר פּינסקער וואָס האָט נאָך
נוט געפּיהלט זייערע קלעפּ האָט פערשטאַנען אַז אויב ער וועט זיי נישט
פאָלגען וועט נאָך ערגער זיין. איז ער טאַקי אַרויס געלאָפען מיט די לעצטע
כּחות. און זיי די רייטערס זענען איהם נאָך נעלאָפען און האָבען איהם אַלע
מאָל אונטער געיאָגט מיט זייערע נאַגייקעס, בּיז ער איז אַרויס פון דעם
וואַלד. דאַמאָלס זענען זיך די רייטערס צוריק געריטען אין וואַלד אַריין,
און מאיר פּינסקער איז אַנידער געפאַלען אין חלשות פון גרויס ווייטאָג און
מידעקייט. דערוויילע האָט דער שרייבער זיך אַרומגעקוקט אַז זיין בּעל הבית
דער מאיר פּינסקער איז נישטאָ, האָט ער אָנגעהויבען זוכען איהם אין אַלע
זייטען, ער האָט איהם גערופען בּיי זיין נאָמען, אָבער אין קול ואין עונה,
נישט ער האָט איהם געזעהן, און נישט ער האָט איהם געהערט. האָט ער
זיך מישב געווען און איז אַרויס געלאָפען פון וואַלד זעהן אפשר איז ער אין
דרויסען, האָט ער טאַקי דערזעהן ווי דער מאיר פּינסקער איז געלעגען
האַלב טויט אויף דער ערד אייגעשמירט אין זיין אייגען בּלוט. דער שרייבער
האָט איהם גענומען ראַטעווען, האָט ער דערזעהן אַז ער האָט נאָך די נשמה
אין זיך, האָט איהם דער שרייבער אַזוי לאַנג געמונטערט בּיז נאָך פיל מיה
און אַרבּייט איז ער קוים צוזיך צוריק געקומען. דער שרייבער האָט איהם
גענומען פרעגען וואָס איז דאָ אַזעלכעס געשעהן מיט איהם. אָבער מאיר
פּינסקער האָט איהם גיענטפערט אַז ער האָט נישט קיין כּח איהם צו דער-
צעהלען. און ער האָט געבעטען דיזם שרייבער זיינעם אַז ער זאָל זיך
דערבּאַרעמען איף איהם און ער זאָל מיט איהם פאָרען צו אַ דאָקטאָר.
דער שרייבער האָט איהם געפּאָלגט און זיי זענען געפאָהרען צו אַ דאָקטאָר.
האָט איהם דער דאָקטאָר פֿערבּאַנדאַזשירט און אָבגערייניגט זיינע וואונדען
און האָט איהם אָנגעזאָגט אַז ער זאָל זעהן ווי אַמשנעלסטען אַהיים צו
פאָרען, און ער זאָל ליגען חאָטש אַ פּאָר וואָכען אין בּעט. דאַמאָלס וועט
ער האָבען אַ רפואה. זיי האָבען איהם טאַקי געפאָלגט און זיי זענען גלייך
אהיים

אַהיים געפֿאָרען. און ערשט נאָך צוויי חדשים איז מאיר פינסקער אַביסעל צו זיך געקומען, און ער האָט שוין אָנגעהויבען אַרומנעהן אָנגעלעהנט אויף זיין שטעקען.

דער ווייסער ר׳ בער האָט געטוהן אַלץ אַזוי ווי דער שפאָלער זיידע האָט איהם געהייסען. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול אַז אויך דאָס יאָהר האָט ער אָבגעקויפט ביים גראַף פּאָטאָצקי די טויזענד ביימער. און ער מיט זיין שרייבער זענען אַהין געפאָרען אין דעם וואַלד אַריין אין ל״ג בעומר. זיי האָבען זיך גענומען צום אויסקלויבען און אויסשטעמפּלען די בעסערע ביימער פאַר זיך, און האָבען באַלד בעגעגענט צוויי וואַלד=וועכטערס וואָס ווערען אָנגערופען „נאַרלעשנים״. די „נאַרלעשנים״ האָבען זיך זעהר געפריידט מיט דעם ווייסען ר׳ בער און האָבען איהם געפרעגט צו האָט ער אויך אויף דאָס יאָהר געקויפט די טויזענד ביימער. דער ווייסער ר׳ בער האָט זיי גיענט=פערט אַז יאָ, נאָר אַז ער האָט אַביסעל עגמת נפש, מחמת דער נייער קאָנטראַקט איז איהם פערלוירען געוואָרען. האָבען איהם די „נאַרלעשנים״ בעזאָגט זאָלסט גאָר נישט זאָרגען, ווייל דיין קאָנטראַקט האָבען מיר. דער ווייסער ר׳ בער האָט זיי באַלד געוויזען פאַר אַ סימן זיין פאַר אַ יאָהריגען קאָנטראַקט. האָבען די נאַדלעשנים געזעהן, אַז אויך אין דעם נייען קאָנ=טראַקט שטעהט אַזוי געשריבען וואָרט ביי וואָרט, האָבען זיי איהם דער=צעהלט ווי אַזוי עס איז זיי געלונגען אַרוים צוקריגען דעם קאָנטראַקט פון דעם גנב, און זיי האָבען איהם אַוועק געגעבען דעם נייען קאָנטראַקט, און האָבען זיך געלאָזט ווייטער רייטען.

דער ווייסער ר׳ בער האָט זיי זעהר געדאַנקט פאַר די טובה וואָס זיי האָבען איהם געטהון, און ער איז אויך אַוועק און האָט ווייטער געטהון זיין אַרבייט אַזוי ווי אַלע יאָהר. ער האָט אויסגעקליבען פערצייכענט און אויסגעשניטען טויזענד ביימער פון דעם וואַלד. פאַר אַלעמען האָט ער מפורסם געמאַכט אַז ער האָט דאָס יאָהר אויך אָבגעקויפט די טויזענד ביימער, ער האָט אויך געוויזען דעם גראַפס געשעפטס=פיהרער זיין קאָנטראַקט, און קיינער האָט איהם קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט. דורך דער צייט וואָס מאיר פינסקער איז געלעגען קראַנק, האָט דער ווייסער ר׳ בער זיך בעמיהט צו מאַכען זיין אַרבייט אין וואַלד וואָס שנעלער. ער האָט טאַקי גיך זיך אָנגעפערטיגט. ער האָט בעצאָהלט אין דער קאַנצעליאַר די איבריגע פיר טויזענד רובל, וואָס זענען צוגעקומען, און ער האָט אַרויסגענומען אַ קוויט אַז ער מעג שוין זיין סחורה אַרוים נעמען, ווייל ער האָט שוין אַלץ בעצאָהלט. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען די ביימער אַרוים צו פיהרען.

עס זענען פערביי דריי חדשים, און דער סוחר מאיר פינסקער איז ווידער געזונד געוואָרען. דאַן איז ער אַהינגעפאָהרען אין דער קאַנצעלאַריע אַריין. און האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער איז דאָס דער סוחר וואָס ער האָט געקויפט די טויזענד ביימער. און ער האָט זיי דערצעהלט דאָס גאַנצע אומגליק וואָס איהם האָט געטראָפען אין וואַלד, ווי אַזוי די „נאַדלעשנים״

האָבען

האבען אויף איהם געמאכט אבלבול אז דער קאנטראקט איז נישט זיינער,
און זיי האבען איהם געשלאגען אזעלכע מכות אכזרויות און האבען איהם
צוגענומען דעם קאנטראקט, און ער האט געמוזט ליגען ביז יעצט און
בעט קראנק. על כן האט ער געבעטען די שרייבערם זיי זאלען איהם געבען
אנאנדערען קאנטראקט, בכדי ער זאל זיך קענען נעמען צום אויסשניידען
די ביימער. נאר די שרייבערם האבען איהם נאר נישט דערקענט. ווייל דער
שרייבער וועמען ער האט געהאט דאס ערשטע מאל געגעבען די דעקלע=
ראציע מיט די דריי טויזענד רובל איז שוין יעצט נישט דא געוועזען. ער איז
געוועזען אבגעפארען אין אנ'אנדערע נהלה פון דעם גראף פאטאצקי. על כן
האבען די אלע איבריגע שרייבערם אויף איהם געקוקט ווי אויף א מענש וואס
איז משוגע, און זיי האבען איהם אלע געזאגט. סטייטש דער וויסער ר'
בער וואס האט יעדעס יאהר אבגעקויפט די טויזענד ביימער, האט דאך אויך
דאס יאהר זיי אבגעקויפט, און עס איז שוין איינינע טעג פערביי זייט דער
זעלבער וויסער ר' בער איז דא געוועזען. ער האט צוגעצאהלט די רעשט פיער
טויזענד רובל און ער פיהרט זיך שוין ארוים די ביימער פון וואלד. אז
מאיר פינסקער האט זייערע רייד דערהערט, איז ער זעהר דערשראקען
געווארען, און ער האט אנגעהויבען פון גרוים צער צו וויינען און צו
שרייען, אז נישט אנדערש נאר דער וויסער ר' בער האט געגעבען שוחד=
געלד די נאדלעשנים, אז זיי זאלען איהם אזוי שלאגען, און זאלען ביי איהם
צו חאפען זיין קאנטראקט און אוועקגעבען דעם וויסען ר' בער. האבען
איהם די שרייבערם ווידער גיענטפערט. ווי אזוי קענסטו אזוי זאגען,
ווערענד אין דעם קאנטראקט וואס דער וויסער ר' בער האט אונז געוויזען
שטעהט דאך נאר פערשריבען זיין נאמען, נישט דיין נאמען. ווי אזוי זאל דאס
זיין מעגליך אז דו האסט געקויפט די ביימער? האט ווידער דער מאיר
פינסקער גענומען שרייען פון גרוים כעס אויף די שרייבערם. איר זייט אלע
גנבים, אפילו דער וואס האט מיר דעם קאנטראקט אנגעשריבען האט אויך
גענומען שוחד=געלד פון דעם וויסען ר' בער, אז ער זאל נישט איינשרייבען
מיין נאמען, נאר זיין נאמען, נאהך די רייד זענען שטארק אין כעס געווארען
די שרייבערם אויף דעם מאיר פינסקער, דערפאר וואס ער האט זיי אלע
געמאכט פאר גנבים, און זיי האבען איהם שוין אפילו נישט געוואלט ענט=
פערען. אויף אזא אופן האט מאיר פינסקער זיך ארומגעזעהן אז ער איז
אריינגעפאלען אין א נעץ, און אז ער וועט שוין דא גאר נישט אויספיהרען,
איז ער טרויריג און בייז אהיים געפארען.

אין דער היים האט אבער מאיר פינסקער נישט געקאנט איינרוהען,
און ער האט אנגעהויבען קלערען עצות וואס ער זאל דא טהון און זיך עפעס צו
העלפען. האט ער בעשלאסען אז די בעסטע עצה דאצו איז, אז ער
זאל וועגען דעם אומגליק זיך ווענדען צו דעם גראף פאטאצקי זעלבסט. האט
ער חוקר ודורש געוועזען אין וועלכען ארט דער גראף געפונט זיך יעצט, און
ער איז צו איהם אהינגעפארען און האט איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה

פון

פון אָנהויב ביז דעם סוף. ער האָט פאַר איהם זעהר שטאַרק געוויינט און האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל איהם און דעם אָרעם העלפען, וואָרעם פאַר דעם גראַף אַליין איז דאָך אויך ניט שעהן, אַז ביי איהם און זיינע נחלאות זאָל פּאָרקומען אַזאַ עֶפּענטליכע גזולה. דער גראַף האָט איהם אויסגעהערט און ער האָט איהם געענטפערט, אַז דאָרט ווי ער איז יעצט קען ער פאַר איהם גאָר ניט אויסטוהן, נאָר אַזוי ווי אין גוכען דאַרף ער טאַקי זיין ביי דעם זעלבען וואַלד, האָט ער איהם אויסגעזעצט אַ טאָג אין וועלכען ער האָט איהם געהייסען קומען צו זיך אין קאַנצעלאַריע אַריין, דאַמאָלס וועט ער שוין די זאַך גוט אויס פאָרשטען, און ער וועט שוין וויסען ווי אַזוי איהם צו העלפען. עס איז טאַקי אַזוי געוועזען. אויף דעם בעשטימטען טאָג איז דער גראַף געקומען, און מאיר פינסקער איז אויך געקומען. האָט דער גראַף געשיקט נאָך דעם וויַסען ר' בער און האָט איהם די מעשה איבער געפרעגט האָט זיך דער ווייסער ר' בער געמאַכט גלייך ווי ער ווייסט פון גאָר ניט.

און ער האָט געענטפערט דעם גראַף, אַז אויך דאָס יאָהר האָט ער אַזוי ווי שטענדיג אָבגעקויפט ביים גראַף די טויזענד ביימער, און ער האָט איהם אויך געוויזען זיין קאָנטראַקט, אויף וועלכען דעם גראַפס חתימה איז געלעגען. דער מאיר פינסקער האָט אָבער אויך געטענה'ט און געשריגען, אַז דער ווייסער ר' בער זאָגט ליגענד, אַז נאָר ער איז דער קונה, און דין „נאַדלעשנים" האָבען דאָס געטוהן מיט אַ כיון, וואָס זיי האָבען איהם אַזוי שטאַרק געשלאָגען און האָבען פון איהם צוגענומען דעם קאָנטראַקט. האָט דער גראַף געפרעגט מאיר פינסקר'ן, צו וועסטו דערקענען די נאַדלעשנים וועלכע האָבען דיך געשלאָגען? האָט מאיר פינסקער געענטפערט, יאָ! זייערע שרעקליכע געזיכטער מיט זייער מוראָדיגען אויסזעהן זעגען נאָך ניט פערשוואונדען געוואָרען פון מיינע אויגען. און אַפילו שלאָפענדיגער הייט זעה איך זייערע מורא'דיגע צורות אין חלום. האָט דער גראַף זיך געהייסען ברענגען אַלע זיינע „נאַדלעשנים" פון דעם וואַלד, און ער האָט בעפוילען דעם מאיר פינסקער אַז ער זאָל דערקענען די „נאַדרעשנים" וועלכע האָבען איהם געשלאָגען אָבער מאיר פינסקער האָט אַלע נאַדלעשנים גוט אָנגעקוקט און האָט ניט דערקענט צווישען זיי, וועלכע האָבען איהם געשלאָגען. דאַמאָלס האָט ער גענומען שרייען. „פאַר וואָס זענען ניט געקומען די „נאַדלעשנים" וועלכע האָבען מיך געשלאָגען? פאַר וואָס האָט מען זיי בעהאַלטען" האָט דער גראַף צו איהם געזאָגט „דו האָסט שוין מיינע אַלע מענשען געמאַכט פאַר גנבים און שוחד־נעמערס. יעצט ווילסטו אויך מיך חושד זיין, אַז איך האָב עקסטראָ ניט געהייסען ברענגען די יעניגע, וועלכע האָבען דיך געשלאָגען, נאָר איך האָב זיי געלאָזט בעהאַלטען זאָלסט דו וויסען אַז דו האָסט זיך שוין צופיל בענאַרישט. ניט אַנדערש, נאָר אַז עפּעס אַ משוגענער רוח איז אין דיר אַריין און האָט דיר פערדרעהט דעם קאָפּ. באַשר אַז דו האָסט געקויפט די טויזענד ביימער. על כן זאָג איך דיר אָן אַז דו זאָלסט שוין אַהיים פאָרען און זאָלסט מיך מעהר ניט בעמיהען מיט פוסטע פאַנטאַזיעס און נאַרישע חלומות":

ווי מאיר פינסקער האט ! ...ט זיין פסק האט ער אנגעהויבען ביטער צו וויינען און שרייען. „וועה! וועה! צו האט זיך נאך ווי געהערט אז עס זאל געטוהן ווערען אזא גרויס אומרעכט ביים גראף פאטאצקי! מען זאל צו נעמען גאנץ אומזיסט ביי א מענש דריי טויזענד רובל? און צו דעם האט מען נאך מיך גוט געשלאגען, ביז איך בין קראנק געווארען, און יעצט מאכט מען נאך מיר פאר משוגע אויך. סטייטש ווען דער ווייסער ר' בער זאל טאקי באמת האבען געקויפט אויך דאס יאהר די טויזענד בייטער, פאר וואס האט ער עפעס פלוצלונג דערלעגט צוויי טויזענד רובל מעהר? ווער האט איהם דאצו געצוואונגען. איז דאך דאס די בעסטע ראי' אז איך בין דער קונה, איך האב גיגעבען די הוספה, נישט דער ווייסער ר' בער, און דער שווינדעל איז אבגעטוהן געווארען עקסטרא דורך אנדערע מענשען, בכדי מיך מדחה צו זיין פון דעם געשעפט, און היזק צו מאכען מיר דריי טויזענד רובל". וועיל זיינע רייד זענען טאקי געוועזן וואהר און זענען ארויס פון דער טיפעניש פון זיין הערץ, זענען זיי אויך אריין אין דעם הארץ פון גראף. האט ער בעפוילען זיינע מענשען אז זיי זאלען מאכען ארעמאנענט=חשבון פון די אלע געלדער וואס דער וואלד מיט די נחלה האבען איהם איינגעט=ראגען דאס יאהר. האט זיך טאקי נאך דעם חשבון ארויס געוויזען, אז דער מאיר פינסקער רעדט יא עפעס צו די זאך, בעוועיל דער חשבון פון די טויזענד ביימער האט בעטראפען זיבען טויזענד רובל. דאמאלס איז דער גראף זעהר פערוואונדערט געווארען, און ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל טהון, בעוועיל דער ווייסער ר' בער האט דאך פארט געהאט א קאנטראקט אזוי ווי אלע יאהר מיט דעם גראפס חתימה. האט ער פערשטאנען אז ביי דעם עסק איז עפעס דא א בעהאלטענער סוד, און אז דאס וועט איהם קיינער נישט קענען ענטדעקען, אויסער דער ווייסער ר' בער. על כן האט דער גראף תיכף געשיקט רופען דעם ווייסען ר' בער. ער האט זיך מיט איהם פערשלאסען אין א בעזונדערען חדר, און דער גראף האט צו עם אזוי געזאגט „איך זעה דאך אז עפעס א בעהאלטענער סוד שוועבט אויף דעם ענין, על כן בעהט איך דיך זעהר אז דו זאלסט מיר מגלה זיין דעם סוד, ווי אזוי איז דער קאנטראקט געקומען אין דיין האנד אריין. דו זאלסט נאר נישט מורא האבען, איך זאג דיר צו אז איך וועל דיר נישט צו נעמען דאס עסק פון די טויזענד ביימער נישט דאס יאהר, און נישט קיין מאל. נאר דו זאלסט מיר זאגען דעם אמת. עס איז מיר זעהר א גרויס וואונדער די גאנצע זאך. איך קען נישט רוהען ביז דו וועסט מיר זאגען דעם אמת".

אז דער ווייסער ר' בער האט דערהערט די רייד פון גראף, האט ער איהם אזוי געזאגט. אז עס איז יא אזוי, בין איך שוין געצוואונגען זיך מודה צו זיין און אויסזאגען דעם גאנצען סוד און דער ווייסער ר' בער האט איהם טאקי באלד דערצעהלט, וואס דא איז פארגעקומען פון אנהויב ביז דעם סוף, און ער האט איהם דאביי מודיע געוועזן אז דאס אלץ איז א מופת פון דעם הייליגען צדיק דעם שפאלער זיידען. און אז די „נאדלעשניס"

וועלכע

וועלכע האבען אזוי געשלאגען דעם מאיר פינסקער און האבען ביי איהם צו גענומען זיין קאנטראקט, איז קיין ספק נישט דאס זיי זענען נישט געוועזען פון דעם גראפס „נאדלעשנים” נאר זיי זענען געוועזען רוחות אין דעם גע־שטאלט פון „נאדלעשנים”, און זיי זענען געוועזען שלוחים אויסצופיהרען דאס, וואס דער שפאלער זיידע האט איהם מבטיח געוועזען, בעוויל דער שפאלער זיידע איז זעהר ברוגז אויף א יוד, וועלכער איז משיג גבול דעם צווייטען יוד. דער גראף איז שטארק נתפעל געווארען פון די רייד, א קאלטער שוויים האט אים בעגאסען. און ווען ער האט זיך א ביסעל בערוהיגט האט ער געפרעגט דעם וויסען ר׳ בער. „וואס וועלען מיר יעצט טהון מיט מאיר פינסקער, וועלכער שרייט און וויינט איבער דער גרויסער עולה, וואס מען האט איהם געטהון”? האט איהם דער וויסער ר׳ בער גיענטפערט. עס וועט שוין זיין רעכט. דער זעלבער צדיק האט מיר פאראוים געזאגט, אז ווען עס וועט קומען די צייט, זאלען מיר ביידע צו איהם קומען, וועט ער אונז אוים־גלייכען און וועט אונז געבען א פסק וואס מיר זאלען טהון. האט דער גראף איהם געזאגט. זעהר גוט, איך אליין וועל אויך מיט פארען, בעוויל איך וואלט זעהר וועלען אנקוקען דעם געטליכען מאן:

אלע דריי זענען אבגעפאהרען נאך שפאלע, און אלע דריי האבען זיך צוזאמען געשטעלט פאר דעם שפאלער זיידען. בעוויל דער גראף פאטאצקי האט אנגעבעטען די צוויי סותרים, אז זיי זאלען נישט אוים זאגען פאר דעם שפאלער זיידען, אז ער איז דאס דער גראף. נאר זיי זאלען זאגען אז ער איז דעם גראפס א מענש, וועלכער איז מיט געפארען הערען דעם פסק, ער זאל וויסען וואס מיט זיי צו מאכען, על כן האט ער נישט געלאזט קיינעם פון די סותרים, זיי זאלען פריהער אריינגעהן, בעוויל ער האט מורא געהאט, זיי זאלען דאס נישט אויסזאגען דעם שפאלער זיידען. נאר זיי זענען אלע דריי צוזאמען אריינגעגאנגען. דער שפאלער זיידע האט אבער גלייך, ווי ער האט נאר זיי אנגעקוקט, פריהער דערלאנגט זיין האנד דעם גראף פאטאצקי און האט איהם בעגריסט אויף פוילניש, לויט דעם טיטול וואס גיהער צו א גראף, און האט איהם געבעטען זעצען. דער גראף איז צוטומעלט געווארען ער האט געזעהן דאס דער צדיק איז ווירקליך א געטליכער מאן, און דערצו אויך א גרויסער חכם. דערנאך האט אים דער שפאלער זיידע פערבעטען אין א בעזונדער חדר אריין. דארט האט ער איהם זעהר פיין אויפגענומען, און האט מיט איהם גערעד זעהר א לאנגע צייט פון אזעלכעס וואס קיינער האט עס זיך נישט דערוויסט. אויסער פון דעם וואס עס האט געהאט א שייכות צו דעם גופא עסק פון די צוויי סותרים, האט מען זיך יא דערוויסט וואס זיי האבען גירעדט. דער גראף האט געפרעגט דעם שפאלער זיידען א גרויסע קושי׳. „איר האט צוגעפיהרט פערשידענע סיבות, בכדי דאס עסק זאל צדיק בלייבען ביי דעם וויסען ר׳ בער אין די האנד, בעוויל דער מאיר פינסקער האט עובר געוועזען אויף די עבירה פון השגת גבול, וועלכעס איז אייך יודען פערבאטען. פאר וואס אבער האט איהר אזוי אויסגעפיהרט. אז דער מאיר פינסקער זאל אזוי שטארק בעקומען געשלאגען, און ער האט

דאריבער נעמוזט זיך היילען דריי חדשים ! פערגיסען יענעמס בלוט איז דאך ביי איהך פערעכענט נאך פאר א גרעסערע עבירה ווי מאכען א השגת גבול״ ! נאר ער איז דער שפאלער זיידע האט איהם דארויף גאר נישט ניעגטפערט. נאר ער איז אריינגענאנגען אין די רביצין׳ס חדר אריין, האט פון דארט ארויס גענומען א גרויען שפינעל, און ער האט גענומען א גלאז קאלט וואסער און האט געבעטען דעם גראף ער זאל זיך אויסוואשען זיינע אויגען מיט דעם וואסער. דער גראף האט אזוי געטוהן. דער נאך האט ער געזאגט דעם גראף אז ער זאל אריינקוקען אין דעם שפינעל אריין.

ווי נאר דער גראף האט איינינע מינוטען אריין געקוקט אין שפינעל אריין, איז ער פלוצלונג זעהר דערשראקען געווארען און ער האט אנגעהויבען שרייען „וועה ! וועה ! גענוג שוין ! גענוג שוין ! לאזט איהם שוין אב ! ער קאן דאך נאך שטארבען פון אזעלכע קלעפ״ ! באלד האט דער שפאלער זיידע אוועק גענומען דעם שפינעל פון דעם גראפ׳ס אויגען. און דער גראף איז געבליבען שטעהן מיט צוטומעלטע געדאנקען. ער האט גאר נישט געדענקט ווי ער געפונט זיך. נאר בישלעכווייז האט ער זיך בערוהיגט, און האט אנגעהויבען בעטען דעם שפאלער זיידען, ער זאל איהם זאגען וואס איז דאס פאר א בילד וואס ער האט געזעהן. האט איהם דער שפאלער זיידע געפרעגט. דערצעהלט נאר מיר וואס איר האט געזעהן. האט דער גראף דער צעהלט. איך האב געזעהן ווי דער סוחר מאיר פינסקער זיצט אין א ווייג-האנדעל, אזוי ווי א בעל הבית אין זיין געשעפט. דער וויסער ר׳ בער אלם משרת ברענגט פון א קעלער א קויבער ווין. עס פאלען אראב און עס ווערען צובראכען איינינע פלעשער ווין. ווערט דעם סוחר מאיר פינסקער זעהר שטארק בייז, ער קריצט אויף איהם מיט די ציין און רופט אריין א הויכען מענש, וועלכען ער דערלאנגט א לאנגען און א גראבען „ראפניק״ און בעפעהלט דעם מענש דאס ער זאל שלאגען דערמיט דעם וויסען ר׳ בער אזוי לאנג, ביז ער וועט איהם זאגען אז עס איז שוין גענוג. דער הויכער מאן האט איהם געפאלגט און איז גלייך בעפאלען דעם וויסען ר׳ בער. און אזוי שטארק איהם גענומען שלאגען ביז ער האט זיך בעגאסען מיט בלוט. מיר האט זיך געדוכטען, דאס איך בין אין דעם זעלבען ווין-האנדעל, האב איך שוין נישט געקענט מעהר דאס בילד ציזעהן. איך האב געמיינט אז עס קומט טאקי ווירקליך אצינד אזוי פאר. האב איך אנגעהויבען בעטען עס זאל שוין זיין גענוג. און איך האב געוואלט ראטעווען דעם וויסען ר׳ בער פון זיין שלעגער. נאר יעצט זעה איך דאך נאר אז דאס איז נאר געוועזען א זא פאנטאזיע, וויל איך וויסען וואס האט דאס געזאלט בעדייטען ! האט איהם דער שפאלער זיידע ניעגטפערט, נישט קיין פאנטאזיע בילד האב איך דיר געוויזען. נאר א אמת בילד. און ער האט איהם אזוי דערצעהלט.

עס איז שוין מעהר ווי הונדערט יאהר פאראיבער, זייט די עולה איז געשעהן געווארען. אז די צוויי סוחרים זענען שוין לאנג געוועזען אויף דער וועלט. דאמאלס איז מאיר פינסקער געוועזען א ווין סוחר. און דער וויסער

ר' בער, זיינם א משרת. דאס בילד וואס דו האסט נאר וואס געזעהן איז דאמאלס טאקי געטוהן געווארען. און נאך דעם ווי די ביידע סוחרים זענען געשטארבען, זענען זיי נאך אמאל מגולגל געווארען אויף דער וועלט, און באיר פינסקער איז יעצט געשטראפט געווארען מדה כנגד מדה. אזוי ווי דאמאלס איז דער ווייטער ר' בער געשלאגען געווארען מיט מכות אכזריות, צוליב דעם בעפעהל פון מאיר פינסקער, אזוי איז יעצט מאיר פינסקער געשלאגען געווארען מיט מכות אכזריות, צוליב דעם עסק פון דעם ווייסען ר' בער. נאכדעם האט דער שפאלער זיידע נעגעבען צו פערשטעהן דעם גראף, אז דאס וואס עס שטעהט וכל מעשיך בספר נכתבים (אלע דיינע ווערק ווערען אין א ספר פערשריבען.) מיינט מען נישט אז אין הימעל איז דא א בוך מיט א טינט, און אלס וואס דער מענש טהוט ווערט דארט אין דעם בוך איינגעשריבען, גלייך ווי מיר שרייבען דא אויף דער וועלט. נאר מען מיינט אז אליין וואס דער מענש טהוט אויף דער וועלט, ווערט אין הימעל דאס בילד פון דער מעשה אויסגעמאהלט אויף א יריעה. אזוי ווי מיר זעהן היינט אויף דער וועלט, אז מען קען מאכען א פאטאגראפיע פון יעדע זאך אזוי ווערט דארט אין הימעל אויך געמאכט א פאטאגראפיע פון יעדער זאך. וואס דער מענש טהוט אויף דער וועלט. דער אונטערשיעד איז נאר אז די פאטאגראפיע וואס ווערט געמאכט אויף דער וועלט, האט נישט אין זיך קיין לעבען און קיין בעוועגונג. אבער יענע פאטאגראפיעס האבען יא אין זיך לעבען און בעוועגונג. און נאך דעם מענשענס טויט ווייזט מען איהם אין הימעל אלע זיינע מעשים לעבענדיגערהייט אזוי ווי זיי זענען געטהון געווארען. ווי באלד איינער שלאגט זיין חבר אויף דער וועלט, און זיין חבר שרייט, ווערט דערפון געמאכט א פאטאגראפיע און הימעל, פון וועלכער מען קען שטענדיג זעהן די מעשה אזוי ווי זי איז געוועזען. מען קען אויך הערען די געשרייען און די רייד וואס זענען דאמאלס פארגעקומען. וויל אין הימעל ווערט קיין זאך נישט פערלוירען. דער גראף האט זיך איבער די רייד זעהר פערוואונדערט, און ער איז שטיל געבליבען אזוי ווי איינער וואס ווייסט נישט צו זאל ער יא גלויבען צו נישט. דער שפאלער זיידע האט אבער גלייך דערקענט, וואס ביי איהם אין זינען קומט פאר. האט ער נעזאגט צום גראף ער זאל זיך נישט אזוי שטארק וואונדערען. בעוויל עס לוינט נאר נישט דאס אנצורופען מיט'ן נאמען וואונדער פאר דעם גרויסען בעשעפער פון דער גאנצער וועלט, און זייט וויסען, האט ווייטער דער שפאלער זיידע געזאגט. אז אין א צייט ארום וועלען די מענשען אויף דער וועלט אסך קלוגער ווערען. און זיי וועלען אויך קאנען מאכען אזעלכע פאטאגראפיעס, וואס וועלען האבען אין זיך לעבען און בעוועגונג, און עס וועט זיין מעגליך צו זעהן אזעלכע מעשים וואס זענען געטהון געווא-רען גאנץ לאנג, גלייך ווי זיי ווערען אט נאר וואס געטהון. מען וועט קענען זעהן זייערע געשטאלטען און זייערע תנועות. מען וועט קענען הערען זייערע קולות און רייד וואס זיי האבען אמאל ארוים געגעבען, אפילו אין הונדערטער

יאָהרען

יאָהרען אַרום. אויך וועט נאָך קומען אַ צייט וואָס עס וועט ענטדעקט ווערען אויף דער וועלט אַזאַ חכמה, דורך וועלכער איינער וועט קענען רעדען מיט דעם צווייטען אין איין רגע אויף טויזענדער מיילען. נו אַז מענשען קענען אַזעלכעס בעוויזען דורך די כחות וואָס דער אויבערשטער האָט בעשאַפען. וואָס איז דאָס פאַר אַ וואונדער פאַר דעם אויבערשטען אַליין, וואָס ער איז דאָס דער בעשעפער פון די אַלע כחות?

נאָך דעם האָט נאָך דער שפּאָלער זיידע צו דעם גראַף געזאָגט. בכדי דער גראַף זאָל שוין גאָר נישט זיין אין ספק איבער מיינע רייד. וועל איך ווייזען דעם גראַף נאָך איין בילד פון דעם גראַפס אייגענע מעשים. און גאַנץ זיכער וועט זיך דער גראַף זעהר פערשעהמען פון דער מעשה, און וועט אוודאי מעהר אַזעלכעס נישט טהון. דער שפּאָלער זיידע האָט נאָך אַמאָל אַוועק געשטעלט דעם שפּיגעל פאַר דעם גראַפס פנים, און ער האָט געהייסען דעם גראַף קוקען. פּלוצלונג נאָך איינינע מינוטען, האָט זיך דער גראַף שטאַרק פערשעהמט, טרעהרען האָבען גענומען גיסען פון זיינע אויגען און ער האָט אויסגעשריגען צום שפּאָלער זיידען בזה הלשון. „אָבער וואָס בין איך שולדיג אין דעם? פאַר וואָס זאָל מען אַרויפלעגען אויף מיר אַזאַ שולד וואָס איך בין אַפילו נישט געווען דאַבײַ, און איך האָב נאָר נישט געזעהן די שענדליכע מעשה”? און דעם בילד האָט דער גראַף געזעהן. ווי אין איינע פון זיינע נחלות האָט געוואָהנט אַ יוד, וועלכער האָט דאָרט געהאַלטען די „פּאַכט” שוין עטליכע יאָהר. צום סוף איז ער אָבער געוואָרען אַ בעל מום ער האָט זיך אַזוי שטאַרק פערקיהלט זיינע פיס ביז ער האָט געמוזט געהן אויף שטעקענעס אָנגעלעהנט. דערפאַר האָט ער שוין מעהר נישט געקאָנט אַרבייטען און אָבהיטען דעם עסק אַזוי ווי עס בעדאַרף צו זיין. ער איז בישלעכוויז געוואָרען אָרימער און אָרימער, און האָט שוין נישט געקענט צאָהלען כסדר פאַר דער פּאַכט, אַזוי ווי ער האָט אַלע מאָל געצאָהלט. דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַכט קליינע קינדער, און אַז ער האָט נישט געקענט זיך אַנ׳עצה געבען מיט וואָס זיי צו דערנעהרען. האָט ער דאָך פאַר די פּאַכט אוודאי שוין נישט געקענט צאָהלען. אָבער דעם גראַפס פערוואַלטערס האָט דאָס גאַנץ וועניג בעריהרט, און זיי האָבען געהייסען זייערע דינערס („פּאַרבקעס”) זאָלען דעם יוד אַרוים וואַרפען מיט אַלעם אין מיטען גאַס, אַזוי ווי דאָס יאָהר האָט זיך געענדיגט לויט זייער רעכענונג אין מיטען ווינטער. וויל ביז דאַמאָלס האָבען זיי דעם יוד געהאַט נינעבען צייט ער זאָל בעצאָהלען, און אַז ער האָט נישט בעצאָהלט האָבען זיי איהם צוּבראָכען. פון זיין ווירטשאַפט איז געוואָרען אַ תל, אַלץ איז געלעגען אויפ׳ן שנעע, אַזוי ער, אַזוי זיינע קליינע קינדער האָבען נישט געהאַט וואו זייערע קעפּ אַנידער צולעגען. און זיי האָבען ביטער געוויינט און זיך געבעטען רחמים ביי דעם גראַפס פערוואַלטערס. נאָר יענע האָבען פערשטאָפּט זייערע אויערען. זייער בעטען האָט זיי נאָר נישט בעריהרט. און ווען נישט דאָס גוטאָס אַנ׳אַלטער דאָרפסמאַן האָט זיך אויף זיי מרחם

געווען

געווען, און האָט זיי אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, וואָלטען זיי חס ושלום אויסגעגאַנגען פאַר קעלט און נויט. יעצט אַז דער גראַף האָט דאָס ביילד דערזעהן, האָט ער זיך אויך געזעהן שטעהן צווישען זיינע מענשען, וועלכע האָבען דעם יוד אַרויסגעוואָרפען, גלייך ווי ער זעלבסט וואָלט זיי דאָס בעפוילען. על כן האָט דער גראַף אָנגעהויבען שרייען פאַר דעם שפּאָלער זיידען, אַז ער איז גאָר נישט שולדיג אין דעם, אַז ער ווייסט גאָר נישט פון דעם, און אַז ער איז גאָר דאַמאָלס אין גאַנצען דאָרט נישט געווען. האָט איהם דער שפּאָלער זיידע געענטפערט, אַז חאָטש ער אַליין איז דאָרט נישט געווען, פון דעסטוועגען אַז די זאַך איז געטוהן געוואָרען פון זיינע מענשען, וועלכע זענען זיינע שלוחים און פיהרען תמיד אויס זיינע בעפעהלען. ווערט דערפאַר אין הימעל פערעכענט, גלייך ווי ער אַליין האָט די שענדליכע זאַך געהייסען טהון. ווייל ער איז גלייך ווי דער קאָפּ און זיינע מענשען זענען גלייך ווי זיין קערפער. און דער קאָפּ איז פער-אַנטוואָרטליכט פאַר אַלץ וואָס דער קערפער טהוט. האָט דער גראַף זיך געפרעגט אויב ער וועט נאָך קענען די זאַך מתקן זיין, ווייל עס איז שוין דאַמאָלס געווען אַ האַלב יאָהר נאָך דער מעשה. האָט איהם דער שפּאָלער זיידע געענטפערט, אַז ער קען דאָס נאָך מתקן זיין דורך דעם, וואָס ער וועט אָפּזוכען די אָרימע משפחה, ער זאָל זיי געבען אַן אָרט צו וואָהנען ערגעץ ווי אין זיינם אַ נחלה, ווי זיי זאָלען האָבען אַ גוטע פרנסה אויף זייער גאַנץ לעבען. און אויסער דעם זאָל אויף זיך דער גראַף נעמען, דאָס ער זאָל באַפעהלען צו אַלע זיינע פערוואַלטערס. אַז ווי נאָר ערגעץ אין זיינע נחלאות עס וואָהנען יודען, זאָל מען מיט זיי טהון טובות, און מען זאָל זעהן דאָס זיי זאָלען האָבען פרנסה. דער גראַף האָט צו געזאָגט דעם שפּאָלער זיידען איהם צו פאָלגען אין אַלעם וואָס ער הייסט איהם. און באמת איז טאַקי אַזוי געווען. פון דאַמאָלס אָן איז פיל פערבעסערט געוואָרען די לאַגע פון די אַלע יודען, וועלכע זענען געזעסען אין זיינע נחלאות.

נאָך דעם אַלעם האָט דער גראַף געבעטען דעם שפּאָלער זיידען, דאָס ער זאָל מאַכען אַ פּסק-דין צווישען די צוויי סוחרים. זענען זיי ביידע אַריין-געגאַנגען צוריק אין דעם ערשטען חדר ווי די סוחרים זענען געזעסען און האָבען געוואַרט אויף דעם פּסק. האָט דער שפּאָלער זיידע אַזוי געפּסקנ'ט דער גראַף זאָל אומקעהרען דעם מאיר פינסקער צוויי טויזענד רובל. און דער ווייסער ר' בער זאָל אומקעהרען דעם מאיר פינסקער טויזענד רובל. און די איבריגע הוצאות זאָל שוין היזק האָבען מאיר פינסקער, דערפאַר ווייל ער האָט געוואָלט טהון שלא כדין תורה, צו מאַכען אַ יוד אַ השגת גבול. אָבער פון דעסט וועגען האָט זיך דער גראַף מרחם געווען אויף דעם מאיר פינסקער און ער האָט איהם געגעבען במתנה דריי הונדערט רובל אויך דער ווייסער ר' בער האָט איהם געגעבען במתנה צוויי הונדערט רובל. ביידע סוחרים האָבען זיך איבער געבעטען און זענען אַהיים געפאָהרען מיט גרויס שמחה-

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט אָבער נישט געוואָלט באַלד מיט די צוויי סוחרים גלייך אַהיים פאָהרען, נאָר ער איז נאָך איבערגעבליבען נעכטיגען אין שפּאָלאָ. אויף צומאָרגענס איז ער ווייטער אַריינגעגאַנגען צום שפּאָלער זיידען, און ער האָט דאָרט מיט עם פאַרברענגט בערך צוויי שעה. וואָס זיי האָבען גירעדט אַזוי לאַנג איז אונבעוויסט. מען האָט נישט מעהר געקאָנט אַרויס בעקומען פון שפּאָלער זיידען נאָר דאָס איינע וואָרט, וואָס ער האָט דערנאָך געזאָגט פאַר זיינע מקורבים. אַז דער גראַף פּאָטאָצקי האָט אין זיך אַ ניצוץ קדוש. און אויך דאָס איז בעוואוסט געוועזען פאַר אַלע, אַז פון דאַמאָלס אָהן האָט דער שפּאָלער זיידע אַלע פאַר פסח בעקומען פון גראַף פּאָטאָצקי אַ גרויסען טראַנספּאָרט מיט קאַרטאָפעל און בוראַקעס, וועלכע ער האָט צוטיילט צווישען אָרימעלייט.

דער גראַף פּאָטאָצקי האָט דער נאָך בעשריבען אין אַ צייטונג פון קיעווער חראָניק די גאַנצע מעשה מיט די צוויי סוחרים פון אָנהויב ביז צום סוף, מיט דעם נאָמען „לעשנאַ ליגענדאַ". דאָרט האָט דער גראַף בעשריבען דאָס גרויסקייט פון שפּאָלער זיידען. אַז ער איז אַ געטליכער מאַן און אַ גרויסער חכם אין אַלע חכמות, און החוץ דעם האָט ער עם בעריהמט, אַז ער איז אַ גרויסער פילאַנטראָפּ, באַשר אַז ער שפּייזט סיי אידישע און סיי נישט אידישע אָרימעלייט אַלץ איינס. אויף ווי פיל דעם גראַף פּאָטאָצקיס בעשרייבונג איז אמת, קאָנען מיר נישט וויסען. דעכט גלייכען האָט ער אין דער צייטונג די גופא מעשה אויף עטליכע ערטער אַביסעל גיענדערט. אָבער דאָ איז די גאַנצע מעשה בעשריבען פּינקטליך און ריכטיג:

## אַ מעשה וואָס דער שפּאָלער זיידע האָט דערצעהלט פון אַ אידישען פּאַדריאַטשיק מיט אַ קאָזאַק, און וועלכען עס שטעקט טיעפע סודות.

ער היילינער דרך פון דעם שפּאָלער זיידען איז געווען, צו דערצעהלען אַמאָל אַ וואונדערליכע מעשה. וואָס איז געווען פיל מיט סתרי תורה. ער האָט געהאַט אַ מנהג יעדעם יאָהר אין פורים צו דערצעהלען אַזאַ מעשה, וואָס דער סוף איז געווען מיט אַ געלעכטער, און פון גרויס שמחה האָבען זיך די חסידים אַרומגענומען טאַנצען. אַמאָל האָט אויך דער שפּאָלער זיידע אַליין מיט געטאַנצט. און איך געדענק אַז אַמאָל האָט ער גענומען דערצעהלען די מעשה צוליב דעם גביר ר׳ זעלינ פּאָדריאַטשיק פון קיעוו. דער ר׳ זעלינ האָט ליב געהאַט צדיקים, און איז געפאָהרען צום שפּאָלער זיידען. ער האָט אָבער אַמאָל אויך ליב געהאַט פאָרען צום היילינען צדיק מוהר״ן ברעסלעווער זצ״ל, וועלכער האָט דאַמאָלס געוואָהנט אין זלאַטאָפּאָלי. דער שפּאָלער זיידע האָט דערפון געוויסט, און דאָס איז געווען אין דער צייט ווען דאָס מחלוקת איז צווישען די צוויי צדיקים געווען. דער קיעווער גביר ר׳ זעלינ פּאָדריאַטשיק איז געקומען צום שפּאָלער זיידען אויף פורים. ער האָט זיך נוהג געווען צו געבען שטענדינ דעם שפּאָלער זיידען אַפּאָר הונדערט רובל אויף מעות חטין. דער שפּאָלער זיידע האָט איהם תמיד שטאַרק מקרב געווען, און אויך דאָס מאָל איז ר׳ זעלינ געזעסען בשעת די פורים סעודה ביים טיש פון דעם שפּאָלער זיידען. ווען מען האָט געטרונקען וויין האָט זיך דער שפּאָלער זיידע געווענדעט צו ר׳ זעלינען, און האָט צו איהם געזאָגט מיט אַ שמייכעל. „זעלינ! ביזט דאָך אַוודאי געוועזען די צייטען ביי ר׳ נחמן׳לי אין זלאַטאָפּאָלי, האָסטו עפּעס פון איהם געהערט אַ שעהנע מעשה? מען זאָגט דאָך אויף איהם אַז ער דערצעהלט וואונדערליכע שעהנע מעשיות״. האָט איהם ר׳ זעלינ געזאָגט. „אמת איך בין ביי איהם געווען, און איך האָב פון איהם געהערט גאָר אַ שעהנע מעשה פון עפּעס אַ בת מלכה, אָבער איך געדענק נישט צו דערצעהלען זי״. האָט איהם דער שפּאָלער זיידע געענטפערט. „ווי באַלד די וועסט מיר געבען אַסך מעות חטין, וועל איך דיר דערצעהלען אַ שעהנע מעשה פון אַזאַ פּאָדריאַטשיק אַזוי ווי דו. און דו וועסט איר שוין יאָ געדענקען צו דערצעהלען״ האָט ר׳ זעלינ געזאָגט. „זאָל דער היילינער רבי דערצעהלען די שעהנע מעשה, און איך וועל אויך צעהלען אַ שעהן ביסעל מעות חטין״. האָט דער שפּאָלער זיידע גענומען דערצעהלען בזה הלשון.

אַ גרויסער מלך האָט געהאַט ביי זיך פאַר זיין הויפּט פּאָדריאַטשיק געווען אַ קלוגען יוד, און אַלע בנינים וואָס דער מלך האָט בעדאַרפט אויפשטעלען

אויפשטעלען, זענען דורכגעגאַנגען דורך זיינע הענד. איין מאָל האָט איהם דער מלך געזאָגט. „זאָלסט וויסען אַז איך וויל מיר אויפשטעלען אַ שעהנעם פּאַלאַץ, וואָס זאָל מיר דיענען פאַר אַ זומער=וואָהנונג. עס זאָל זיין ניט פון קיין מוערען, נאָר געבויט פון האָלץ, אָבער אויך ניט פון קיין געוועהנליך האָלץ. על כן זאָלסטו גוט נאָכזוכען אַזאַ מין האָלץ, וועלכעס איז דאָס שענסטע אויף דער גאַנצער וועלט, און זאָלסט מיר פון דעם האָלץ אויפשטעלען אַזאַ שעהנעם פּראַכטפאָלען פּאַלאַץ, וועלכער עס זאָל ניט זיין זיינס גלייכען אויף דער גאַנצער וועלט. און אויב דו וועסט מיין וואונש ערפילען, וועל איך דיך ערהויבען איבער מיינע אַלע שרים". איז דער פּאָדריאַטשיק געפאָרען זוכען אַזאַ האָלץ אין אַלע וויטע לענדער, ער האָט זיך פיל מאָל צוליב דעם איינגעשטעלט אין אַ סכנה, ביז ער האָט געפונען ערגעץ ווייט אַזאַ וואַלד, ווי עס וואַקסען אין איהם גרויסע און גראָבע ביימער, וועלכע זעהן אויס אַזוי ווי העל רויטע עדעלשטיינער, און זייער שעהנקייט איז נאָר אומבעשרייבליך. האָט זיך דער פּאָדריאַטשיק שטאַרק דערפרייט איבער זיין זעלטענע מציאה. האָט ער פון אַזאַ בוים אָבגעשניטען אַ שטיקעל האָלץ צו ווייזען עס דעם מלך, און איז מיט גרויס שמחה אַהיים געפאָרען. אַז דער מלך האָט דערזעהן דאָס זעלטענע האָלץ, האָט ער זיך דאַמיט זעהר דערפרייט, און חאָטש צו דעם וואַלד איז געווען זעהר ווייט, דאָך האָט דער מלך גלייך בעפוילען אויף אַרבייטערס בויערער אַז האָלץ העקערס זיי זאָלען דאָרט אַהין פאָרען מיט אַ פּאָר טויזענד וועגענס, און ער האָט דעם פּאָדריאַטשיק געגעבען פיל געלד אויף הוצאות און זענען אַלע דאָרט אָבגעפאָרען. עס האָט געדויערט אַ יאָהר זענען זיי אַלע צוריק געקומען צו דעם מלך מיט דעם האָלץ. און אַזוי ווי דער פּאָדריאַטשיק איז געווען גוט בעקאַנט אין דער חכמה פון „אינזשיניעריי" האָט ער אַליין אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן צו דעם פּאַלאַץ, האָט זיך אויס=געקליבען גוטע בעלי מלאָכות און האָט צייט אַ יאָהר אויפגעשטעלט אַ פּאַלאַץ מיט אַזאַ שעהנקייט, וועלכעס איז ניט געווען צו געפונען אויף דער גאַנצער וועלט. אַלע אַנדערע מלכים פון דער וועלט האָבען דעם מלך זעהר מקנא געווען. דערפאַר האָט זיך דער מלך זעהר געפרייט, האָט זעהר בעדאַנקט דעם פּאָדריאַטשיק און האָט איהם פאַר זיין שעהנע אַרבייט בעלויהנט מיט פיל געלד. און האָט איהם ערהויבען איבער זיינע אַלע שרים. איין זאַך אָבער האָט נאָך געפעהלט צו דעם שעהנעם פּאַלאַץ דאָס איז געווען אַזעלכע גרעסערע שויבען אַריינצושטעלען אין פענסטער אַריין, וועלכע זאָלען אויך זיין אַ אויסנאַהם אין דער וועלט. דער מלך האָט געוואָלט אַז די שויבען זאָלען האָבען די זעלבע קאָליער וואָס די וואַנד. כדי עס זאָל נאָר ניט זיין צו דערקענען אַז דער פּאַלאַץ האָט פענסטער. דאָס איז איהם אָבער ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. דער מלך האָט אַלזאָ אַ צייט מודיע געווען אין די גאַזעטען, מען זאָל וויסען אויף דער גאַנצער וועלט, אַז אַזאַ גרויסער מלך, בעדאַרף האָבען אַ חכם, וואָס

זאל

זאָל קענען אויס אַרבּייטען אַזאַ גלאָז וואָס זאָל האָבּען דעם קאָליער פון העל רויטע עֶרדעל שטיינער. און אַז ער וועט בּעקומען אַזאַ חכם וועט ער איהם רייך מאַכען און וועט עס מאַכען פאַר אַ גרויסען שר. עס איז געקומען אַ קאָזאַק אַ גוטער בּעל מלאכה פון גלאָז. און האָט געזאָגט דעם מלך, אַז ער נעמט זיך אונטער צו מאַכען אַזאַ גלאָז. נאָר ער האָט דאָ נישט דאָס מאַטעריאַל. אָבּער ער ווייסט פון ערגעץ אַ ווייט אָרט אויף אַ ים=אינזעל, ווי עס געפונט זיך דאָרט אַזאַ זאַנד, וואָס ווען ער זאָל עס האָבּען דאָ, וואָלט ער זיכער אויסגעאַרבּייט אַזאַ גלאָז. האָט דער מלך נישט געקוקט וואָס עס איז געוועזען אַ ווייטער וועג, נאָר ער האָט גלייך געגעבּען דעם קאָזאַק אַ סך געלד אויף הוצאות, און האָט מיט איהם מיט געשיקט פיל וועגענס מיט אַרבּייטערס, וועלכע האָבּען זיך דאָרט געזוימט אַ יאָהר און נאָכהער זענען זיי צוריק געקומען אין דעם מלך'ס מדינה אַריין מיט דעם זאַנד. דער קאָזאַק האָט ווירקליך מקיים געוועזען זיין צוזאָג, און האָט אויסגעאַרבּייט אַזאַ שעהן גלאָז ווי מען האָט בּעדאַרפען. דאַן איז שוין דער פּאַלאַץ איינגאַנצען פערטיג געוועזען. דער מלך האָט זיך זעהר געפרייט, ווייל אַזאַ פּאַלאַץ איז נישט געוועזען אין דער גאַנצער וועלט צו געפונען, האָט ער דעם קאָזאַק געגעבּען פיל געלד און האָט איהם געמאַכט פאַר אַ גרויסען שר. אַ קאָזאַק, בּלייבּט דאָך אָבּער קאָזאַק. האָט ער אָנגעהויבּען מקנא צו זיין דעם יוד פאַר וואָס ער איז גרעסער פאַר איהם. דער קאָזאַק האָט זיך געטראַכט, אמת טאַקי אַז דער יוד האָט פיל אויפגעטהון מיט זיין בּויען דעם פּאַלאַץ, אָבּער וואָס פאַר אַ ווערט האָט געהאַט דער פּאַלאַץ אָהן מיינע שויבּען. הייסט אַז אַזוי, פאַר וואָס זשע קומט דאָס דעם יוד מעהר כּבוד און מעהר רייכטהום פאַר מיר? האָט ער זיך אָבּגעשמיסט מיט די איבּריגע שרים, און זיי האָבּען גענומען אָבּגעבּען מסירות אויף דעם יוד פאַר דעם מלך. דער מלך האָט אָבּער פערשטאַנען פאַר וואָס זיי טהון דאָס, האָט ער זיך נישט וויסענדיג געמאַכט פון זייערע מסירות. איינמאָל אָבּער איז איהם געלינגען דעם קאָזאַק, ער האָט געשטעלט עדות, וועלכע האָבּען פאַלש געשוואוירען, בּאשר אַז דער יוד האָט געזידעלט און געפלוכט דעם מלך. אויף אַזאַ אופן האָט שוין דער מלך געמוזט דערלאָזען לויט די געזעצען פון דער מלוכה, אַז מען זאָל דעם יוד שטעלען פאַר'ן געריכט. מסתמא זענען דאָך די ריכטער אויך געוועזען שונאים צו דעם יוד, האָבּען זיי אַזוי אויסגעדרעהט דעם משפט אַז עס איז געקומען דעם יוד צו טוידטען. דער מלך האָט אין זיך געוויסט, אַז דאָס אַלעס איז נאָר אַ פאַלשער בּלבּול אויף דעם יוד. אָבּער וואָס האָט ער געקענט מאַכען, אַז ער האָט אויך געמוזט אָבּהיטען די געזעצען. על כּן האָט ער געמוזט מסכים זיין צו דעם פּסק. נור איין חסד האָט דער מלך יאָ געקענט מיט דעם יוד טהון. דאָס איז געוועזען ער זאָל איהם אַנשטאָדט טוידטען, אַוועק שיקען אין דער וויסטער מדבּר, וועלכע האָט זיך גערופען דער טייפעל=אינזעל. ווייל דאָרט האָט די מלוכה אַוועק געשיקט די אַלע גרויסע שרים

וואס

וואס עס איז זיי געקומען מיתה. דער וויסטער טייפעל=אינזעל האט געהאלטען דריי מייל אויף דריי מייל, ער איז געוועזען אין מיטען ים. קיין געוויקס האט דארט נישט געשפראצט, אויסער, אונפרוכטבארע ביימער, אויף וועלכע עס האבען געהאט זייערע נעסטען פערשידענע ווילדע רויבפייגעל. און אויף דער ערד זענען אומגעשפרינגען מאלפעס און שטרויספייגעל. די אונגליקליכע, וועלכע זענען דארט פערשיקט געווארען, האבען בעקומען ברויט און וואסער אויף א חודש צייט. נאכהער אבער זענען זיי אויסגעשטארבען פאר הונגער און דארשט. און זייערע קערפערס האבען די ווילדע פייגעל אויפגעפרעסען. אנטלויפען פון דארט איז געוועזען אונמעגליך וויל דער אינזעל איז געוועזען צווישען די גרויסע קארעלען ביימער, וועלכע זענען אונטער'ן וואסער אויף דעם ים גרונד. דארום אלזא איז אויף פיל מיילען ארום דעם אינזעל געוועזען אונמעגליך מיט א גרויסע שיף צו צופארען און אויב עס האט ווער בעדארפען צו דעם אינזעל צו צו קומען, האט ער מיט דער גרויסע שיף געמוזט זיך אבשטעלען איינינע מיילען ווייטער פון דעם אינזעל, און פון דארט צו פארען צו דעם אינזעל מיט א קליין שיפעל. און דאס איז אויך נאר, ווען דער ים איז געוועזען רוהיג, און עס האבען נישט געבלאזען קיין ווי[illegible]טען.

נאכדעם ווי דער יוד איז פעראורטהיילט געווארען, האט ער זיך געבעטען ביי דעם מלך, ער זאל מיט איהם טהון דעם חסד, נישט טוידטען איהם דא, אז דער קאזאק זאל זעהן זיין נקמה מיט זיינע אויגען, נאר מען זאל איהם אוועקשיקען אויף דעם טייפעל=אינזעל, אזוי ווי אלע אנדערע שרים. האט איהם דער מלך גיענטפערט. „עס טהוט מיר זעהר באנג אויף דיר! איך פיהל און פערשטעה דעם אמת. אבער אויך א מלך איז אינטער דעם געזעץ אונטער=געווארפען. על כן וואס איך וועל נאר קענען טהון פאר דיין טובה וועגען, וועל איך טהון. דהיינו איך וועל דיר בסוד מיט געבען וויפיל געלד נאר דו ווערסט וועלען. וויל איך גלויב אז צוליב דיין אונשולד, ווערסטו זיך זיכער ראטעווען פון דעם טייפעל=אינזעל, האט דער יוד געזאגט דעם מלך געלד וועל איך זיך נישט אויסביטען, וויפיל דער מלך וועט וועלען אזוי פיל זאל ער מיר געבען, וויל איך ווייס נישט צי וואס עס וועט מיר דארט ניצען. אבער דאס וועל איך יא בעדארפען האבען, אזעלכע כלים, וועלכע וועלען דארט געוויס מיר נויטיג זיין. דהיינו א קליין מאשינדעל אויף מאכען פייער א גוטע האק. א זעג. א פאר גראבע שטארקע שטריק. א קליין ביקסעל, און א נעץ אויף חאפען פיש. דער מלך האט איהם דאס אלעס צוגעזאגט בעזארגען בסוד, וויל לויט דעם געזעץ איז איהם געוועזען פארוועהרט יעדע זאך מיטצונעמען, אויסער ברויט און וואסער אויף א חודש. עס איז געקומען דער בעשטימטער טאג, און דער יוד איז אוועק געשיקט געווארען אויף דעם טייפעל=אינזעל און צוזאמען מיט איהם האט אויך דער מלך איהם געשיקט בסוד צעהן טויזענד רענדלעך און אויך די אלע כלים וואס דער יוד האט פון איהם

פערלאנגט

פערלאנגט. און דע קאזאק איז ווייטער געבליבען קאזאק אין דעם מלך'ס הויף.

ווען דער יוד איז געקומען אויף דעם ווילדען טייפעל=אינזעל און האט אנגעקוקט דאס ווילדעניש, איז איהם פינסטער געווארען פאר די אויגען. מענשליכע ביינער האבען זיך געוואלגערט אין יעדען ווינקעל. דער יוד האט זיך אבער געשטארקט, ער האט זיך פערזיכערט אין השי"ת הילף און האט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט. ראשית האט ער דארט געמאכט פייער. מיט זיין נעץ האט ער געפאנגען פיש און האט זיי אנגעבראטען אויפ'ן פייער, בכדי ער זאל האבען וואס צו עסען, צו טרוקען ברויט איז ער נישט געוועזן צוגעוועהנט. דערנאך האט ער אנגעשניטען א פאר ביימער און האט זיי געמאכט אזוי ווי א טראטווע, דורך דעם וואס ער האט זיי גוט צוזאממען געבינדען מיט די גראבע שטריק. ער האט זיך אויך געמאכט א וויאסלע, און האט זיך גענומען לערנען שווימען מיט די טראטווע אויפ'ן וואסער. און זייט איינינע טעג האט ער זיך אויסגעלערענט שווימען מיט די טראטווע אזוי ווי א געניטער מאטראז. איינמאל האט ער בעמערקט ווי דער ים האט ארויס געווארפען א גרויסען טויטען פיש. דער ים האט אזא טבע אז יעדער טויטע זאך ווארפט ער פון זיך ארויס. האט ער אויפגעשניטען דעם פיש און האט דערזעהן ליגען א גאלדען פינגעריל. געפאסט מיט טייערע ברילאנטען. אויף דעם פינגעריל איז געוועזן דער שטעמפעל פון דעם מלך, וועלכען ער האט געמאכט דעם פאלאץ. דער זעלבער מלך האט געהאט געבען זיין פאלאץ א וואלד, מיט א גארטען, וועלכער איז געוועזן נעבען א בארטען פון א טיעפען טייך, וועלכער ציהט זיך און פאלט אריין און דעם ים אריין אפט. אזוי ווי דער מלך האט גוט געקענט שווימען, האט ער זיך אין א הייסען זומערטאג געבאדען אין דעם וואסער. איינמאל האט דער מלך פערגעסען אויס צוטהון זיין פינגעריל, איז עס איהם אריינגעפאלען אין וואסער אריין. דער פיש האט אין דעם טייך געהאט פערבלאנדזעט פון דעם ים האט ער פונקט דאס פינגעריל איינגעשלינגען און איז אוועק צוריק אין ים אריין. דארט איז ער דורך עפעס א סיבה טויט געבליבען, און דער ים האט איהם אויף דעם אינזעל ארויס געווארפען. דער יוד האט גלייך דערקענט אז דאס איז זיין מלך'ס פינגעריל, האט ער עס בעהאלטען. און פון דאמאלס אן האט ער יעדען טאג, ווי באלד דער ים איז נאר געוועזן רוהיג, האט ער גענומען שווימען אלע מאהל אביסעל ווייטער אין 'עם ים אריין, און פארנאכט צוריק געקעהרט. אזוי איז פערביי געגאנגען צוויי חדשים, ביז ער האט ביי זיך געוויסט אז ער קען שוין שווימען מיט זיין טראטווע אזוי ווייט אויפ'ן ים, ווי עס פארען שוין גרויסע שיפען פון אלערליי מדינות. דאמאלס האט ער אין א לויטערען טאג ווען דער ים האט גערוהט, האט ער גענומען זיין גאנץ געלד וואס ער האט געהאט ביי זיך, אויך דאס טריקענע ברויט וואס איז איהם איבער געבליבען, און פיל געבראטענע פיש. דאס אלעס

האט

האָט ער אַרויף געלעגט אויף דער טראַטווע. און איז אַוועק געשווימען גאַנץ ווייט. ווי נאָר ער האָט דערהערט אַ רעש פון אַ גרויסע שיף, וואָס איז נישט ווייט געפאָרען, האָט ער גענומען שיסען מיט זיין ביקסעל. דאָס האָבען געהערט די שיפס-לייט האָבען זיי גלייך פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ סיגנאַל פון אַ שיף וואָס געפונט זיך אין אַ צרה אויפ'ן ים. האָבען זיי אַרויסגעשיקט אין דער זייט ווי דאָס שיסען האָט זיך געהערט אַ קליין שיפעל מיט אַ פּאָר מאַטראָזען, זיי זאָלען זעהן וואָס דאָס שיסען בעדייט. האָבען זיי ווירקליך געטראָפען דעם יוד שטעהנדיג אויף זיין טראַטווע. זיי האָבען זיך אויף איהם פערוואונדערט און האָבען איהם געפרעגט, פון וואַנען ער קומט דאָ אַהער. האָט זיי דער יוד ניענטפערט, אַז ער איז אַ גרויסער סוחר און איז דאָ געפאָרען מיט אַ גרויסע שיף נאָר מיט דער שיף האָט אַנ'אומגליק פּאַסירט, זי איז צובראָכען געוואָרען און איז אונטער געגאַנגען מיט איהרע אַלע פּאַסאַזשירען, חוץ ער איינער וואָס איז ניצל געוואָרען דורך אַ נס. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ גרויס ברעט פון דער שיף וואָס איז געשוואומען אויפ'ן וואַסער און איז דאַמיט אַזוי אַוועק ביז אויף דעם טייפעל-אינזעל, און פון דאָרט איז ער דאָ אַהער געקומען. נאָכדעם האָט דער יוד זיי געבעטען, דאָס זיי זאָלען איהם אַרויפנעמען אויף דער שיף, און ער וועט זיי דאַפאַר גוט בעצאָהלען. די מאַטראָזען האָבען אויף איהם רחמנות געהאַט און האָבען עם אַוועקגעפירט צו דער שיף, און אַזוי ווי די שיף איז געווען פון אַ אַנדערע מדינה, איז דער יוד דאָרט אַוועק געפאָרען, און איז ווייטער געבליבען יוד.

דער יוד האָט אָבער נישט געקענט איינרוהען, און ער האָט זיך געטראַכט, אַז עס איז נאָר קיין יושר נישט, אַז דער קאָזאַק זאָל ווייטער בלייבען קאָזאַק. איז ער אַוועק געפאָרען אין דער שטאָדט ווי זיין מלך האָט געוואָהנט. און ווייל ער האָט געוויסט אַז דער מלך שפּאַצירט אַלע אין דער פריה ביים ברעג פון דעם טייך וואָס געפונט זיך ביי זיין וואַלד. האָט דער יוד דאָרט זיך בעהאַלטען אין אַ ווינקעל ער האָט אויסגעטהון זיינע קליידער, חוץ דעם מלך'ס פינגעריל וואָס ער האָט געהאַט אויף זיין פינגער, און אַ פּאָר מינוט בעפאָר דער מלך האָט גענומען שפּאַצירען ביים ברעג, איז ער אַריין אין דעם טייך אריין און איז אַזוי צוגעשוואומען דאָרט ווי דער מלך האָט געשפּאַצירט. אַז דער מלך האָט דערזעהן אַ מענש שוואומען אין וואַסער, האָט ער זיך זעהר פערוואונדערט. דער יוד אָבער האָט דאָך איהם דערקענט האָט ער גלייך אָבגעגעבען דעם מלך זיין טיטעל. דורך דעם האָט איהם דער מלך אויך דערקענט, און האָט איהם פערוואונדערט געפרעגט, וואָס ער טהוט דאָ. האָט איהם דער יוד ניענטפערט, אַז ער איז צו איהם געקומען מיט אַ שליחות פון גאָר אַן אַנדערע וועלט, אָבער ער שעהמט זיך אַרויס צו געהן פון וואַסער, ווייל ער איז נאַקעט. דערויף האָט דער מלך גלייך בעפוילען מען זאָל איהם ברענגען

פיינע

פיינע קליידער, דער יוד זאל זיך אנטהון. איז דער יוד ארויס פון דעם וואסער, און איז געפאלען דעם מלך צו די פיס און האט שטארק געוויינט. דערנאך האט ער איהם דערצעהלט, אז ווען ער איז געקומען אויף דעם טייפעל=אינזעל, האט ער געזעהן אז פון דארט האט ער נישט קיין שום עצה צו אנטלויפען סיידען ער זאל זיך לאזען שוואומען אין ים. אפשר וועט ער דארט בעגעגנען א שיף, וואס וועט איהם ווע'לען אויפנעמען. איז פערביי א חודש און ער האט זיך יערען טאג געלערענט שוואומען. ווען ער האט אבער דערזעהן אז דאס ברויט געהט איהם אויס, און דערצו האט ער געוויסט אז ער קאן שוין גוט שוואומען, האט ער זיך איינגעשטעלט אין א סכנה און איז אבגעשוואומען, וויים אין ים. ער האט אבער פערלוירען זיינע כחות, און האט זיך גענומען טרונקען. דערווייל איז צו איהם צו א גרויסער פיש און האט איהם איינגעשלונגען. אין דעם פיש'ס בויך איז ער ארים געגאנגען, האט דער יוד געזאגט, גלייך ווי דער מלך אין זיין פאלאץ, אזוי האט געדויערט א פאר שעה, ביז דער פיש האט איהם אויסגעשפיגען פאר דעם מלך פון ים וועלכער הייסט לויתן. איך בין זעהר דערשראקען געווארען, האט דער יוד ווייטער דערצעהלט דעם מלך. דארט איז גאר א גאנדערע וועלט, אזוי ווי אין א גן עדן. איך האב גאר נישט געקענט קוקען דעם לויתן אין פנים ארייו ער האט צוויי אויגען וואס לייכטען אזוי ווי די זונן. האט מיך דער לויתן געפרעגט. ווער איך בין, וואס מיין טהון איז, און פאר וואס איך האב געטהון אזא נארישקייט צו שוואומען אויפ'ן ים אזוי וויים. על כן האב איך איהם געמוזט דערצעהלען אלץ וואס מיט מיר איז פארגעקומען פון אנהייב ביז'ן סוף. ווי דער לויתן האט געהערט אז ביי דעם מלך איז דא א קאזאק, וואס קען מאכען אזעלכע וואונדערליכע גלאז פענסטער, האט זיך דער לויתן זעהר דערפרייד, און ער האט מיר געזאגט. זאלסט וויסען אז אלץ וואס עס איז דא אויף דער יבשה איז אויך דא אין ים. און אזעלכע ביימער וואקסען אויך אין ים. און מיר האט זיך אויך פערגלוסט צו מאכען אזא שעהנעם פאלאץ פון דעם וואונדערליכען האלץ, און ער איז אויפגעשטעלט געווארען דורך די בעסטע בעלי מלאכות, וואס געפונען זיך אין ים. אבער צו מיין בעדויערען קען איך נישט וואהנען אין דעם פאלאץ. ווייל איך בין אזא חכם אזוי ווי דיין מלך וואס איז אויף דער טריקעניש, און איך פערשטעה אויך אז צו אזא פאלאץ פאסט נישט צו קיין פענסטער פון א אנדער גלאז, סיידען אזא גלאז פון דעם זעלבען קאליער פון העל רויטע עדעלשטיינער. על כן שטעהט דער פאלאץ וויסט און לעער. דער לויתן האט אויך בעפוילען מען זאל מיר ווייזען דעם פאלאץ. און איך בין ערשטוינד געווארען זעהנדיג דאס שעהנקייט פון דעם פאלאץ. און איך האב זעהר בעדויערט וואס ער שטעהט וויסט אהן פענסטער. בכן האט מיך דער לויתן בעפוילען איך זאל געהן פאר זיינט וועגען צו דיר מיין מלך, און דיך בעטען אין נאמען פון דעם מלך לויתן, אז דו זאלסט איהם ארונטערשיקען דעם קאזאק, ער זאל אויך פאר איהם מאכען אזעלכע טייערע גלעזער צו די פענסטער. אין אלם א צייכען אז אלעס

איז אמת, האָט מיר דער לויתן מיט געגעבען דעם מלך׳ס פינגעריל, וועלכעס איז פערלוירען געוואָרען אין טייך, און אַ פיש האָט עס איינגעשלונגען און געבּרענגט פאַר דעם לויתן. יעצט האָט ער דאָס דיר, מיין מלך, צוריק אָבּגעשיקט פאַר אַ צייכען פון אמת און פון פריינדשאַפט צווישען דעם מלך פון ים און דעם מלך פון טרוקעניש. און ער האָט מיר אויך בּעפוילען, איך זאָל דעם מלך וואָרנען מיט אַ שטאַרק וואָרעניש, דאָס ווי בּאַלד וועלכער מלך פון דער טרוקעניש פאָלגט נישט דעם מלך פון ים, וועלכער הייסט לויתן, דאַמאָלס בּעפעהלט ער, דער לויתן, אַז דער ים זאָל פערפלייצען מיט אַ מבול דעם מלך׳ס מדינה, מיט אַלעם וואָס ער פערמאָגט. דער יוד האָט גלייך געגעבען דעם מלך זיין פינגעריל, און ער האָט איהם אויך געזאָגט, אַז דער לויתן האָט בּעפוילען אויף אַ פיש, דאָס ער זאָל מיך איינשלינגען און אַוועק פיהרען צו דעם מלך׳ס טייך. דאָ האָט מיך דער פיש אויס געשפּיגען, און ער וואַרט אויף דעם קאָזאַק, ער זאָל איהם איינשלונגען און בּרענגען צו דעם לויתן.

דער מלך איז זעהר דערשראָקען געוואָרען, דערהערענדיג די ווערטער, און דערזעהנדיג זיין פינגעריל איז איהם שוין גאָר קיין ספק נישט געוועזען אַז אַלץ וואָס דער יוד זאָגט איז אמת. וויל ער האָט דאָך ווירקליך פערלוירען דאָס פינגעריל אין טייך. על כן האָט דער מלך גלייך בּעפוילען, אַז מען זאָל דעם קאָזאַק תיכף אַריינוואַרפען טיעף אין מיטען טייך, כּכדי דער פיש זאָל איהם איין שלונגען, און זאָל איהם אָבּפיהרען צו דעם מלך פון ים דער לויתן. דער קאָזאַק איז דערטרינקען געוואָרען אין טייך און דער יוד איז ווייטער געבּליבּען יוד, מיט נאָך מעהר כּבוד פון פריהער ער איז יעצט געוואָרען דער גרעסטער רעגירער אין דעם מלך׳ס הויף

אַז דער שפּאָלער זיידע האָט געענדיגט די מעשה, האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער צו אַלע מענשען און אויך צו ר׳ זעליג פּאָדריאַטשיק. „יעצט אַז מיר וועלען זיך פאָרשטעלען, אַז דער קאָזאַק איז המן הרשע, און דער יוד איז מרדכי היהודי. נו דאַרפען מיר זיך נישט פרעהן, וואָס מיר זענען פטור געוואָרען דעם קאָזאַק״. בּאַלד נאָך דעם האָט דער שפּאָלער זיידע געטרונקען לחיים, און די חסידים האָבּען געטאַנצט און געפרייד זיך איבּער די מפּלה פון דעם קאָזאַק. עס איז בּעוויסט אַז די חסידים האָבּען דערצעהלט די מעשה פאַר דעם היילינגען צדיק ר׳ ישראלטשי רוזינער זצוקל״ה. וואָס האָט ליבּ געהאַט תמיד חוקר ודורש צו זיין נאָך די מעשים און די מופתים פון דעם שפּאָלער זיידען, האָט ער זעהר געלויבּט די מעשה פיל מאָל האָט דער צדיק געבּעטען מען זאָל איהם דערצעהלען די מעשה אין פּורים. אַמאָל האָט אויך ער אַליין דערצעהלט די מעשה. און נאָך דעם האָט ער זיך זעהר געפרייד, און אַלע חסידים האָבּען זיך אויך שטאַרק געפרייד.

**אין די מעשה ווערט דערצעהלט ווי אזוי דער שפאלער זיידע האט געטאנצט אין א פעל פון א בער אויף א באל פון פוילישע פריצים, און האט דורך דעם מציל געווען א איד פון טוידט.**

דער שפאלער זיידע האט געהאט א מנהג אויפטמאהל פרייטאג=צו=נאכטס נאך קבלת שבת צו טאנצען אין בית המדרש אן עיגול ארום און ארום, אזוי פלעגט אז יעדער האט געזעהן, אז דאס איז נאר קיין מענשליכער קראפט. זיין הייליג פנים האט דאמאלס געברענט ווי א פייער, און א מורא'דיג ליכטיגקייט האט ארויסגעשיינט פון זיין הייליג פנים. דער גאנצער עולם האט געפלעגט דאמאלס צו צוזינגען און צו צופאטשען מיט די הענד. אמאהל איז ביי דעם שפאלער זיידען געוועזן צוגאסט אויף שבת דער גרויסער מורא'דיגער צדיק, וואס מען האט עס גערופען ר' אברהם מלאך פון מעזעריטש, א זוהן פון דעם בעוויסטען מעזעריטשער מגיד. דעם שבת האט דער שפאלער זיידע געטאנצט פרייטאג=צו=נאכטס מיט גרויס שמחה און מיט גרויס התלהבות. און דער צדיק ר' אברהם מלאך איז אזוי געשטאנען און האט זיך גוט צוגעקוקט צו דעם טאנצען, און האט נישט אויף קיין איין רגע אראבגעלאזט די אויגען פון דעם שפאלער זיידענס פיס. נאכען דאווינען איז ר' אברהם מלאך צוגעגאנגען צום שפאלער זיידען און האט צו עם אזוי געזאגט, „אמת אז איך האב ביז אהער נישט פערשטאנען וואס טאנצען איז, און ווי אזוי מען דארף טאנצען פאר די הייליגע שכינה, ביז איך האב היינט געזעהן אייך טאנצען". האט עם דער שפאלער זיידע געענטפערט. „דאס האב איך נאך א ברכה פון הייליגען בעל שם טוב זכרונו לברכה, איך זאל קאנען גוט דעם פיס שטעלען אויף די ערד". האט ווייטער ר' אברהם המלאך צו עם געזאגט. „מיילא וואס היסעל זאכען איז היסעל זאכען, אבער איר קאנט דאך גלאט נאר פשוט זעהר גוט טאנצען, לויט דעם טאקט פון ניגון, ווי א רעכטער טענצער נו פון וואנעט דערנעמט זיך דאס צו אייך"? האט דער שפאלער זיידע עם געענטפערט מיט א שמייכעל. „ווי אזוי נוט צו טאנצען. האט מיך אליהו הנביא אויסגילערענט. הערעכט אויס וועל איך אייך דערצעהלען ווי אזוי די מעשה איז געווען".

ווען איך האב געוואנדערט אויף דער וועלט און בין געווען גע ונד צו ליידען גלות. האב איך זיך דערוויסט אז אין א געוויסען דארף האט מען איינגעזעצט א יוד אין תפיסה ביי דעם פריץ פון דארף. ווייל דער יוד האט נישט געהאט צו בעצאהלען פאר די ארענדא. דער זעלבער פריץ איז געווען איינער פון יענע פריצים וועלכע האבען שוין בעקומען דעם טיטול „גראף". און ער אליין איז נישט געווען אזא גרויסער רשע, נאר ער האט געהאט

ביי זיך אין דאָרף אַ פערוואַלטער וואָס איז געווען אַ געפעהליכער שונא ישראל. האָט ער אָנגערעד דעם פּריץ אַז ער זאָל נעמען דעם יוד אין תפיסה, פאַר דעם חוב וואָס ער איז דעם פּריץ שולדיג געווען, און יענע צייטען זענען די פּריצים געווען אין זייערע דערפער גלייך ווי קסרים. זיי האָבען מיט זייער מאַכט געקענט אַרויסגעבען אויף אַ מענש אַ טויט-אורטהייל אָהן שום דין ומשפּט. און ווען אין די הענד פון די שונאי ישראל איז אַ מאָל אַריינגעפאַלען אַ יוד, דערפאַר וואָס ער איז זיי וואָס שולדיג געווען. האָבען זיי איהם אַראָבגעלאָזט אין אַ טיעפען קעלער אַריין. וועלכער איז גיכער געהגליך געווען צו אַ קבר פיר טויטע, איידער צו אַ שטוב פאַר לעבעדיגע. און דורך דעם לאָך וואָס איז געווען אין דערהויך, האָט מען איהם איינמאָל אין וואָך אַראָבגעלאָזט ברויט און וואַסער אויף אַ גאַנצע וואָך דער געפאַנגענער איז שוין דאָרט אָבגעזעסען ביז עס איז געקומען דער טאָג פון דעם פּריצ'ס „ימיענינעס", דאָס הייסט דער טאָג אין וועלכען דער פּריץ איז געבוירען געוואָרען. דאַמאָלס האָט דער פּריץ געמאַכט אַ גרויסען באַל. האָט צו זיך פערבעטען אַלע זיינע בעקאַנטע און פריינד, פּריצים פון אַרום און אַרום.

ווען די פרעהליכע קאָמפּאַניע איז שוין געווען גוט בעזויפען, האָבען זיי זיך געהייסען ברענגען דעם געפאַנגענעם יוד, ער זאָל זיי פרעהליך מאַכען מיט זיין טאַנצען. מוזיק האָט געשפּילט, און דער יוד האָט געמוזט נאָך טאַנצען די מוזיק אַזוי שעהן און אַזוי גוט ווי זי האָט געשפּילט: איר זאָלט אָבער נישט מיינען אַז דאָס האָט דער יוד געטאַנצט און זיינע איינענע קליידער. ניין! די ערלע פּריצים האָבען זיך פריהער צוגערייט צו דער לוסטיגער שפּיעל, אַ אָבגעצויגענע פעל פון אַ בער, וועלכע איז פריהער פערהאַרטעוועט געוואָרען אויף אַ ספּעציעלען האָלצערנעם פאָרעם פון אַ בער. ווען מען האָט אַוועקגעשטעלט די פערהאַרטיוועטע פעל אויף דער ערד האָט יעדער געמיינט אַז דאָס איז אַ לעבענדיגער בער. און אין די פעל האָט דער יוד געמוזט אַריינלייגען זיך, אַזוי נאָך קומען אין דעם גרויסען ליכטיגען פּאַלאַץ, ווי די פרעהליכע פּריצים זענען געזעסען טרינקענדיג די טייערסטע ווינען, און טאַנצען פיר זיי לויט דעם ניגון וואָס די מוזיק האָט געשפּילט. אַזוי ווי יעדער ניגון האָט אַ אַנדערען נאָמען אַזוי האָבען אויך די טענץ פערשידענע נעמען. און די פּריצים האָבען באַלד ביי דעם בערם אָנקומען אויסגעקליבען איינעם פון זייערע משרתים, דאָס ער זאָל פיהרען דעם בער ביי די אייזערנע קעהט וואָס ער האָט אויף זיין האַלז געהאַט, אַזוי ווי מען פיהרט די לעבענ-דיגע בערען. דער משרת האָט בעדאַרפט זיין דער פיהרער און רעגירער איבער די טענץ. ער אַליין האָט אויך בעדאַרפט טאַנצען. און דער בער האָט בעדאַרפט איהם אַנטקעגען טאַנצען. דערביי האָבען די פּריצים איינגעפיהרט איינענע געזעצען, און פאַר דעם טאַנצען האָט איינער די געזעצען אַזוי פאָר געלייענט: „אויב דו בער וועסט טאַנצען פאַר אונז שעהן לעבעדיג און גוט, אַנטקעגען דיין פיהרער, וועלכער וועט אויך טאַנצען גלייך נאָך דעם טאַקט

פון

פון די מוזיק. דאמאלס וועסטו צוליב דעם, וואס דו וועסט אונז האבען פרעהליך געמאכט, מעגען גלייך אהיים געהן פרייה. דו האסט אויך דאס רעכט ווען דו וועסט טאנצען נאך בעסער פאר דיין פיהרער, דו זאלסט אויף איהם ארויפפאלען און שלאגען, אזוי ווי די בערען בעפאלען א קוה. ווען אבער דו וועסט נישט גוט טאנצען, און דו וועסט אונז נישט פרעהליך מאכען דאמאלס זאל דיך דיין פיהרער מכבד זיין טאנצען מיט די הינד״. מסתמא האבען זיך אין אזעלכע פריצישע הויפען געפונען גרויסע און בעהזע הינד, וואס אז עס איז זיי אונטערגעקומען אזא מציאה ווי א מענש וואס איז חייב מיתה, האבען זיי איהם שוין צוריסען אויף שטיקער און אויפגעפרעסען זיין פלייש. און אזעלכע קרבנות זענען אפטער געבער געפאלען פאר די הינד, ווי ניצול געווארען אהיים צו געהן פרייה. ווייל עס איז זעלבסט פערשטענדליך דאס דער יוד וועלכער איז דארט אבגעזעסען אין דעם פינסטערען קעלער א לאנגע צייט, זיך דערנעהרענדיג נאר מיט ברויט און וואסער, דער האט שוין נישט געהאט קיין כח צוגעהן אויף זיינע פיס. ווער שמועסט נאך טאנצען א צייט פאר די פריצים אנגעטהון א בערען פעל, דאס האט ער דאך שוין א וודאי נישט געקענט. אלזא האט מיר אליהו הנביא בעפוילען, אז איך זאל אהין געהן אין יענעם דארף, איך זאל זיך דארט פערדונגען ביי א אנדערען איד פאר א מלמד, און אזוי נאך זאל איך זיך דערוויסען אלע פרטים ווי אזוי איך זאל קענען מציל זיין דעם אונגליקליכען יוד פון די הונטישע ציין, דורך דעם וואס איך זאל געהן פאר זיינטוועגען אין דעם בערען=פעל אריין, און איך זאל טאנצען פאר זיי אזוי ווי מען בעדארף און איך זאל נאך טאנצען בעסער פאר דעם פיהרער, בכדי איך זאל קענען בעפאלען דעם פיהרער מיינעם, און איהם גוט אנשלאגען די ביינער. האב איך געפרעגט ביי אליהו הנביא. אבער איך קען דאך גאר נישט און פערשטעה גאר נישט די געמען פון די טענץ. נו וואס וועט זיין ווען דער פיהרער וועט מיר בעפעהלען דאס איך זאל טאנצען א „קאזאק״, און איך וועל נאר טאנצען א אנדערען טאנץ, וועט דאך שוין נישט גוט זיין. דאן האט מיר אליהו הנביא גיענטפערט אז איך האב רעכט מיט מיינע טענות און דערפאר האט מיך אליהו הנביא אויסגעלערענט אלע מאל א אנדערען טאנץ, ביז איך האב שוין געקענט אזוי גוט טאנצען אזוי ווי איינער פון די פריצים, וועלכער האט זיך א צייט לאנג געלערענט טאנצען.

דער סוף פון דער מעשה איז געווען אזוי. דורך דער צייט וואס איך בין געווען מלמד אין דעם דארף, האב איך גוט נאכגעפארשט ווי אזוי עס איז מעגליך דאס איך זאל קענען אריין געהן אין דעם גארטען, אין וועלכען עס געפינט זיך דער קעלער מיט דעם יוד. האב איך דערזעהן ביי דעם קעלער אין וועלכען דער יוד איז געזעסען, אז דורך דעם לאך וועלכער איז דארט געווען אראב צולאזען עסען, קען זיך א מענש אראב לאזען דורך א שטריק, אבער צוריק ארויף דורך דעם שטריק האב איך געפונען פאר אונמעגליך, האב איך מיר אנגעגרייט א שטריק א פאר שטעקענס, א אייזערנעם

נאנעל

נאָגעל מיט אַ האַמער. און מיט די אַלע כּלים האָב איך זיך פערגנב'ט מיט אַ נאַכט פריהער אין דעם גאָרטען אַריין ווי עס האָט זיך געפונען דער קעלער, דורך אַ לאָך וואָס איז געווען אונטער דעם פּלאָט פון דעם גאָרטען. און מיט די הילף פון די כּלים וועלכע איך האָב ביי מיר געהאַט, האָב איך זיך אַראָבגעלאָזט אין די תּפיסה דורך דעם שטריק. דער יוד וואָס איז דאָרט געזעסען האָט זיך דערשראָקען פאַר מיר. האָב איך איהם געזאָגט האָב נישט קיין מורא! איך בין געקומען דיך מציל זיין פון טויט. איך האָב איהם דערצעהלט וואָס מען וויל מיט איהם טהון די צווייטע נאַכט, דאָס הייסט צו־מאָרגענס. ווייל דער דרך פון דעם פּריץ איז געווען צו פייערן זיין געבורטס־טאָג ביינאַכט. און איך האָב איהם דערקוויקט מיט אַ ביסעל יין־שרף וואָס איך האָב ביי מיר געהאַט. איך האָב איהם אויך געטרייסט מיט גוטע רייד, דאָס השי"ת וועט איהם זיכער העלפען אַז ער זאָל ניצל ווערען און דורך די שטעקענס וואָס איך האָב ביי מיר געהאַט, האָט זיך מיר איינגעגעבען אַראָבצונעמען די שטריק אין דערהויך פון דעם אייזערנעם נאָגעל, בכדי עס זאָל קיינער נישט דערקענען וואָס דאָ איז געטהון געוואָרען דערנאָך האָב איך געטוישט מיינע מלבושים מיט דעם איד. היינו, איך האָב אָנגע־טהון זיין פערפוילטע און פערשימעלטע קאַפּאָטע, און ער האָט אָנגעטהון מיין קאַפּאָטע. און איך האָב איהם אָנגעזאָגט, דאָס ווען מען וועט עפענען די אייזערנע טהיר פון דעם קעלער, און מען וועט איהם אָנרופען ביי זיין נאָמען, ער זאָל אַרויס געהן. דאַן זאָל ער זיך בעהאַלטען ערגעץ אין דעם קעלער, און איך וועל אַרויסגעהן אנשטאָדט ער. און אַז מען וועט מיר אָנטהון דעם בערען־פעל, און איך וועל מיט זיי געהן אין פּאַלאַץ אַריין טאַנצען פאַר די פּריצים, דאַמאָלס זאָל ער אַרויסגעהן פון דעם קעלער און זאָל זיך אַהיים גנב'נען. דורך דעם זעלבען לאָך ביים פּלאָט פון גאָרטען. דורך וועלכען איך האָב זיך דאָ אַריינגעקריגען. איך האָב פאַראויס פער־שטאַנען אַז זיי וועלען זיכער נישט פערשליסען די אייזערנע טהיר נאָך מיין אַרויסגעהן, ווייל עס וועט זיי גאָר נישט קומען אויפ'ן געדאַנק אַז דאָרט זאָל נאָך ווער זיין.

אזוי איז ווירקליך געווען ווי איך האָב פאַראויס גערעכענט. צומאָר־גענס נאָך האַלבע נאַכט האָט זיך פּליצלונג דערהערט אַ שפּאָטיש געלעכטער ביי דעם קעלער. דערנאָך האָט זיך גיעפענט די קליינע אייזערנע טהיר, און אַ קול פון אַ האַלב שיכּור'ן מענש האָט הייזעריג אָנגערופען דעם יוד ביי זיין נאָמען און האָט איהם בעפוילען אַרויסגעהן. איך האָב זיך איינ־געבויגען, בין געקראָכען אויף אַלע פיער, בכדי זיי זאָלען נישט דערקענען אַז איך בין נישט דער איינענער, און איך האָב געקרעכצט און געזיפצט אַז איך קען נישט געהן אויף מיינע פיס. צווישען די שכּורים איז געוואָרען אַ גרויס געלעכטער. זיי האָבען גלייך אויף מיר אַרויף געוואָר־פען די בערען פעל. האָבען עס גוט צו געבונדען אויף מיר, און אויף מיין האַלז האָבען זיי אַרויף געוואָרפען אַ קעט, ביי וועלכע זיי האָבען

מיך

מיך גלייך גענומען פֿוהרען מיט דעם גרעסטען געלעכטער. דער איד האָט מיר נאָך פֿריהער געזאָגט איידער זיי האָבען אויפגיעפֿענט די אייזערנע טהיר, דאָס ער דערקענט אין דעם קול פֿון דעם וואָס איז געקומען צום קעלער, און לאַכט און פֿרייעט זיך אַזוי שטאַרק, אַז דאָס איז דער פֿערוואַלטער וועלכער האָט איהם פֿערמסר'ת פֿיר דעם פּריץ, און ער האָט זיך בעמיהט דאָס מען זאָל איהם איינזעצען אין דער תּפיסה. איך האָב איהם געזאָגט דאָס ער זאָל מיר גוט אָבשילדערען זיין געשטאַלט ווי אַזוי ער זעהט אויס. האָט מיר דער איד גענוי איבערגעגעבען אייניגע סימנים פֿון דעם פֿערוואַלטער, אַזוי אַז איך זאָל איהם לייכט דערקענען. ווען זיי האָבען מיך אַריינגעפֿיהרט אין דעם פּאַלאַץ אַריין איז געוואָרען אַ גרויס געלעכטער צווישען די פֿערזאַמעלטע פּריצים. אַלע האָבען געפּאַטשט מיט די הענד פֿאַר שמחה. און איך האָב גלייך דערקענט לויט די סימנים וואָס דער איד האָט מיר איבערגעגעבען, אַז דער וועלכער איז געוואָרען מיין פֿיהרער, דער איז דער רשע וועלכער האָט אויף דעם איד אָבגעמסר'ת און יעצט אויף דעם באַל וויל ער פֿערענדיגען דאָס רשעות וואָס ער האָט נאָך פֿריהער אָנגעהויבען, מיט דעם וואָס ער אַליין זאָל דעם איד דערנאָך אַוועק וואַרפֿען פֿאַר די הינד. דען ער איז געווען בטוח זיך פֿעסט, אַז דער איד וועט אַנטקעגען איהם קיין איין טאַנץ נישט קענען מאַכען. דערווייל האָט געדויערט אייניגע מינוטען, די פּריצים האָבען זיך איבער מיר לוסטיג געמאַכט, אַלע האָבען מיך אַרומגערינגעלט און מיט שפּאַט בעטראַכט פּלוצלונג האָב איך דערהערט אויסרופֿען דאָס אַלע געסט זאָלען פֿערנעמען זייערע פּלעצער, און עס זאָל ווערען שטיל. אַלע געסט האָבען אַזוי געטהון נאָכהער איז אַרויסגעטרעטען איינער, וועלכער איז געווען געקליידעט פֿון קאָפּ ביז פֿוס רויט אַזוי ווי אַ תּלין. און פֿון אַ פּאַפּיר וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיין האַנד האָט ער אַרויסגעליינט מיין פֿאָלגענדען פּסק. „ווי באַלד איך וועל נוט אַנטקעגען טאַנצען מיין פֿיהרער, לויט דעם טאַקט פֿון דער מוזיק, און איך וועל דאַמיט לוסטיג מאַכען די געסט, דאַן מעג איך נאָך אין דעם בערען=פֿעל אַהיים געהן פֿרייה. ווי באַלד איך וועל טאַנצען נאָך בעסער און שענער פֿון מיין פֿיהרער, האָב איך דאָס רעכט צו בעפֿאַלען מיין פֿיהרער איהם שלאָגען, אַז ער זאָל טאַנצען אַזוי גוט ווי דער בער. אָבער ווי באַלד איך וועל נישט קענען טאַנצען אַזוי ווי עס גיהער צו זיין. וועט מיין סוף זיין אַז דער פֿיהרער זאָל מיך איבערגעבען די הינד און זיי זאָלען מיך שוין לערנען טאַנצען". ביים ענדיגען דעם פּסק=לייענען איז ווידער געוואָרען אַ גרויס געלעכטער. נאַכהער זענען אַלע צוריק שטיל געבליבען.

מען האָט געגעבען אַ צייכען צו די מוזיק, זיי זאָלען שפּיעלען אַ „קאָזאַק". דער פֿיהרער האָט אָנגעהויבען טאַנצען אַנטקעגען מיר. נאַכהער האָט ער מיר געגעבען אַ צייכען, אַז איך זאָל איהם אַנטקעגען טאַנצען. אָבער ווען איך האָב אָנגעהויבען טאַנצען, האָבען אַלע גלייך געמוזט מודה זיין אַז

איד

איך טאַנין בעסער פאַר מיין פיהרער. די פּריצים האָבען זיך אַלע אויס־
געלאַכט פון דעם פיהרער מיינעם, און האָבען געפּאַטשט מיט די הענד
און געהייסען דער מוזיק שטיל שווייגען. איך האָב גלייך דערקענט אַז מיין
פיהרער האָט זיך גוט דערשראָקען פאַר מיר, ווייל אויף אַזאַ בראָך האָט
ער זיך אין זיין לעבען נישט פאָרגעשטעלט. נאָכהער האָט מען געגעבען
אַ בעפעהל צו די מוזיק אַז זיי זאָלען שפּילען דעם טאַנין, וועלכער רופט
זיך „טאַזאָר". און דער „בער" מיט זיין פיהרער זאָלען טאַנצען אַ „טאַזאָר".
אַזוי ווי די מוזיק האָט אָנגעהויבען שפּילען, האָט מיין פיהרער מיך אַרום־
גענומען מיט זיינע הענד, כדי צו טאַנצען מיט מיר דעם „טאַזאָר". האָב
איך אויך איהם אַרומגענומען אַזוי ווי עס דאַרף זיין. נאָר מיין פיהרער,
ווייל ער איז געוועזען אַזוי שטאַרק בעזויפען פון ווין ביז שיכור, האָב איך
גלייך דערפיהלט, אַז אָט באַלד וועט ער אומפאַלען. און עס איז ווירקליך
אַזוי געוועזען. דער פיהרער איז אַנידער געפאַלען אויף די ערד. דאַן בין איך
גלייך אויף איהם אַרויפגעפאַלען און איך האָב איהם גענומען שלאָגען אין
ווערגען אַזוי ווי אַ בער. דער פיהרער האָט אָנגעהויבען שטאַרק שרייען.
צווישען די פּריצים איז געוואָרען אַ רעש, טייל האָבען געשריגען אַז איך
טהו גוט, אַז איך האָב דיים רעכט דעם פיהרער צו שלאָגען, ווייל אַזוי איז
געוואָרען אויסגערופען. אָבער צוויי פּריצים זענען צו מיר צוגעלאָפען און
האָבען מיך אָנגעהויבען בעטען פאַר דאָס לעבען פון דעם פיהרער, איך
זאָל איהם נישט צום טויט שלאָגען, און זיי האָבען מיר געזאָגט אַז איך
בין שוין פריי, און עס איז גלייכער איך זאָל אַהיים לויפען צו מיין ווייב
און קינדער און זיי משמח זיין. דאַמאָלס ערשט האָב איך איהם אָבגעלאָזט.

זיי זענען צוגעלאָפען צו דעם פיהרער, וועלכער איז געלעגען אויף
דער ערד אַזוי ווי פערחלש׳ת, און האָבען איהם גענומען ראַטעווען. און
איך בין אַוועק געלאָפען אָנגעטהון אין דעם בערען־פעל צו דעם הויז
ווי דער איד האָט געוואָהנט. דאָרט איז ערשט געוואָרען אַ גרויסע שמחה.

נאָך דעם סיפּור האָט דער שפּאָלער זיידע זיך געווענדעט צו ר׳ אברהם
המלאך, און האָט צו איהם געזאָגט בזה הלשון, „נו ר׳אַברהמ׳לי, געוויס
פערשטעהט איר שוין יעצט פון וואַנען איך קען אַזוי גוט טאַנצען, ווייל איך
האָב געהאַט אַ גוטען מלמד אויף דעם". האָט איהם דער ר׳ אברהם המלאך
גיענטפערט. „אויב אַזוי, איז אייער טאַנצען נאָך בעסער פאַר מיינע
תפלות".

איז

## דאס איז דאס וואונדערליכע מופת וואס דער שפאלער זיידע האט בעוויזען ביי אנ'עגונה פון פונפצעהן יאהר

אין אגעוויסע שטאדט נישט ווייט פון שפאלי, האט זיך געפונען אפרוי אנ'עגונה, וועלכע דער מאן איז פון איר אוועק, און עס איז שוין פונפצעהן יאהר געוועזען פערביי, אז ער האט איהר קיין שום ידיעה פון זיך נישט געשיקט. ער איז אוועק צוליב זיינע מסחרים נאך דאנציג, ער האט זיך מיט איר גאר נישט געהאט געקריגט, פון דעסטוועגען האט די פרוי זייט דאמאלס פון איהם גאר נישט געהערט. די פרוי האט זיך שוין דורך דער צייט פון איהם מיאש געוועזען און איז געבליבען זיצען אזוי ווי א לעבענדיגע אלמנה, ווייל זי האט זיך געטראכט, אז עס איז גאר אונמעגליך דאס איר מאן וועלכער האט איר אמאהל אזוי גוט ליב געהאט, דעסט גלייכען זי איהם אויך, זאל ערגעץ ווי לעבען און איר קיין שום ידיעה נישט שיקען. זי איז געוועזען רייך און פערמעגליך, האט זי זיך גאנץ אליין געפיהרט אלע איהרע עסקים.

צום פינפצעהנטען יאהר, זייט דער מאן איז פון איר אוועק, האט די זעלבע עגונה צו גענומען פאר א קעכין א אלטע פרוי פון שפאלע. אז עס זענען אוועק איינינע טעג, האט די קעכין געפרעגט איהר בעלהבית'טע, ווי איר מאן איז. צו זי איז אנ'אלמנה. האט איר די פרוי דערצעהלט איר גאנץ אומגליק, דאס עס זענען אוועק פינפצעהן יאהר זייט איהר מאן האט איר פערלאזען, און פון דאמאלס אן האט זי פון איהם קיין שום ידיעה נישט בעקומען. האט איר די קעכין געפרעגט, פאר וואס פאהרט איהר נישט צום שפאלער זיידען? ער וועט דאך אייך געוויס זאגען, צו לעבט אייער מאן אדער נישט. נאר די עגונה האט נישט געקוקט אויף איהרע רייד, זי האט זיך געטראכט, וואס וועט מיר שוין העלפען דאס וואס איך וועל וויסען אז ער איז שוין טויט? צו וועט מען דען מיר דערפאר מתיר זיין אז איך זאל נאך מעגען חתונה האבען! עס זענען דאך נישטא קיין עדות. אבער איר קעכין האט איר זעהר מפציר געוועזען, האט איר דער־צעהלט פיל אזעלכע עהנליכע זאכען, ווי עגונות זענען דורך דעם צדיק אויפגעבינדען געווארען. און זי האט איר מבטיח געוועזען דאס זי וועט זיכער ביי דעם שפאלער זיידען געהאלפען ווערען. און אויב איר מאן איז שוין געשטארבען. וועט ער איר זאגען ווי זיין קבר אבצוזוכען, אדער ער וועט איר זאגען ווי צו זוכען עדות, בכדי זי זאל קענען ווידער חתונה האבען. בקיצור די קעכין האט אזוי לאנג צו גערעדט איהר בעלהבית'טע ביז יענע האט שוין איינגעוויליגט צו פארען צו דעם שפאלער זיידען, דאמאלס האט איר די קעכין מזהיר געוועזען, דאס זי זאל זעהן אנצוקומען צו דעם שפאלער זיידען פרייטאג אין דער פריה, ווען ער שטעהט און קאכט די

פיז

פיש אויף שבת, דאמאלס וועט זי בײַ איהם קענען אלעס פועלען. און אויב ער וועט איר שעלטען, האט די קעכין נאך מזהיר געוועזען איר בעל־הבית׳טע, זאל זי זיך נישט דערשרעקען און אוועק געהן פון איהם. נאר פערקעהרט. אלץ וואס זײַן הײליג מויל וועט ארויס רעדען זאל זי גוט אויס־הערען, און זי זאל נישט אבטרעטען פון איהם, ביז ער וועט איהר זאגען אויף זיכער ווי איר מאן איז יעצט.

אז די ענונה איז געקומען נאך שפאלע, איז זי גלײַך פערפארען צו דעם שפאלער זיידענס גבאי. זי האט איהם געגעבען א שעהנע מתנה, בכדי ער זאל איר אריין לאזען אין ערב שבת קודש, ווען דער שפאלער זיידע וועט קאכען די פיש. זי איז צו איהם אריין געגאנגען און האט פאר איהם שטארק געוויינט. דער צדיק האט אויף איר אנגעשריגען, און האט איר אנגעשאלטען. אבער די ענונה האט נישט געוואלט אבטרעטען פון דארט, און האט אזוי לאנג געוויינט ביז דער שפאלער זיידע האט איר אבגעענטפערט „געה אהיים, נאך אין דרײַ חדשים ארום וועט צו דיר דײַן מאן אהיים קומען״. די ענונה איז אלץ נאך געשטאנען אויף איר ארט. דער צוזאג איז פאר איר נאך נישט גענוג געוועזען. זי האט געמיינט אז דאס האט ער איר צוגעזאגט נאר דערפאר, ווײַל ער וויל איר מדחה זײַן פון זיך. על כן האט זי נאך שטארקער גענומען וויינען און בעהטען פאר איהם ביז ער האט איר געזאגט. „איך זאג דיר צו אז אין דרײַ חדשים ארום מיטוואך אין האלבער נאכט וועט צו דיר דײַן מאן אהיים קומען. און דו זאלסט זיך פריהער צוגרייטען, זאלסט אנצינדען פיל ליכט וואס זאלען זיך ברענען א גאנצע נאכט אין דײַן שטוב״. אזוי ווי דער שפאלער זיידע האט גיענדיגט זײַנע ווערטער, האט ער געגעבען א געשרעה צו די גבאים, אז זיי זאלען איר צו נעמען פון זיך, און די ענונה איז ארויס־געגאנגען פון איהם. זי האט זיך נישט געקענט צוגלויבען צו די רייד. נאר ווען זי איז אהיים געקומען, האט איר די קעכין געפרעגט „נו וואס האט אייך דער שפאלער זיידע גיענטפערט ?״ האט איר די ענונה דערצעהלט זײַן צוזאג. ווי די קעכין האט דאס דערהערט האט זי גענומען פאטשען מיט די הענד און האט געזאגט „איך ווייס און איך גלויב אז עס וועט זיכער אזוי זײַן״. און די אלטע קעכין האט טאקי אבגעהיטען די נאכט און דרײַ חדשים ארום. זי האט אנגעצינדען פיל ליכט, און האט אנגעגרייט גוטע מאכלים. אבער די ענונה האט נישט אזוי שטארק געגלויבט אין דעם און זי האט זיך גילעגט שלאפען אין איר בעט.

אין דער זעלבער נאכט איז געוועזען א שלאגס־רעגען. עס האט געדונערט און געבליצט און עס איז געוועזען מורא׳דיג פינסטער. אזוי ווי עס איז א וועק א שעה נאך האלבער נאכט, האט זיך פלוצלונג אבגעשטעלט פאר דעם הויז פון דער ענונה א שעהנע קארעטע מיט פיער פערד, און דער פורמאן האט אנגעקלאפט און דער טהיר און האט געפרעגט דער אלטער

קעכין

קעכין וועלכע איז נאָך געווען וואַך. „צו וועמען געהערט דאָס הויז?“ די אַלטע האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון דער ענונה. איז דער פוהרמאַן צוריק געגאַנגען צו דער קאַרעטע און האָט געזאָגט דעם נאָמען פון דער ענונה פאַר דעם מענש וואָס איז געזעסען אין דער קאַרעטע. דער זעלבער מענש וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי זעהר אַ רייכער סוחר האָט, דערהערענדיג דעם נאָמען, אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און ער האָט געזאָגט „געלויבט איז גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט מיך געפיהרט אויף דעם אָרט'ן וועג. דאָרט ווי מיין הויז איז“. באַלד איז ער אַרויס געגאַנגען פון דער קאַרעטע און איז אַריינגעגאַנגען אין זיין הויז אַריין. די אַלטע קעכין האָט דערווייל אויפגעוועקט איהר בעלהבית'טע. דער מאַן און ווייב האָבען זיך דערקענט און עס איז געוואָרען אַ גרויסע שמחה צווישען זיי אין דעם הויז.

אַז דער מענש האָט זיך שוין געהאַט אַביסעל אָבגערוהט פון וועג. האָט ער געפרעגט זיין ווייב פאַר וועמען האָסטו עס זיך אַזוי פאַרבערייט, פאַר וועמען האָסטו עס אָנגעצינדען אַזוי פיל ליכט? און אויף וועמען האָסטו עס אויסגעקוקט? האָט איהם זיין ווייב גיענטפערט. דאָס האָבען מיר זיך עס אַזוי פאַרבערייט צוליב דיר. מיר האָבען געוואַרט און אויסגעקוקט אויף דיר און אויף דיין קומען. אָבער פון וואַנען האָסטו געוויסט אַז איך וועל היינט קומען? האָט איר דער מאַן געפרעגט. איך בין געווען ביי דעם שפּאָלער זיידען. האָט איהם זיין ווייב גיענטפערט, און ער האָט מיר געזאָגט מיט דריי חדשים פריהער, אַז דו וועסט קומען היינט ביינאַכט. דער מאַן האָט זיך דאַרויף זעהר פערוואונדערט און ער האָט געפרעגט „צו איז דער שפּאָלער זיידע אַ אַלטער מאַן מיט אַ גרויז גראָהע באָרד, און ער האָט אין זיך די און די סימנים“? האָט איהם זיין ווייב גיענטפערט, „יאָ! אָבער פון וואַנען קענסטו איהם?“ האָט איר דער מאַן דערצעהלט די מעשה. אַז אין די פינפצעהן יאָהר וואָס ער איז נישט געווען מיט איר צוזאַמען, האָט ער נישט געשריבען אוים שלעכטיגקייט. נאָר דערפאַר וויל ווען ער איז געקומען נאָך דאַנציג. האָט ער דאָרט איינגעהאַנדעלט אַסך סחורות, און האָט ביי זיי זעהר פיל פערדינט. דערפאַר איז ער געווען זעהר פערנומען אין יעדען טאָג, און וואָס ער האָט געוואָלט שרייבען אַ בריעף אַהיים, האָט זיך איהם אַזוי געמאַכט אז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט און ער האָט גענומען אָבלעגען דאָס שרייבען, צום ערשט פון איין טאָג אויפ'ן אַנדערען, דערנאָך פון איין חודש אויפ'ן אַנדערען, ביז פון איין יאָהר אויפ'ן צווייטען, און דאַמאָלס האָט ער שוין אין גאַנצען פערגעסען אין זיין הויז. ער וואָלט געווען אַהיים געפאָרען, האָט ער אָבער נישט געקענט צוליב די פיל חובות וואָס ער האָט דאָרט געהאַט אָנגענומען. נאָר דאָ מיט דריי חדשים צוריק. האָט איר מאַן ווייטער דערצעהלט, איז צו מיר געקומען אַן אַלטער מאַן, און ער האָט מיר געזאָגט „זעה דו זאָלסט שנעל פערענדיגען דיינע אַלע עסקים, און זאָלסט אַהיים פאָרען, בעווייל דו האָסט איבער געלאָזט דיין ווייב אַן ענונה שוין פופצעהן יאָהר. איך האָב נישט

נעקוקט

געקוקט אויף זיינע רייד און ער איז צו מיר יעדען טאג געקומען מיט די זעלבע רייד. אז דער אלטער מאן האט געזעהן אז עס נעהמט אוועק א צייט און איך פאלג איהם נישט. האט ער מיר געזאגט „זעה האב רחמנות אויף דיר און פאהר אהיים. ווען נישט וועסטו דערפאר מיט דיין לעבען בעצאלען״. איך האב איהם אבער אויך דאמאלס נישט געפאלגט, ווייל איך האב דארט געהאט זעהר פיל חובות אנצונעמען, און דאס האב איך נישט געקענט דורך אזא קליינער צייט. דאמאלס האט נישט לאנג געדויערט און איך בין פלוצלונג אוועק געפאלען אין א שטארקע געפעהרליכע קרענק. דא האב איך זיך ארומגעזעהן אז איך האלט שלעכט. מיין קראנקהייט האט זיך איבער מיר געשטארקט פון טאג צו טאג. על כן האב איך שוין דאמאלס בעשלאסען אז איך זאל אהיים פארען. דער אלטער מאן איז ווידער צו מיר געקומען און ער האט מיר בעשטימט א צייט, אז נאר אין דעם טאג זאל איך ארוים פארען, און איך האב איהם געמוזט פאלגען. פון די חובות איז מיר שוין נישט געבליבען קיין סך אבצונעמען, על כן האב איך איהם געפאלגט און איך בין ארוים געפארען אין דעם זעלבען טאג וואס ער האט מיך געהייסען, צוליב דעם גרויסען רעגען וואס האט זיך פלוצלונג די גאנצע נאכט געמאכט האב איך שוין געוואלט, ווען איך בין פערביי געפאהרען א גאסט הויז, דארט איבער־נעכטיגען. אבער פלוצלונג האב איך אויך דארט דערזעהן דעם אלטען מאן און ער האט מיר געזאגט, דו זאלסט שוין אהיים פארען, דו זאלסט זיך אין רעגען נישט פערזוימען״. על כן האב איך ווייטער געמוזט פארען, חאטש עס איז געווען אזא מורא׳דיגע פינסטערע נאכט. נאר אז איך בין געקומען אין שטאדט אריין, האב איך שוין אין קיין הויז נישט געטראפען אז עס זאל זיך נאך ברענען עפעס א ליכט. האב איך זיך גוט אומגעקוקט און געזוכט א הויז ווי איך זאל קענען אריינגעהן. און אז איך האב דערזעהן דאס אין דעם הויז ברענען נאך ליכט, האב איך געהייסען דעם פוהרמאן, אז ער זאל דא אהער צופארען. אבער ווי נאר איך בין נעהנטער צו דעם הויז צוגעקומען, האב איך זיך דערמאנט לויט ווי איך האב נאך געדענקט, אז דאס איז מיין אייגען הויז. על כן האב איך צוגעשיקט מיין פוהרמאן, ער זאל געהן זיך נאכפרעגען ווער דא וואהנט. דאמאלס בין איך אריינגעגאנגען און איך האב זיך דערפרייד. דערפאר וואס גאט האט מיך געפיהרט אין דעם גלייכען וועג.

איך פערשטעה אויך יעצט, האט דער מאן איר ווייטער דערצעהלט. אז דער זעלבער צדיק וואס האט דיר מבטיח געווען דעם טאג פון מיין קומען דאס איז געווען דער זעלבער וואס האט מיך פון דארט דא אהער געטריבען. געלויבט צו גאט וואס איך האב דיך נאך געטראפען א לעבענדיגע. יעצט זאלען מיר ביידע פארען צו דעם שפאלער זיידען. און מיר זאלען איהם דאנקען פאר דעם וואונדערליכען גוטס, וואס ער האט צו אונז בעוויזען.

## ווענען די זוהן פון שפאלער זיידען.

מען האט אמאהל נעפרעגט דעם שפאלער זיידען, וואס איז די מעשה פאר וואס זיינע זיהן זענען נאר פשוטע בעלי בתים. האט דער שפאלער זיידע געענטפערט, אז איידער זיין נשמה איז אראבגעקומען אויף דער וועלט האט ער זיך אויסגעבעטען דריי זאכען. א) ער זאל גישט פארגעסען די תורה וואס ער האט גילערענט אין הימעל. ב) ער זאל קיינמאהל נישט האבען אין זיך קיין שום קראנקהייט, כדי ער זאל קאנען שטענדיג דינען דעם אויבערשטען אויף דער וועלט, אזוי ווי די מלאכים אין הימעל. ג) אז ער זאל האבען זיהן נישט קיין תלמידי חכמים נישט קיין רבנים, נאר נאר פשוטע בעלי בתים. ביי דעם האט דער שפאלער זיידע נאך געזאגט מיט א שמייכעל די ווערטער. אז אין הימעל האט ער נישט געוואלט זאגען זיין מיינונג, אבער דא מעג ער שוין אויסזאגען אז זיין כונה איז ביי דעם געווען צוליב צוויי טעמים. איינס. ער זאל עס נישט אויסקומען אמאהל ווערכען איד עפעס אויף א האר אן עולה צו טוהן צוליב זיינס א זוהן, ווארען ער וועט דאך האבען אן ארט זיך צו לערנען א היתר. סטאט'ש מיין זוהן איז דאך עפעס א תלמיד חכם. צווייטענס. ער זאל קאנען שטענדיג ממליץ זיין גוטס אויף אידען, אזוי ווי ער האט געפלעגט שטענדיג טענה'ן צום הימעל. רבונו של עולם פאר וואס זאלסט דו נישט ליב האבען אלע אידען און געבען זיי אלדעם גוטס. זיי זענען דאך דיינע קינדער, און ווערען אנגערופען בנים למקום. אה דו טענה'סט, אז זיי זענען קיין לייט נישט. זעה דעם שפאלער זיידענס קינדער זענען אויך נישט קיין תלמידי חכמים, פון דעסט ווענען האט ער זיי ליב, און איז זיי מקרב, און ער זעהט עס זאל זיי קיינמאהל גאר נישט פעהלען.

---

## א מליצה טובה פון שפאלער זיידען אויף אידען.

מען האט גיפרעגט הערען פון שפאלער זיידען אז ער האט אזוי געטענה'ט צום הימעל. רבונו של עולם! פאר וואס מאכסט דו אזוי גרוים הרעשות אויף אידען. דעם שכר פון עולם הבא פאר די צדיקים, און דעם עונש פון גיהנם פאר די רשעים האסט דו בעהאלטען אין דעם הייליגען ספר „ראשית חכמה" און אין נאך אנדערע הייליגע ספרים, וואס דאס איז אלץ דעם יצר טוב'ס טענות אבער דעם יצר הרע'ס טענות, דהיינו די גאנצע עולם הזה מיט אלע איהרע תענוגים, האסט דו גישטעלט דעם מענש פאר די אויגען, ער זאל אויף זיי שטענדיג קוקען. איך קאן דיר שווערען ביי מיין הייליגע ווייסע בארד, אז ווען דו וואלסט בעשאפען פארקערט. דהיינו אז ווען דעם שכר פון עולם הבא פאר די צדיקים, און דעם עונש פון גיהנם פאר די רשעים וואלסט דו געשטעלט אויף דער וועלט

דער

דעם מענש פֿאַר די אויגען. און די אַלע תאוות פֿון דער עולם הזה וואָלסט
דו געוועזען אַריינגעשטעלט אין „ראשית חכמה“ מיט נאָך אַנדערע ספרים,
וואָלט געווים קיין איין איד פֿאַר דיר נישט געזינדיגט. אַלזאָ וואָס ווילסט דו
האָבען פֿון דעם ביסעל אידען!

---

## נאָך אַ מליצה טובה פֿון שפּאָלער זיידען אויף אידען.

עס איז אַמאָהל אין שפּאָלער זיידענס צייטען געוועזען אַ הונגער־יאָהר
און אַ גרויס יקרות אין רוסלאַנד. עס פֿערשטעהט זיך, אַז פֿון דעם האָבען
געליטען אַממיינסטענס די אָרימע באַפֿעלקערונג, צו וועלכע דער שפּאָלער
זיידע איז שטענדיג געוועזען אַזוי ווי אַ פֿאָטער. און פֿון דעם הונגער האָט
דער שפּאָלער זיידע געהאַט זעהר גרויס צער, וואָס ער קאָן זיי נישט
אַרויסהעלפֿען אין דער גרויסער נויט, אַזוי ווי זיין געוואָהנהייט איז שטענדיג
געוועזען. החוץ דעם האָבען זיך אויך כמעט אַלע צדיקים פֿון יענער צייט
גיווענדעט צום שפּאָלער זיידען, פֿאַר וואָס ער איז נישט מרעיש עולמות
אין הימעל וועגען דעם הונגער, בעוויל די אַלע צדיקים האָבען עס
געהאַלטען אַז ער האָט די גרעסטע דעה אין הימעל. האָט דער שפּאָלער
זיידע צוזאַממען גערופֿען קיין שפּאָלי צעהן צדיקים, און האָט זיי
אַנידערגעזעצט זיי זאָלען זיין דיינים. און ער האָט פֿאַר זיי געזאָגט,
אַז ער האָט אַ דין תורה צוהאַלטען מיט׳ן רבונו של עולם, און ער האָט
אַזוי געזאָגט. איך ליב בן רחל, אַלס פֿאָרשטעהר פֿון דעם הייליגען פֿאָלק
אידען, האָב אַ טענה צום רבונו של עולם ער זאָל אַליין אויך מקיים זיין
די דינים פֿון דער הייליגע תורה וואָס ער האָט אונז גיגעבען. אין די
הייליגע תורה שטעהט, אַז אויב איינער קויפֿט זיך אַ אידישען קנעכט,
איז דער בעל הבית מחויב צו געבען פּרנסה דעם קנעכטס ווייב און
קינדער. היינט אַז דער רבונו של עולם האָט דאָס פֿאָלק אידען געקויפֿט
פֿאַר קנעכט אויף עוויג, אַזוי ווי ער האָט אַליין אָנגעשריבען אין
דער הייליגער תורה. „כי לי בני ישראל עבדים, עבדי הם“. און דורך
יחזקאל הנביא האָט דער אויבערשטער געשיקט זאָגען נאָכ׳ן חורבן, אַז
דער אַלטער קאָנטראַקט איז געבליבען אויף ווייטער. דאָס הייסט אַז אין
גלות זענען אידען אויך זיינע קנעכט. קומט דאָך אויס אַז אידען זענען
דעם אויבערשטענס „עבד עברי“, היינט פֿאַר וואָס לאָזט דער רבונו של
עולם הונגערען די ווייבער מיט די קינדער פֿון זיינע קנעכט? פֿאַר וואָס
פֿערזאָרגט ער זיי נישט מיט פּרנסה? אַה אפשר האָט דער רבונו של עולם
אַ מ[illegible]ה, אַז די קנעכט פֿיהרען זיך נישט אַזוי ווי עס דאַרף זיין, און
זיי דינען נישט בשלימות. נו דאָס וויל איך טאַקי אויך זעהן ווי דער
דין שטעהט, אַז דאָס איז אַ גוטע טענה קעגען דעם קנעכטס ווייב
און קינדער. איך פֿערשטיי אַז דער דין איז, אַז אפֿילו דער בעל הבית

האָט

האָט טויזענד פּריטענציעס צום קנעכט, פֿון דעסט וועגען איז ער אַלץ מחויב צו געבען פּרנסה זיין ווייב און קינדער, כל זמן דער בעל הבית האלט דעם קנעכט פֿאַר אַ קנעכט, און ער שיקט עם נישט אַרוים פּריי.

די דיינים האָבען זיך אַ קליינע ווילע איבערגעירעדט צווישען זיך, און האָבען אַרויסגעזאָגט אַ פּסק, אַז דעם שפּאָלער זיידענס טענה איז לויט דין תורה אַ אֶמת'ע טענה עס האָט נאָר נישט לאַנג געדויערט נאָך דער דין תורה, און די צייטונגען האָבען אָנגעהויבען שרייבען ידיעות, אַז אַזוי ווי אין „סיביר" איז דאָ תבואות כחול הים. נור עס איז נישט געווען קיין וועג אַריינצופיהרען די תבואות קיין רוסלאַנד, האָט זיך געמאַכט אַ נייעס, אַז גרויסע אינזשענירען האָבען געפונען אַ גוטען וועג, און אַז מען האָט שוין אָנגעהויבען אַרוים צו פיהרען פון „סיביר" טויזענדער קערץ תבואה, וועלכע וועלען אין אַ חודש אַרום זיין שוין פערשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. און דורך די ידיעות פון די צייטונגען האָט זיך באַלד געמאַכט אין רוסלאַנד אַ גרויסער זול און די אָרימעלייט זענען זאַט געוואָרען.

---

דער שפּאָלער זיידע האָט אָנגעגרייט מעהל אויף מצות פאַר אַ גאַנצע שטאָדט, איידער די שטאָדט איז פאַרברענט געוואָרען.

דער שפּאָלער זיידע האָט אַמאָהל באַלד נאָך פורים גענומען זיך ענערגיש אַרומצופאָהרען צו שאַפען פיעל געלד און האָט אָנגעקויפט פיעל ווייטץ. דעם ווייטץ האָט ער געלאָזט מאָהלען און האָט אָנגעגרייט פיעל מעהל אויף מצות דער עולם האָט גאָר נישט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ מיינונג ער האָט דערביי. און פאַר וועמען ער גרייט דאָס אָהן. דריי טאָג פאַר פסח האָט זיך געמאַכט אַ שרפה אין אַ גרויסע שטאָדט נישט ווייט פון שפּאָלי. און די גאַנצע שטאָדט איז אָנגעברענט געוואָרען, און העכער ווי טויזענד אידישע פאַמעליעס זענען אַרויס אָרים און נאַקעט. און פון מצות איז דאָך געווים גאָר קיין שמים נישט געווען עס זאָל ביי איינעם פון די נשרפים זיך געפונען. דאַן האָט דער שפּאָלער זיידע געלאָזט דאָס גאַנצע מעהל אויסבאַקען אויף מצות און איז אַליין אַהין געפאָהרען אין די אָנ־געברענטע שטאָדט אַריין, און האָט דאָרט די מצות איינגעטיילט צווישען די נשרפים. דאַן האָט יעדער געזעהן דעם קלאָרען רוח הקודש וואָס עס האָט זיך געפונען ביי דעם שפּאָלער זיידען, אַז ער האָט פֿאָראויס געזעהן דעם גזר דין פון דער שטאָדט און האָט אָנגעגרייט די רפואה נאָך פֿאַר די מכה

---

## דער שפּאָלער זיידע אַלס בחור ביי דעם גרויסען צדיק ר׳ פּנחס׳ל קאָריצער ז״ל.

ווען דער שפּאָלער זיידע איז נאָך געווען אַ בחור. איז ער אַוועק פֿון דער היים צו דעם גרויסען צדיק ר׳ פּנחס׳ל קאָריצער ז״ל. און ער האָט דאָרט געלערענט עטליכע יאָהר. אַזוי ווי עס איז אויבען בעשריבען אין דעם ערשטען חלק פֿון דעם כפר. דאָרט האָט מען עם גערופֿען „דער גרויסער בחור״. האָט זיך געמאַכט דאָרט אַז דעם רבי׳ן ר׳ פינחס׳לס אַ טאָכטער, די רבנית מרת שרה רחל שיינדיל איז שלאַף געוואָרען אויף אַ שווערער קדחת, וועלכעס עס האָט זיך גערופֿען „פויל פיבער״. האָט די טאָכטער געשטאָרעט ביי דעם פֿאָטער דער הייליגער צדיק ר׳ פּנחס׳ל, ער זאָל אויף איר מתפּלל זיין זי זאָל געהיילט ווערען. האָט ר׳ פּנחס׳ל געזאָגט צו דער טאָכטער. גיי צום גרויסען בחור און זאָג עם פֿון מיינעט־וועגען, ער זאָל זאָגען פֿאַר דיר איין קאַפּיטעל תהלים, וועסט דו האָבען אַ רפואה שלימה. די טאָכטער האָט אַזוי געטוהן, און זי איז טאַקי באַלד געהיילט געוואָרען.

# אזהרה גדולה

דאָס איז בידוע על פי דין תורה אַז יעדער מענש האָט אַ כח צו אסור׳ן זיין זאַך בהנאָה אויף דער גאַנצער וועלט. אַלזאָ האָב איך נ׳אסור׳ט בהנאה אויף יעדען מענש. אַז קיינער זאָל נישט מעגען נאָכדרוקען דאָס ספר „שפּאָלער זיידע״ סיי מיט דעם נאָמען און סיי מיט אַנ׳אַנדערען נאָמען. נישט אינגאַנצען און נישט קיין טייל דערפֿון. אויסער די מוכרי ספרים וואָס האָבען פֿון מיר אַ ערלויבעניש דאַרויף. דער וואָס וועט ח״ו משיג גבול זיין. אויסער דעם וואָס ער וועט עובר איסור זיין כל ימיו וועט ער נאָך אויך געוויס בעשטראָפט ווערען לויט דעם געזעץ פֿון דער רעגירונג:

אויף עסטרייך און אונגאַרען איז דער זכות פֿון דעם ספר אָבגעשריבען געוואָרען גיזעצליך על שם הגביר ר׳ יצחק גרינבערג פֿון קראקא.

דברי המחבר והמו״ל.